STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04372

VAMPIR

Hanns Heinz Ewers

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

386-d

האַנס היינץ עווערס

וואַמפּיר

א פאַרווילדעטער ראָמאַן אין שטיקער און פאַרבן

יידיש: עלים באָרנשטיין.

מיט דער הקדמה פון מאַקס עריק

JEWISH CULTURE CLUB OF SASKATOON
אידישער
קולטור פאראיין
סאסקאטון

פאַרלאַג בזשאָזאַ
וואַרשע 1928

Printed in Poland.

„WAMPIR" EWERSA

Wydawnictwo BRZOZA
Warszawa 1928.

Druk. Lewin-Epsztein
Warszawa, Pawia 38.

ערשטע טייל

JEWISH CULTURAL CLUB - OF SASKATOON -
אידישער
קולטור פאראיין
סאסקאטון

אידישער
קולטור פאראיין
סאסקאטון
JEWISH CLUB · OF SASKATOON ·

האַנס היינץ עווערס

איך האָב ערגעץ־ווו געלייענט עווערסעס אַ הקדמה צו קלאָד פאַרערס אַ בוך; אָדער אפשר איז עס געווען פאַרקערט, פאַרער האָט אָנגעשריבן אַ הקדמה צו עווערסעס אַ בוך — ס׳האָט מיר ווייניג אויסגעמאַכט. וואָס פאַרא שייכות האָט דער מחבר פון דער „שפין״ צום פאַרפומירטן, געפודערטן און פריזירטן פראַנצויז? „דער וואַמפיר״ טראָגט א ביי־טיטל: „אַ פאַרווילדערטער ראָמאַן״! און באמת זענען אַלע ווערק עווערסעס פראָדוקטן פון אַ פאַרווילדערטער צייט, און דיזעלבע אומגליקלעכע תקופה האָט געבוירן אויך פאַרערס שאַפן. פאַרער איז אָבער איר האָפנונגסלאָזע פלאַכקייט, ווי עווערס איר גרויסע פראָבלעמאַטיק.ביידע זענען שטאַרק אין דער אינטריגע און אינם דיאַלאָג, — וואָס איז אָבער, סוף־כל־סוף, אַ נעבנזאַך ביי עווערסן, און באַטייט אַלץ ביי פאַרערן, — זיין ירושה ביי דער גרויסער טראַדיציע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, וועלכע ער איז באַלד געלאָפן אויסטוישן אויפן קליינגעלט פון בולוואַרטיפקייט און פאַרפודערן מיט זיסלעכער פאָרנאָגראַפיע. ער האָט אָפּגעטויט אַ סך פון מיינע סימפּאַטיעס צו דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, ער האָט מיר געוואָרפן אַ חשד אַפילו אויף די געמיטלעכע חכמה פונם אַבבע קואַניאר, — און ליידער איז „דאָס

פאַרעריטע" נישט אַ פאַראייגצלטע דערשיינונג, ט'איז אַ ירושה און אַ טראַדיציע און אַ צושטאַנד און אַ ליטעראַטור - טיפּ.

עווערסעס וואָרצלען דאַרף מען זוכן אין דער צייט, נישט אין דער ליטעראַטור פון זיין פאָלק. די היינטיקע דייטשע ליטע-ראַטור איז איבעריקנס אַליין אָן וואָרצלען, תוהו ובוהו הערשט אין איר, ס'רעגירט נישט אין איר קיין איין פירנדיקער געדאַנק, קיין איין לייטנדיקער גייסט. גענוג זיך צו באַקענען מיט די לעצ-טע ווערק פון גערהאַרט הויפּטמאַן, בכדי צו באַוווּנדערן דעם כוח פון כאַאָס, וואָס האָט באַהערשט אפילו דעם אָרגאַניזירטן טאַלאַנט פונם מחבר פון דעם „פאַרזונקענעם גלאָק". די פען, וואָס האָט אָנגעשריבן „די וועקער", שאַפט די זיסלעכע אידיליע פון „כופר פון סאַאַנע", ווו ס'איז פאַרפלאַכט געוואָרן אַ דאָסטאָיעווסקי=ווירדיק פּראָבלעם, שאַפט די נאַרישע און נאַיווע אוטאָפּיע פון דער „אינדזל פון דער גרויסער מוטער". מען וויל אַנטלויפן פון לחלוטין גע-דאַנקענלאָזער דייטשער ווירקלעכקייט, מען אַנטלויפט נישט ווייני-קער געדאַנקלאָז און אומבאַהאָלפן. עווערס איז פולקאָם איזאָלירט אינם דייטשן פאָלק; ס'האַסט אים די שרייבער-סביבה, ס'פאַראַכירט אים די קריטיק; מיט שנאה און ווידערווילן, אין די הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, דאָך מיט שנאה און ווידערוויליק לייענט אים דער לעזער. ס'איז נישט טראַגיש פאַר אַ קאָסמאָפּאָליטישן טאַלאַנט, וואָס איז פאַראַנקערט אין דער צייט, נישט אינם פאָלק, אָנגענעם איז עס אָבער אויך נישט.

„איינפלוסאָלאָגישע" באַטראַכטונגען וועלן צוריקפירן צו עדגאַר אַלאַן פּאָ, צו דער צוואָה פונם גרויסן אַמעריקאַנישן נאַון. זי איז גוט פאַרפלאַכט געוואָרן, פאַס צוואה. מיט זיין קרימינאַליס-טישער נאָוועלע איז אַרויס אויפן מאַרק קאָנאַן-דאָיל, מיט זיין „אַרטור-גאָרדאָן פּים" — דער מאָדערנער אַוואַנטוריסטישער ראָמאַן. ס'ווערט ביטער אויפן האַרץ, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אין „פּים"

האָט פּאָ אונז אויסגעלערנט אַכטן די אַוואַנטורע, אירע גרענעצן אויסגעשפרייט ביז קאָסמאָס, איר טיף ביז מיסטיק — אַלץ איז ביי די האַגאַרדס, ביי די בוסענאַרס אויפן וועג צום מאַרק פאַרלוירן געגאַנגען. אויך עווערס האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען פּאָס מיסטיק, אָבער בלויז אויפן פּסיכאָלאָגישן געביט איז ער איר ווירדיק געבליבן. —

דער מחבר פון „אַלרוינע" ברויכט נישט קיין עסטעטישע פאַרטיידיקונג. באַרימט געמאַכט האָט אים „אַלרוינע", דאָך פאַרמאָגט עווערס מער שלימותדיקע קינסטלערישע ווערק. „אַלרוינע" איז עווערסעס בעסטער ראָמאַן, אפשר דער איינציק געלונגענער; מיט אַ געוואַלטיקער דיכטערישער אָנשטרענגונג איז געלונגען עווערסן צוזאַמענהאַלטן און קאָנצענטרירן די עטוואָס לויזע פעדים פון דער אַקציע, — אינם „וואַמפּיר" זענען זיי זיך צעקראָכן און דער ראָמאַן איז געוואָרן שטאַרק כאַאָטיש. די סיבה קאָן זיין בלויז די, אַז די קאָנצענטרירונג אין „אַלרוינע" שטאַמט פון דער העלדין גופא. פון איר תמיד אַקטיווער ראָלע, וואָס לייגט אַרויף אַן אייגנאַרטיקן סימבאָלישן קאָלאָריט אויף אַלע האַנדלונגען פון די אַנדערע געשטאַלטן. אויפן גאַנצן גאַנג פון דער אַקציע. פון דעם ערשטן בלעטל אָן אָטעמט, אין הסכם מיט דער אידעע פונם ווערק, א פאַטאַלער כוח, וואָס טרייבט די אַקציע, די געשעענישן, די מענטשן, און שאַפט די נויטווענדיקע איינהייט פונם ווערק, אינם „וואַמפּיר" פאַרמאָגט נישט פראַנק ברוין, דער הויפט־העלד, דידאָזיקע אַקטיוויטעט, איך בין געניגט צו מיינען אַז „אַלרוינע" איז עווערסעס צופעליק געלונגענער ראָמאַן; אַז זיין אייגנטלעכער געביט איז די נאָוועלע, די דערציילונג, ווו די פאָרם צווינגט צום קאָנצענטרירן זיך, דערלויבט נישט דאָס פונאַנדערשפרייטן זיך, דאָס וויייבן אויף פרעמדע שטעגן און זייטנוועגן. קינסטלערישע פולקאָמענהייט דערגרייכט טאַקע עווערס בלויז אין דער נאָוועלע, און זיין בעסטע, שטאַרקסטע ווערק איז „די

שפיז", — אַ זאַך וואו ס'איז נישט איבעריק נישט איין וואָרט, נישט איין פראַגע, נישט איין בילד.

„דער וואַמפיר" איז אַ סנאָביש ווערק, און סנאָביזם געהערט צו די וויכטיקסטע טרייב־כוחות אין ווערסעס קינסטלערטום.

דער ראָמאַן הייבט זיך אָן מיטן אויסברוך פונם וועלטקריג, און ער דערציילט די איבערלעבונגען פון אַ דייטש, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן ווייט פון זיין פאָטערלאַנד אין אַ וועלט פול מיט שונאים. אין די ערשטע בלעטלעך ווערט קלאָר דעם העלד דער אמת, אַז אייגנטלעך האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין פאָטערלאַנד, אין בערלין, מינכען און ביים ריין איז ער געווען נישט מער אינדערהיים, ווי אין ברעטאַניע, אין פראָוואַנס, אין פאַריז. און זיין פאָלק איז אייגנטלעך די קולטור־נאַציע, און אירע פאָרשטייער זענען איבעראַל צעשפרייט, אין אַלע לענדער, צווישן אַלע פעלקער — דאָס אַלץ איז אמת. און דאָך — און דאָך איז די מאַכט פונם אמת זייער שוואַך. שוואַכער פאַר די סנאָבישע אידעע, אַז דער פאַטריאָטישער מענטש איז אַ מער חשובער, אַ העכערער געזעלשאַפטסטיפּ, און אַלזאָ מוז מען ווערן אַ טייל פון דער מחנה, פון דער טעמפּער, ליגנעריש־עזותדיק אָפּגעגאַרטער, צו דער שחיטה געפירטער סטאַדע שאָף, און אַלזאָ מוז מען ווערן אַ שטיקל פראָפּאַגאַנדיסט און אַ שטיקל שפּיאָן און אָפּטון די גאַנצע מיאוסדיקע אַרבעט, וואָס אַ מלחמה־אַגענט דאַרף טון אין נאָמען פונם פאַטריאָטיזם. זיין פאַטריאָטיש נישט זייענדיק קיין פאַטריאָט איז אָדער געמיינהייט אָדער נאַרישקייט. ביי ווערסן האָבן מיר צוטון מיטן צווייטן פאַל: סנאָביזם איז נישט קלוג.

דער הויפּט־העלד פון „וואַמפיר" איז פראַנק ברוין. ס'איז שוין אָבער נישט דער פראַנק פון „אַלרוינע", דער לעבעדיקער סטודענט, וואָס אָטעמט מיט יוגנט און אימפּעטדיקן כוח. אַלע גע־

שטאַלטן אינם ראָמאַן — זיי זענען כמעט אַלע פּרויען — זענען באַדייטנדיק שטאַרקער, אַקטיווער און אינטערעסאַנטער פונם הויפּט־העלד, וואָס ווערט אין אַ מאָדנער חולשות געוואָרפן אין אַלע זייטן, אי דורך דעם געשיכטלעכן שטורם, אי דורך דער אַקציע און די אינטריגעס פון די פרויען. דער אמת רייסט זיך אַרויס, אפשר אומבאַמערקט פאַרן מחבר, וואָס איז געגוג בולט אידענטיפיצירט מיטן הויפּט־העלד, אין לאָטע לעוויס ווענדונג צו פראַנק ברוינען: „דו ביסט נישט קיין באַפרוכפּערער, דו נישט! דו ביסט באָדן, ביסט ווייב און מוטערשויס. אַלץ נעמסטו אויף, אַלץ באַפרוכפערט דיך לעבנדיק און מיט געוואַלט, מיט דיין ווילן און קעגן אים. ווי די ערד ביסטו! דאָס איז דער אמת פון דער פעמינישער פּאַסיווקייט פון ברוינס כאַראַקטער. דאַן קומט די סנאָבישע פּראָבלעמאַטיק פונם ווערק: אַ טאָ דער פּאַסיווער, שוואַכער טיפּ דאַרף זיין נישט מער און נישט ווייניקער נאָר אַ וואַמפּיר, אַ גרויזאַם באַשעפעניש, וואָס טרינקט מענטשלעך בלוט, ווערט שטאַרק און מעכטיק נאָר מיט בלוט־פאַרפאַלט אין חולשות, ווען ס׳פעלט אים אויס זיין שוידערלעכער געטראַנק. לאַנגזאַם און סודותדיק דערציילט אונז וועגן דעם עווערס; ער באַמערקט אַליין נישט, אַז שוין פון די ערשטע קאַפּיטלעך האָט זיך דער לעזער אָנגעשטויסן אויפן העלדס זייער שרעקלעכן געהיימניש, און איילט זיך פונדעסטוועגן נישט שוידערן און זיין בלוט פרירט נישט אין די אָדערן. אָבער עווערס שוידערט אַליין, און אַזוי גייען זיי זיך, דער מחבר און דער לעזער, אויף צוויי גאַנץ פאַרשידענע וועגן: ווען דעם מחבר נעמט אָן אַן אימה, לאַנגווײַלט זיך דער לעזער; ער לעבט ערשט אויף, ווען דעם מחבר ווערט אַליין מיאוס די גאַנצע נישטקייט פון זיין מוראדיקן וואַמפּירטום און ער הייבט אָן אַרומבלאָנדזשען אויף זייטיקע וועגן — דאָרט געפינט ער זיין לעזער און לאָזט אים שוין נישט אָפּ.

דער ראָמאַן „וואַמפּיר” טיילט זיך אין 15 קאַפּיטלעך, יעדער קאַפּיטל טראָגט דעם נאָמען פון אַן איידעלען שטיין און אַ

העברעישן מזל־סימן. עס ווערט דערציילט ביי יעדן קאַפּיטל די־
מיסטישע אייגנשאַפט פונם קאַפּיטל. ס׳דאַרף האָבן אַ שייכות צו
לאָטע לעוויס ווילדע פּלפּולים וועגן דעם אורים ותומים, וואָס וויל
אין א פּאַטריאָטישער יויך צוזאַמענשמעלצן יידנטום און דייטשטום.
אַלץ צוזאַמען פליסט אַרויס פון עווערסעס סנאָבישער איבערצייגונג
וועגן דער מיסטישער ריכטונג פון זיין טאַלאַנט. עווערסעס שאַפן
האָט אָבער נישט קיין שום אינערלעכן מיסטישן שטריך. דער קערן פון
מיסטיק איז די איבערצייגונג, אַז ס׳עקזיסטירן נישט קיין ממשותדיקע
צוימען, קיין ממשותדיקע מכשולים צווישן מענטש און גאָטהייט,
קאָסמאָס, אַז ס׳איז צוליב דעם מעגלעך זייער יחוד. פאַרן אידעאַ־
ליסטישן מענטשן, וואָס גלויבט אין דער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ
פון אַ דעמאָנישן, שלעכטן כוח, מוזן אַנטשפּרעכנדיק עקזיסטירן צוויי
מינים פון מיסטיק: „ווייסע" מיסטיק, וואָס זוכט די וועגן פון גאָט,
און „שוואַרצע" מיסטיק, וואָס וויל געפינען דעם וועג צום דעמאָניש־
טייוולאָנישן עלעמענט. עווערסעס מיסטיק דאַרף אַלזאָ געהערן צו
אָט דער צווייטער קאַטעגאָריע; אין אַ רייע ווערק, הויפּטזאַכלעך
אין „אַלרוינע" און „דעם מכשפס תלמיד" שילדערט עווערס דעמ־
דאָזיקן זעלבשטענדיקווירקנדיקן, פאַטאַלן דעמאָנישן כוח, און אַ
סך גלייבן מיר נישט עווערסן, נישט וויל מיר גלייבן נישט בכלל
אין דער מעגלעכקייט פון שוואַרצער מיסטיק און
שוואַרצער מאַגיע; עס האַנדלט זיך דאָ אַבסאָלוט נישט
וועגן דעם לאָגישן, עטישן אָדער רעליגיעזן אמת, עס האַנדלט זיך
וועגן דעם קינסטלערישן אמת: דער קינסטלער עווערס איז נישט
אימשטאַנד אונז איבערצוציינן, אַז ער אַליין גלויבט
אין דעם, אַז ס׳איז אַן אָרגאַניש באַשטאַנדטייל פון זיין
וועלט־אָנשויונג. צוליב דעם פאַרוואַנדלט זיך ביי עווערסן דער
דעמאָניזם אין אַ שטאָף פאַר קינסטלערישער פאַנטאַסטיק, פּונקט
ווי גיעלערופס „פילגער קאַמאַניט" איז נישט אַ בודיסטישער ראָמאַן,
ס׳איז בלויז אַ ראָמאַן, וווּ בודיזם איז געוואָרן אַ פאַנטאַסטיק־שטאָף־

עווערסעס מיסטיק איז אַלזאָ בלויז אַ קינסטלערישער שטאָף אָן עסטעטישער, נישט עטישער אָביעקט, און זיין מער אָדער ווייניקער אויפריכטיקע מיסטישע איבערצייגונג דערשיינט אונז אַלס סנאָביזם־פּראָדוקט. בכדי צו פֿאַרענדיקן מיטן גאַנצן סנאָביזם־ענין, זאָל דערמאָנט ווערן, אַז דיכטער זענען זעלטן פריי פֿון אָט דער זינד, און נישט נאָר דיכטער; זינדיקן זיי נישט בזדון, טוען זיי עס אומבאַוווסטזיניק, בשוגג פֿאַרראַטן זיי עס אין זייערע ווערק; פֿאַרהוילן זיי עס אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד, שרייט עס אַרויס זייער נשמה אין מאָמענטן פֿון גייסטיקער אַדאָראַציע; דאָס ערשטע ווערק פֿונם משוגע־געוואָרענעם ניטשע איז געווען „עקצע האָמאָ", אַ ווערק פֿון ווילדן סנאָביזם. אַפילו זשעראָמסקי, דער מחבר פֿון באַרימטן ביכל „סנאָביזם און פּראָגרעס", פֿאַרגעסט, אַז אויך אין זיין דידאַקטיש־מגידישער טעטיקייט די לעצטע יאָרן, אין זיין דרשענען ex cathedra שטעקט אַ היפּשע דאָזע פֿון אייגנאַרטיקן סנאָביזם. אַ ווערק פֿון בולטן, אַמאָל הומאָריסטישן, אַמאָל קאָמישן, סנאָביזם איז עווערסעס „אינדיע און איך".

„דער וואַמפּיר" איז אַלזאָ ווייניקער געלונגען, צוליב דער פֿאַרפֿעלטער, קנאַפּ איבערצייגנדיקער הויפּטפּראָבלעמאַטיק פֿונם ראָמאַן, אינם קעגנזאַץ צו דער לאָגישער, קאָנסעקווענטער אַנטוויקלונג פֿונם אַלרוינע־ראָמאַן. אומבאַמערקט פֿאַרן מחבר איז „דער וואַמפּיר" פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ראָמען־ראָמאַן. די מעלות פֿונם „וואַמפּיר" דאַרף מען זוכן אויף די זייטנוועגן, קודם־כל אין דער פֿונאַנדעראַרבעטונג פֿון דער עפּיזאָדישער סיטואַציע. זי איז אַ פּסיכאָלאָגישע, און דאָס נייס, וואָס עווערס האָט אַריינגעבראַכט אין דעם ליטעראַטור־פּסיכאָלאָגישן מעטאָד באַשטייט ע ר ש ט נ ס אין דעם. וואָס בעת פֿריער האָט מען זיך באַגרענעצט מיטן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פֿון דער מענטשלעכער נשמה און פֿון אירע אינעווייניקסטע געשעענישן, שפּרייט אים עווערס אויס אויך אויף דעם אויסערלעכן געשעעניש, די אויסערלעכע סיטואַציע. נישט די געפֿילן פֿון צוקוקער ווערן געגעבן; די פּסיכאָלאָגישע אַנטוויק־

לונג ווערט פאַרזעצט אינם געשעעניש גופא. ווי ס'וואָלט געלעבט און אייגענעם לעבן, ווי ס'וואָלט געהאַט אייגענע דינאַמישע געזעצן. צווייטנס, — דאָס איז מעגלעך געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס עווערסעס פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען ווערן רעגירט, אין קעגנזאַץ צו דער נאַטוראַליסטישער שול, נישט דורכן דאָזיקן פּרינציפּ, ווען איין סיבה רופט אַרויס די אַנדערע, נאָר לויטן פּרינציפּ פון אַן אייגענער פאַטאַלער באַשטימונג, ווו דער סוף איז לכתחילה געגעבן, און צו אים קייטלט זיך די אַנטוויקלונג. אַזוי אַרום גיט עווערס די טעלעאָלאָגיע פון סיטואַציעס, צי איז עס די פּסיכאָלאָגיע פון אַ שיף, וואָס ווערט געטריבן פון איין פּאָרט צום אַנדערן, מחמת ס'בושעוועט אויף אים דער געלער טויט, און ס'לויפט צו אַ טונקעלן און פאַטאַלן סוף; צי איז עס די באַשרייבונג פון אַן אָקסן-שלאַכט, צי פון אַ מעקסיקאַנישן טאַנץ; אומעטום צאַפּלט זיך די סיטואַציע אין די נעצן פון דער אייגענער פּרעדעסטינאַציע. מיטן פאַטאַליזם פון דער פּסיכאָלאָגישער אַנטוויקלונג דערנענטערט זיך עווערס אַממייסטן צו דער צוואה פונם גרויסן פּאָ, דאָ געווינט ער מאַכט. וואָרים טעלעאָלאָגיע איז מאַכט טאַקע צוליב דער געגעבנקייט פונם סוף, אָט איז די וויכטיקסטע סיבה פון דער געוואַלדיקער סוגעסטיע פון עווערסעס קינסטלערישן מעטאָד.

אין דער סיטואַציע אינטערעסירט אַלזאָ עווערסן הויפּטזאַכלעך איר פּראָבלעמאַטיק, ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער ריכטונג פון זיין קונסט. עווערס האָט אַ פּראַכטפולע אויג; אַפילו פון ריין-רעאַליסטישן שטאַנדפּונקט לעבן זיינע טיפּן, זיינע סביבות, אַ שטאַרק בונטן לעבן. און דאָך גייט זיין קונסט פאַרביי דעם יחיד, זיין אינדיווידועלן לעבן, דעם טיפּ. די סביבה, דעם פּלאַנטער פון דער אינטריגע — זאַכן, וועלכע זענען אַזוי עיקרדיק ביי פאַרערן, — וואָרים זי איז פאַרקוקט, פאַרטון אין דער פונאַנדעראַרבעטונג פון אַ באַשטימטן פּרינציפּ. לעבן דעם הויפּט - פּראָבלעם. „דעם וואָס-פּיריזם", באַטראַכט עווערס כּלאחר - יד אַ רייע אַנדערע; מאַנכע

באהאַנדלט ער סנאָביש נישט-אויפריכטיק און גרונט - אויס פאַלש; אַזוי צ. ב. וועגן די מיסטישע אייגנשאַפטן פון איידעלע שטיינער; אָדער די ברייטע, אָריגינעלע, און דאָך קינסטלעכע טעאָריע פון סאַדאָמיזם. מאַנכע ווידער אַזוי טיף און אויסשעפנדיק, אַז זיי קע-נען רויק איבערגיין אין דער וויסנשאַפט און ווערן אַ באַזע פאַר גרינטלעכע פאָרשונגען, אַזוי צ. ב. די פּראַכטפולע דעפיניציע פונם זין פון אַסטראָלאָגיע. אַסטראָלאָגיע, זאָגט עווערס, איז געווען אַ וויסנשאַפט, אַן עכטע וויסנשאַפט, וואָרים מען האָט אין איר גע-גלויבט, וואָרים לויט איר, נישט לויט די אמתע פאַקטן, האָט מען געשיכטע געשריבן און געשיכטע געמאַכט. זי איז געווען אַן אמתע וויסנשאַפט, וואָרים איר צוליב האָט מען געפעלשט דאָס לעבן, און האָבן די פאַקטן נישט געשטימט, זענען זיי, די פאַקטן, געווען די ליגנערס, נישט די אַסטראָלאָגישע געזעצן. אויף די שטערן איז געווען געשריבן, אַז משיח דאַרף קומען און ווען ער וועט קו-מען צו רייטן אויף אַ ווייסן אייזל — און אַז די קאָנסטעלאַציע איז געקומען, זענען צענטליקער יינגעלייט אויפגעשטאַנען טון דעם ווילן פון די שטערן און פּראָקלאַמירט זיך אַלס משיחים, און נישט אַנדערש איז עס געווען מיטן געקרייציקטן יינגן מענטשן פונם גליל. און די עוואַנגעליע דערציילט, אַז ער האָט געטון דעם אָדער יע-נעם שריט, בכדי ס'זאָל דערפילט ווערן דאָס, וואָס ס'שטייט גע-שריבן. ווו איז דען געווען אָנגעשריבן? אין די שטערן.

דאָס עווערסישע געביט איז אַלזאָ דאָס געביט פון פּראָבלע-מאַטיק, דאָס אַלץ, וואָס איז אַ רעטעניש, וואָס האַרט אין שטומער פראַגע. סעזאַם, צו וועלכן מען האָט פאַרלאָרן דעם שליסל,— און אין דעמדאָזיקן געביט גראָבט זיך עווערס אַריין מיט דער ליידנשאַפט און ענטוזיאַזם פון אַ צפנת-פענח, וואָס גלויבט אַז ער האָט געפו-נען די לעזונג, די איינציק-מעגלעכע לעזונג. דער דאָזיקער ליידנ-שאַפטלעכער און גלויביקער ענטוזיאַזם איז איינער פון עווער-סעס סימפּאַטישסטע שטריכן. זיין ענטפער איז נישט אַלע מאָל

דורכגעטראַכט, אָבער אַלע מאָל אויסשעפּנדיק; נישט אַלע מאָל באַפרידיקט ער, אָבער תמיד איז ער אָריגינעל, שאַרפזיניק און אינטערעסאַנט; ער קומט ס׳רוב אומגעריכט אין פּאַראַדאָקסאַל, דאָך מאַכט ער נישט, ווי דער רוב פּאַראַדאָקסן, דעם איינדרוק פון אַ שפּיל מיט ווערטער אָדער געדאַנקען, דער שטאָף פון דער פּראַגע פונם עווערסישן פּראָבלעם, זענען ענטוועדער אַלטע, אויסגעלאָשענע גלייבענישן, פון וועלכע ס׳טיילט אונז אָפּ א תהום פון דורות, און פאַר וועלכע מיר האָבן לאַנג פאַרלאָרן וועלכע ס׳איז פאַרשטענדניש — אין דעם פאַל איז עווערסעס טעטיקייט ראָמאַנטיש: ער רעסטאַווירט די פאַרלאָשענע רעטענישן, פאָרמולירט זיי אויפסניי, באַמיט זיך דערווייזן זייער מציאות אויך אינם היינטיקן לעבן, — ענטוועדער זענען עס היינטיקע. אָבער תמיד אַקטועלע פּאַרוויקלטע און טונקעלע פראַגן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק.

פון דאַנען איז אַרויס דער שטורעם קעגן עווערסעס שאַפונג— פון דער טעמע, נישט פון איר קינסטלערישער רעאַליזירונג — וואָס זאָגט באַלד עדות פון דער קליינבירגערלעכקייט פון די „אַנטיעווערסיסטן”. וואָרים זיין טעמע איז דאָס פּסיכיש־אומנאָרמאַלע, דאָס פּאַרווערטע, און בפרט דאָס עראָטיש־פּאַרווערטע. אין איין פּראַכטפולער נאָוועלע באַהאַנדלט עווערס דאָס פּראָבלעם פון טויטן־שענדונג; אין אַן אַנדער—די פּסיכיק פון סעקסועלער און קינסטלערישער אימפּאָטענץ; אין אַ דריטער—דאָס פּראָבלעם פון פרידלעכן געשלעכטלעכן צוזאַמענלעבן פון אַן אַלטן מאַן און אַ קינד; אין „דער שפּין” גיט עווערס אַן אויסשעפּנדיקע אָפּהאַנדלונג נישט נאָר פון די יסורים פון היפּנאָטישן ווירקן, וואָס ברעכט דעם ווילן און די אינדיווידואַליטעט, נאָר אויך דעם זיסן תענוג, וואָס מישט זיך אויס אין פּיין. די עווערסישע טעמע איז אַלזאָ דאָס פּסיכיש־קראַנקע, ספּעציעל דאָס עראָטיש קראַנקע, פון דעם דאַרף זיין דער פּועל יוצא, אַז אויך די קונסט, וואָס שילדערט אַזעלכע קראַנקע, פּערווערזע דערשיינונגען איז קראַנק, איז שעדלעך, זי איז אַ

פראָדוקט פון אַ פאַרווילדערטער פאַנטאַזיע. נאָך נישט אָנהייבנדיק דיסקוטירן, דאַרף מען פעסטשטעלן אַז ליידער האָט די ווירקלעכקייט, די תקופה פון די לאַנדרסי, פון די מיליאַרדער־זונדלעך אין טשי־קאַגאָ, פון די סאַדאָווסקיס, פון די האַרימאַנס שוין לאַנג איבער־געשטיגן די פּראָדוקטן פון דער עווערסישער פאַנטאַזיע. און ווייטער דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז געוויינטלעך שילדערט די ליטעראַטור אָדער נאָרמאַלע מענטשן אין אַ נישט־נאָרמאַלן, אויסערגעוויינלעכן פעריאָד פון זייער לעבן, אָדער קרענקלעכע, לכתּחילה נישטנאָר־מאַלע טיפּן. אין פּערווערסיע האָט מען באַשולדיקט אַפילו די האַמסונישע ליבע, וואָס באַרוט אויף כּסדרדיקן אָפּט לחלוטין נישט פאַרשטענדלעכן קעגנזייטיקן זיך־פּייניקן.

איך געהער צו די, וואָס גלויבן, אַז ס'עקזיסטירט די מעג־לעכקייט פון אַ קאָנפליקט צווישן עטישע און עסטעטישע ווערטן, להיפּך צו די אולטראַ־עסטעטן, וועמענס מיינונג אויילד האָט פאָר־מולירט אין דער הקדמה צו „דאָריאַן גרעי". ווען אויילד שרייבט דאָרט־אַז ס'זענען פאַראַן בלויז גוט געשריבענע, אָדער שלעכטע געשריבענע ביכער; דאָס איז אַלץ"—איז בלויז דער ערשטער זאַץ ריכטיק. פאַראַן טאַקע בלויז גוט געשריבענע אָדער שלעכט געשריבענע ביכער; ד אָ ס א י ז אָ ב ע ר נ י ש ט א ל ץ. און קאָן זיין ווי קינסטלעריש אַ ווערק, מיר האָבן דאָס רעכט עס עטיש משפּטן, צי געמענדיק אין זכט די כּוונות פונם מחבר, צי די ווירקונג פונם ווערק, די רייכע פאַק־טאָרן. אין וויקטאָר מאַרגעריטס „בחורטע" אַנטשפּרעכן, ווי מיר דוכט, די כּוונות דער ווירקונג—ביידע זענען פּאָרנאָגראַפיש. אין קיפּלינגס בעסטן ווערק— דעם „קים" — איז גראָד פאַרקערט — דער מחבר האָט געהאַט אַ שלעכטע, דזשינגאָיסטישע כּוונה, ער האָט געוואָלט זינגען דעם לויב פונם ענגלישן אָפיציר, פונם ענגלישן שפּיאָן אין אינדיען, און אומבאַמערקט פאַרן מחבר איז דאָס ווערק פאַר וואַנדלט געוואָרן אין אַ הימן פאַרן שטילן, אַרבעטנדיקן און געפּלאָגטן אינדישן פאָלק, און דער הויפּט־העלד איז מיטאַמאָל געוואָרן דער רייכער, צניעותדיקער, אַסקעטישער

לאמא אין די גרויסע שווערע ברילן. בערגעלסאָן האָט קיין שום כוונות נישט אין זיינע ראָמאַנען, און דאָך בין איך גענייגט שאַרף צו פאַראורטיילן זיינע ווערק, וואָס זענען דער העכסטער שווונג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור — צוליב זייער ווירקונג, וואָס טויט אָפּ דעם ווילן, ווייזט אַן אַפּאַטיע, חולשות און יאוש.

דער דירעקטער ציל פון עווערסעס ווערק איז נישט אַן עטישער, ער איז אַן עטיש־פּסיכאָלאָגישער; זיי ווערן געבוירן אויף דער גרענעצליניע צווישן קונסט און וויסנשאַפט, פאַרייניקן צוליב דעם אַלע חסרונות פון קינסטלערישן דילעטאַנטיזם און אַלע מעלות פון קינסטלערישן אינטואיציאַניזם. זייער עטישער ווערט קומט אומ־דירעקט: אינם גרעלן, שאַרפן, אומברחמנותדיקן פאָרמולירן פונם פּראָבלעם, פון זיין דינאַמיק, פון זיינע שרייב־מאָטיוון. עווערס טוט אָפּ אַ האַלבע אַרבעט; ער גיט דאָס פאַרברעכן; זיין אָנמאַכט באַ־שטייט אין דער מעגלעכקייט צו געבן אויך די שטראָף, נישט די יוריס־טישע שטראָף, די שטראָף פון שופטים, אַדוואָקאַטן און פּאָליציאַנטן, נאָר די דאָסטאָיעווסקישע שטראָף, די עטישע מעגלעכקייט פון איבערליידן, אויסליידן, אָפּרייניקן דאָס פאַרברעכן, גענעזן און אויפ־שטיין תחית המתים. דאָס בלייבט שוין די אויפגאַבע פונם גרע־סערן, מער ליכטיקן גייסט. ער וועט קומען, ער מוז קומען, נאָך קיינמאָל זענען נאָך נישט אַזוי נאָענט געווען זיינע שריט — —

אַזוי שטייט עווערס באַלויכטן אינם שאַרפן און שוואַרצן ליכט פון זיין אונטערערדישער וועלט, רייסט מען אַראָפּ פון אים דעם סנאָבישן מאַנטל, די מיסטישע איינבילדונג, דעם דעמאָנישן קאָלאָריט — בלייבט ערשט בולט די גרויסע שטאַרקע פּלאַסטיק פון זיין פּסיכאָלאָגישן טאַלאַנט.

דאָס איז זיין גרויסער פאַרדינסט. — איך סימפּאַטיזיר מיט עווערסעס שאַפן.

מאַקס עריק.



„Now the melancholy God pretect the tailor make thy garment of changeable taffeta, for thy mind is very opal".
Shakespeare, Twelfth—night.

אין דעם יאָר, אין וועלכן די גאַנצע וועלט איז ווי משוגע געוואָרן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין — צום צווייטן מאָל. תמיד פלעגט ער זאָגן: צום צווייטן מאָל; ער האָט נישט געציילט, צי דאָס איז געווען צום זיבעטן, צענטן אָדער צוועלפטן מאָל. דריי יאָר האָט ער שוין געהאַט פאַרווײלט אינדערהיים, העכער דריי יאָר אין זיין אַלטער היים: אייראָפּע.

ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אז ער איז קראַנק; אייראָפּע האָט אים קראַנק געמאכט, דאָס פאָטערלאַנד, וועלכעס ער האָט ליב געהאַט. נאָך אַ יאָר צייט האָט ער עס אַליין געוווסט; נאָך צוויי יאָר האָבן עס געזען זיינע פריינט; נאָך דריי יאָר האָבן עס באַמערקט אַלע, וואָס האָבן נאָר מיט אים גערעדט.

— נערוון...

אָבער ער האָט פונדעסטוועגן געוווסט, וואָס ס'האָט אים געקענט צוריק געזונט מאַכן. אָדער אייגנטלעך: נישט געזונט מאַכן, נאָר צוגעבן אים פרישע כוחות צום נייעם לעבן אין דעם היימלאַנד. ווען ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט די היצן פון די טראָפּיקאַלישע לענדער, ווען ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט

די איינזאַמקייט פון די מדבריות, ווען זיין בענקשאַפט פלעגט זיך באַדן אין די אומענדלעכע ימים...

און געזונט — אָדער כמעט געזונט — איז ער שוין געווען יענעם טאָג אין אַנטאָפאַגאַסטאַ. בלויז אַ קליינער סימן איז איבער־געבליבן, אַ לייכטער, נישט ממשותדיקער, ווייכער און פאַרווילדע־טער. פראַנק בּרוין האָט געלאַכט דערפון, האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס, אויסגעצויגן זיך, און דערשפּירט זיין אַמאָליקע קראַפט, ווען ס'האָט ביי אים יעדער מוסקול געציטערט. ער וואָלט מיט גרויס חשק אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין, צווישן די ים־לייבן, און זיך געלאָזט שווימען מיט זיי נאָך די סטאַיעס הערינג אין האַפן פון אַנטאָפאַגאַסטאַ. דאָס איז געווען אין דעם טאָג, ווען די בליצן פון נאָנטן געוויטער האָבן זיך שוין געצונדן אויפן הימל פונם פאַטערלאַנד, אין דעם טאָג, ווען דאָס געשריי האָט זיך צע־טראָגן איבער דער גאָרער וועלט, דורך אַלע דראָטן אין ים און אויף דער יבשה, דורך די גאַנצע אַטמאָספער אין פונקן־כוואַליעס: דער ווילדער געשריי פון סאַראַיעוואָער מאָרד.

אין האַמבורג איז ער אויפגעוועקן אויף אַ דאַמפער, וועלכער האָט זיך גראָד געלאָזט אין די וועלט אַריין. עס האָט זיך אים גע־דוכטן, ווי ס'וואָלט אים דער אָקעאַן אַליין געטראָגן און נישט די שיף. דער דאַמפער איז פאַר אים געווען נאָר דאָס וויגעלע, וואָס האָט אים געהאַלטן, און ס'האָט אים לייכט געוויגט די אַלמעכטיקע מוטער. זי האָט אים געזונגען, געזונגען אים; ווען ער פלעגט צו־מאַכן די אויגן, האָט ער געקענט פאַרשטיין אירע לידער און ווערטער. —

דערנאָך, אינמיטן ים, באַ סט. פּאַולס־ריף, האָט ער געבעטן דעם קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל אים דערלויבן עטלעכע שעה כאַפּן היי־פיש. נישט באַקומענדיק אָבער קיין דערלויבעניש, האָט ער זיך באַהאַלטן הינטער דעם אינזשעניער; זיי האָבן אַרויסגעצויגן פינף מעכטיקע חיות, אויפגעטרענט זייערע לייבער, ווי ס'טוען עס גע־וויינטלעך די מאַטראָסן, און גאָרנישט געפונען. דאָרט, אינמיטן פון אַטלאַנטיק, איז נישט געווען קיין איבערפלוס אין מענטשנפלייש.

אונטן, אין פּאַנטאַ אַרענס, האָט ער אָנגעטראָפן אַ שמוציקן קאַסטן פון דער לאַ־פּלאַטאַ־רעגירונג, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט צווישן די אינזלען און אַליין נישט געהאַט קיין אַנונג, צו וואָס.

דער קאַפּיטאַן איז געווען אַ באַסקישער באַרגמאַן, ער האָט עפּעס געדאַרפט מאַכן אויסמעסטונגען און אַליין רעכט נישט געוווסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. דער קאָסמאָס-אַגענט אין דרום-האַפן האָט אים אַרויסגעשריבן אַפאַר ציפערן פון אַ דייטשישן בוך, דערפאַר האָט ער באַצאָלט מיט פעל און עס אָפּגעשיקט, מיט אַ סך חתימות, קיין בוענאָס איירעס. קיין שום בן-אדם האָט זיי דאָרט נישט געלייענט.

זיי זענען דורכגעשווימען דאָס פייערלאַנד, אַזש אַהין קיין פּאַטאַגאָניע. דאָרט האָבן זיי געשאָסן גוואַנאַקעס, ווידרעס און גרויסע פיש. האָבן באַזוכט די עלנטע גאָלדגרעבער, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין זוכן, פרירן, זידלען און טרונקען. זיי האָבן זיך אַרומגעשיפט צוזאַמען מיט די אינדיאַנער, וועלכע האָבן נאַקעטע, שמוציקע און פאַרהונגערטע, פאַרקויפט זייער לעבן פאַר אַ קאַפּ שנאַפּס.

אָבער פראַנק ברוין איז געלעגן אויפן דעק, פעסט איינגעהילט, ערגעץ אין אַ בויכטע. האָט געקוקט אויף די בלויע אייזבערג, וועלכע האָבן זיך טיף אַראָפּגעגליטשט אין ים אַריין; האָט געזוכט אין וואַסער אַ פּאָקע אָדער אַ פּינגווין, אַראָפּגעוואָרפן זיי שטיקלעך פעטס און קליינע פישעלעך פאַר די קאַפּ-טויבן און אַלבאַטראָסן, וועלכע האָבן זיך געוויגט ווי גראָבע ריזן-קאַטשקעס. ער פלעגט זיך אָפּליגן, אין די לאַנגע אָוונטן, אונטן אין זיין קאַבינע, אויף פעל, צווישן פעל, גערויכערט, געשפּילט אין שאָך מיט דעם שוועדישן שטייערמאַן.

ער פלעגט נעמען אין האַנט אַריין זיינע אַלטע ביכער, און געטרוימט מיט זיי. זיי זענען געווען גאַנץ ווינציק, אַ זעקס אָדער זיבן: זשאַקאָמינאַ פון ווערדאָנאַ, ברודער פּאַציפיוס, סט. באָנאַווענטורא, זשאַקאָפּאָן דע טאָדי. דער שוועד האָט זיי אָנגעקוקט מיט בטול, קוועטשנדיק מיט די אַקסלען.

ער האָט זיך איינגעקויפט אַ פּאָר פערד ערגיצוווּ, איז געריטן אַרויפצו מיט צוויי אינדיאַנער דורך פּאַטאַגאָניע, געקלעטערט איבער די אַנדן און אַרונטער קיין קאָראָנעל. ער איז אַרויפגעשטיגן אויף אַ קליינעם וואַלפיש-פאַנגער פון דער נאָרוועגישער סטאַציע, איז אַראָפּגעפאָרן, צוגעהאָלפן ביים האַרפונירן, און זיך געהייסן אויסברעכן עטלעכע ציין פון דער שטאַרקסטער חיה.

ער איז דורכגעשווימען דאָס דייטשישע טשילי, און צו צפון-

זייט, מיט דער באַן, דורך דעם שפּאַנישן טשילי. דערנאָך ווידער איבער די אנדן קיין באָליוויע; ער האָט געזונגען און געטרונקען צוזאַמען מיט די דייטשישע אָפיצירן, וועלכע האָבן דאָרט אויסגע־שטעלט פאַר סאָלדאַטן די באָרוועסע מאַלפּעס.

און איצט האָט ער געוואָלט צוריקפאָרן. דער דאַמפּער האָט שוין געוואַרט אין פּאָרט אַנטאָפאַגאַסטאַ — שטאַרק איז ער גע־ווען און געזונט — אין אַלע אברים.

דאָס גרינע וואַסער איז געווען אַזוי קלאָר, אַז מ׳האָט גע־קאָנט אַרונטערקוקן אַ סך מעטער אין דער טיף. דאַן ווידער, האַרט בײַ דער שיף, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ וואָלקן, וואָס האָט זיך בעקנוילט און געהויבן, לייכטנדיק און גלאַנצנדיק, ווי עכטער זיל־בער — הערינג־מחנות, הונדערטער, טויזנטער, הונדערטטויזנטער הערינג. ס׳האָבן זיי געיאָגט די ים־לייבן, געטריבן זיי טיפער אַריין אין דעם האַפן, אין אַ גרויסן האַלבקרייז פון ים אַהער, ווי געאיב־טע טרייבערס. איינער האָט זיך אויפגעהויבן און נאָך איינער, גע־שאָקלט דעם שטאַרקן קאָפּ מיט דער מעכטיקער מאָרדע, אָנגע־טאָפּט ברייט מיט דער פליספּעדער דעם אַרויסשטאַרנדיקן רודער. אָ, דער אַלטער חברהמאַן האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער איז פריי, אַז ער האָט גרויס שוץ און אַז קיין שום מענטש וועט אים דאָ אויפן מערב־ברעג קיין שלעכטס נישט טאָן. ער האָט נייגעריק אַרײַנגעקוקט אין שיף אַריין, ווער וויל דאָ ווידער אַוועק? ווער איז דאָס אַזוי נאַריש, פונדאַנען אַוועקצופאָרן — פון דער דאָזי־קער גליקלעכער יאַגד־שפע פון די אומצייליקע הערינג? נאַראָנים, האָט ער געטראַכט, נאַראָנים! און מיט אַ שטאַרקער באַוועגונג אַ הויב־אַרויס געטאָן דעם גוואַלטיקן קערפּער האַלב פון וואַסער, איז צוריק אַריין, און זיך אַ וואָרף געטאָן גלייך מיטן קאָפּ אין סאַמע מיטן פון דעם רייכן רויב.

הינטן האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט די סאַלפּעטער־מדבר. דער דאָזיקער וויסטער, עלנטער, ריזיקער שטח, וועלכער ציט זיך אַרויפ־צו איבער קנאַפּע דרייסיק גראַדוסן צווישן דעם אָקעאַן און די בערג. ברוין און ווייס און געלב און רויט. קיין בוים, קיין קוסט, קיין פּיצל גראָז. גאָרנישט. און די שטאָט אַנטאָפאָגאַסטאַ, אויסגע־דאַרט דורך דער היץ פון דער זון, ווי אַרעקוויפּאַ, ווי מאָלענדאָ, ווי איקוויק און די אַלע איבעריקע. דייטשן און ענגלענדער, טשילע־

אַנער קראַאַטן און סיריער—זיי אַלע האָבן דאָרט אַרויסגעריסן פון דעם אומפּרוכטבאַרן באָדן דעם שטאָף, וועלכער האָט געגעבן אין איי־ראָפּע די העכסטע פּרוכטבאַרקייט. בלייך און אויסגעדאַרט זענען די אַלע מענטשן, ווי דער מדבר אַרום; זייערע פאַרטריקנטע ליפּן רופן פון ברעג מיט אַ ציטערדיק קול: וואַסער! און דאָ הינטער זיי האָט געשפּילט דער ים און ס'האָבן געשוימט זיך די כוואַליעס פון אָקעאַן — דער ים־לייב באַגרייפט דאָס נישט.

ווייסע מחנות פייגל אומעטום אויף די פעלזן. און די יאַגד אין וואַסער, די גרויסע טרייב־יאַגד. די נקבות און די יונגע חיות נעמען דעם מיטלפונקט; ביידע פלאַנקן אָבער האַלטן די אַלטע, די מעכטיקע, בערטיקע, פירמעטערדיק לאַנגע חיות, אַלץ ענגער שליסט זיך דער קרייז, אַלץ נידעריקער ווערט דאָס וואַסער און אַלץ גע־שלאָסענער די הערינג־סטאַיע צו דער דער פאָרט־גראָבלע צו. קיין מענטש פאַנגט נישט — היינט איז יום־טוב. מיד און פאַרשלאָפן גלאָצן אַראָפּ אַ פּאָר געלע יאַטן פון דער פאָרט־ראַמפּע. און די ים־לייבן טוען זיך אַ לאָז, הויבן־אָן צו כאַפּן, שלינגען און רייסן זיך אַריין אין דעם זילבערנעם וואָלקן. זיי וואַרפן זיך אין דער הויך, שפּרינגען אַריין אין וואַסער צו צען מיטאַמאָל. צווישן זיי זענען פאַראַן קליינע, קלוגע קעפּלעך, פּונקט אַזוי מענטשלעך ווי זיי: פּינגווינען. די האָבן גרויס קנאה, זיי קאָנען נאָר כאַפּן קוים צו איינציקע פיש, בעת די פּאָקעס שלינגען איין גאַנצע טוצן. אַ ריזיקער בוהיי, אוראַלט, שווער און וואָגיק, הויבט זיך ארויס אויף דעם ברעג־פאַרקאַן, אַז די ברעטער נעמען אַזש הויך קראַכן. ער סאָפּעט, פּרייכט, וויגט דעם קאָפּ, בלינצלט דורך דער זון צו דער שיף אַריבער. דער ווייסט עס, אָט דער אַלטער, ער קען דעם סוד פון לעבן. מ'דאַרף ווערן פיש, טראַכט ער, דאָס איז עס! ווי מיר האָבן עס געטון! ווי ס'האָבן עס דאָ געטון די עזותדיקע פייגל, די פּינגווינען! מ'דאַרף ווערן פיש, אַ מענטש, פיש ווערן! צוריק אין ים אַריין! — אָט דאָס איז עס מסתם, וואָס ער לאַכט אַזוי. ער קוקט זיך צו לאַכנדיק צו דעם דיקן פּעליקאַן, וואָס פּליעסקעט זיך אין וואַסער! באָך, ווי אַ דיקער באַלעם! ער שטעקט אַראָפּ דעם קאָפּ, נעמט אים צוריק אַרויס, און האַלט שוין זיין הערינג אין שנאָבל. ער וואַרפט אים אינדערהויך, כאַפּט אים באַם קאָפּ, און פלאַטערט מיט שווערקייט אַרויפצו, פון די כוואַל־

יעס צוריק אויפן פעלז אַהין. ווי אומגעשיקט, טראַכט דער אַלטער, ווי שווער און אומגעלומפּערט! און ווי כּדי צו ווייזן, וואָס ער קאָן, שפּרינגט ער אַראָפּ פון דעם פּאַרקאַן מיט אַ געוואַלטיקן זעץ, און טוּנקט צוריק אויף אין אַ רגע אַרום, מיטן רויב צווישן די ציין. נישט קיין הערינג דאָסמאָל, נאָר אַן אַנדערן פיש, פון דריי פוס די לענג. ער האַלט דעם צאַפּלדיקן פיש קווער אין מויל, וואַרפט אים אינדערהויך, פונקט ווי דער פּעליקאַן, און כאַפּט אים ווידער אויף. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, ווי אַ זשאָנגלער! עס קומען אָנצופליען מעוועס, פינף, זעקס, שרייענדיק און גריליצנדיק, פליען אים אַרום איבערן קאָפּ, שטעכן אין דעם פיש אַריין און ווילן אויך זייער חלק. דאָן בייסט ער איין, שלינגט אַראָפּ אַ העלפט, און לאָזט איבער די אַנדערע פאַר די פייגל, גרויסמוטיק און כמעט מיט מיטלייד.

און לאָזט זיך ווידער אַריין אין אַנגעטריבענעם רויב. —

* *

*

ער איז אַרויף אויף די וואַקלדיקע טרעפּ פון האַפּאַג-דאַמפּער. אַ הויכער, בלאָנדער, בלויאויגיקער אָפיציר איז אים אַנטקעגן געקומען און אים קרעפטיק געדריקט די האַנט.

פראַנק ברוין האָט אים גלייך דערקענט. — וואָס מאַכט איר? — האָט ער געפרעגט. — אַז כ'האָב אייך געטראָפן, איז גוט! — האָט אויסגערופן דער האַמבורגער. — זענט איר ווידער אונזער גאַסט?

פראַנק ברוין האָט געלאַכט. זייער גאַסט — דאָס איז ער טאַקע אָפט געווען — דער איינציקער קאַיוטע-פּאַסאַזשיר! אַזוינער איז תמיד באַליבט אין די אָפיציר-קרייזן — עס באַטייט: בעסערע קעסט, פּאַסאַזשיר-קעסט — און ס'באַטייט: אייער צום פרישטיק!

„דאָס איז גוט", האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען שטיין עטלעכע מענער און פרויען אין עק שיף. „און יענע דאָרטן? — נישט קיין פּאַסאַזשירן?"

דער אַנדערער אָפיציר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ! — אָבער אַלץ צווישנדעק! אַ גאַנצן צירק האָבן מיר דאָ!

דערנאָך איז אָנגעקומען דער קאַפּיטאַן און צוזאַמען מיט אים דער אַגענט; דער האָט פאַר זיי איבערגעלייענט די דעפּעשע וועגן דער דערמאָרדונג פון דעם טראָנפאָלגער. — „דערפון וועלן אַרויס קאָנפליקטן!“ האָט געזאָגט פראַנק ברוין. „ווין וועט דאָס רויק נישט אַדורכלאָזן, געוויס נישט!“

דער אָפיציר האָט זיך אַ קלאַפּ געטון איבער די קני: „זיי דערלויבן זיך שוין צופיל. מ'וועט זיי דאַרפן אָנלערנען“. און האָט גענומען פייפן:

„Prinz Eugen, der Edle Ritter” —

* *

*

די צירק-לייט האָבן זיך איינגעאָרדנט אויפן דעק. זיי האָבן אויפגעשלאָגן קליינע געצעלטלעך לעבן די שטייגן. דריי לייבן זענען דאָרט געווען און איין שיינער טיגער, אַ קרעציקער אַלטער וואָלף, אַ סירישער טאַנץ-בער און אַ פּאָר היענעס, מאַלפּעס און ים-קעץ; אַן אַנגאָראַ-קאָטער, אַ פּודעל און אַ דאָג; אַ חוצדעם עטלעכע קאַקאַדוס און פּאַפּוגאַיען. און פערד, פאַרשטייט זיך, אַכצען פערד און אויך אַ קליינטשיק אייזעלע.

און דערנאָך די מענטשן; די דירעקטאָרין, אַ דיקע, צעגאָסענע פרוי פון טולוזע. צוויי ברידער פון מעסטריט: איינער אַ חיות-בענדיקער און דער אַנדערער אַ שווערדן-שלינגער און אַ זשאָנגלער, צוויי רייטערינס, צוויי טענצערינס — איינע פון זיי אַ שיינע. עטלעכע קלאָונען, און דאַן די דינערשאַפט. און צום לעצט לויזע, אַ בלאָנד נפשל פון עלף יאָר, דער דירעקטאָרינס ליבלינג. די דאָזיקע קליינע האָט געטאַנצט אויף אַ לינע.

זי פלעגט זיך אַרומשלענדערן אומעטום, אויף דער גאַנצער שיף, געקלעטערט אויף די מאַסטבוימער, אַראָפּגעקראָכן מיטן אינזשעניער אונטן צו דער מאַשין. אויבן אויף דער בריק האָט זי זיך געשפּילט מיטן קאַפּיטאַן און מיט די אָפיצירן. אין דער קיך מיטן קיכער. יעדן מאַטראָז, יעדן הייצער האָט זי געקענט, און איטלעכער האָט עפּעס געהאַט פאַר איר. אַלץ וואָס די מאַמע האָט נאָר געדאַרפט, פלעגט לויזע אויסחנפענען — און דאַרפן דאַרף-

מען זייער פיל אויף אַ שיף, ווען מ'פאָרט אַרום מיט אַ צירק, מיט איבער צוואַנציק מענטשן און מיט צוויי און פופציק חיות.

זונטיק איז מען אָנגעקומען קיין ארעקוויפּאַ; די קלאָונס זענען אַרויסגעשפּרונגען אויף דער יבשה, נאָך זיי די טענצערינס און דער קונצנמאַכער, און האָבן געגעבן אַ קליינע פאָרשטעלונג אויף דער פּלאַזשע.

אָבער אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ פאָרשטעלונג אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן האָט פאַרבעטן אויף איר די פאָרנעמסטע געסט. דער בער האָט געטאַנצט, די קלאָונס האָבן זיך געקיפּט און די מאַלפּעס האָבן געשפּילט אין זעלנער. — די דיקע דירעקטאָרין האָט אַריינגעפירט די פּאַפּוגאַיען, די טענצערינס זענען געשפּרונגען און דער קונצנמאַכער האָט אויפגעפרעסן צען שווערטן.

אַ טייל פון די שיפסלייט איז דער שווערטנשלינגער בעסער געפעלן, און אַ טייל ווידער — די שיינע טענצערינס; דערין אָבער זענען אַלע געווען איינשטימיק: אַז די העכסטע קונסט האָט באַוויזן די קליינע לוויזע.

מ'האָט אויסגעצויגן פאַר איר אַ לינע לענגויס דער שיף, פון איין מאַסט-קויש צום אַנדערן. אויבן האָבן געברענט בענגאַלישע פייערן, אַ גרינס פון פאָרנט און אַ רויטס פון הינטן. דאָס איז דעם קאַפּיטאַן נישט געפעלן געוואָרן. — אָבער ער האָט נישט געקענט ביישטיין לוויזעס ווילן. זיין הארץ האָט זיך געפרייט, ווען זי איז געשפּרונגען אויף דער לינע. — „קוקט זיך צו, יונגען! — האָט ער געשריגן צו די מאַטראָזן — איר קענט זיך עפּעס אויסלערנען!“

לוויזע איז געווען אין ראָזאַ-טריקאָט — זי האָט געשמייכלט, און די בלאָנדע האָר האָבן געפלאַטערט אין דעם באַנאַכטיקן ווינטל. דער מענטש, וואָס איז געווען אין קויש, האָט איר דערלאַנגט איר שטעקן, איןביידע עקן באַצירט מיט לאַמפּיאָנען, פון רויטע און גרינע קאָלירן. זי האָט אים אָנגענומען אין דער מיט — אויפגעהויבן דאָס לינקע פיסל — געשאַרט דערמיט ווי אַ פערדל אין זאַמד. דאַן האָט זי גענומען גיין איבער דער לינע.

מיט פאַרשפּאַרטן אָטעם האָבן זיך צוגעקוקט די שיפסלייט, קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

לוויזע האָט זיך לייכט און גראַציעז אָנגעבויגן צו דער בריק אין דער זייט פון קאַפּיטאַן. דער האָט געמרוגעט צו איר מיט

זיינע קלוגע אויגן און געברומט פון זיין ברוינער באָרד אַרויס:
„בראַוואָ, לויז, בראַוואָ קליינע!״ — אָבער דיקע טראָפּנס שווייס האָבן זיך געפּערלט אויף זיין שטערן.

קיינער האָט נישט אַפּלאָדירט און נישט אויסגעשריגן קיין וואָרט. מיט אויסגעשטרעקטע העלזער און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן זיי אַרויפגעקוקט צו דעם דאָזיקן מיידל, וועלכע האָט געטאַנצט אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, שוועבנדיק לייכט אין דער לופטן, פון גרינעם פייער צום רויטן צו.

ווען זי האָט פאַרענדיקט איר מאַרש, האָט זי אַ כאַפּ געטון איינער פון די מאַטראָזן, און איר אַרויסגענומען דעם שטעקן פון די הענט. און די קליינע לויזע האָט זיך געבייגט, געוואָרפן האַנט-קושן, געדאַנקט פאַר די ווילדע אַפּלאָדיסמענטן פון די געשוואָלענע פויסטן, פאַרן הייזעריקן געשריי פון הונדערטער מאַנסבילשע גאָרג-לען.

זי האָט זיך גרייט געמאַכט ווידער צוריקצוגיין, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט עס נישט דערלאָזט. „ניין״ האָט ער געזאָגט „טאָ וועל איך ליבערשט גיין — וועל איך דאַן ווייניקער מורא האָבן!״

לויזע איז אַרומגעגאַנגען מיטן טעלער, און געזאַמלט געלט. און זיי האָבן אַלע געגעבן — אויך די שיפס-יונגען האָבן נאָך געהאַט אַ באַהאַלטענעם גראָשן. אָבער דער קאַפּיטאַן האָט אַריינ-גענומען די קליינע צו זיך אין קאַבינע, האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ באַנד מיט דער אויפשריפט „טורינגיאַ״. און אַ זילבערן סערוועטן-רייפל מיטן דאַמפער-צייכן. און די קליינע לויזע האָט זיך אים געוואָרפן אויפן האַלז.

* *

*

זיי זענען פאַרבייגעפאָרן אילאָ און מאָלענדאָ. עס איז גע-ווען מיטוואָך אינדערפרי, ווען פראַנק ברוין איז אַרויס אויף דער בריק.

איינער פון די אָפיצירן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אָנגעוויזן אויפן מאַסטבוים. „טוט נאָר אַ קוק״, האָט ער געזאָגט.

פראַנק ברוין האָט אַרויפגעקוקט — אַ קליין, געל פּנים האָט געפּלאַטערט אין דער לופטן.

„וואָס איז געשען ?" — האָט ער געפרעגט. „ווער איז קראַנק ?"

דער אָפיציר האָט זיך דערנענטערט און געזאָגט: „דער קאַפּיטאַן וועט אייך זאָגן, ווען ער וועט אַרויסקומען — ס'איז דאָך נישט קיין סוד. ווער ס'איז קראַנק, ווייס איך נישט, אָבער איינער איז שוין געשטאָרבן.

„מיר האָבן אים אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין מיט דריי שעה צוריק".

„וועמען ?"

„דעם גרויסן קלאָון !"

„וואָס איז אים געווען ?

דער האַמבורגער האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען: „געלער פיבער".

• •

*

אין קעלאָ האָט מען זיי נישט אויפגענומען. אין נישט אין סאַלאָ ווערי און אויך נישט אין מאַנטאַ. בא קאַפּ-בלאַנקאַ זענען אַוועקגעשטאָרבן צוויי פערד-קנעכט, און אין אַ טאָג שפּעטער האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די רייטערין אין ים אַריין.

ס'איז נישט געווען קיין דאָקטאָר אויף דער שיף — אין די דאָקטוירים פון פּאָרט האָבן זיך געהיטן אַרויפצוגיין אויף דער שיף. מ'האָט זיי אָפּגעשיקט פון איין פּאָרט צום אַנדערן אָן מיטלייד, אָן רחמנות.

„חזירים !" האָט געזידלט דער אָפיציר.

אָבער דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט: „זיי זענען גאַנץ גערעכט ! קיין איינריכטונגען האָבן זיי נישט — צי זאָלן זיי זיך לאָזן פאַרפּעסטן די גאַנצע שטאָט ?"

זיי זענען געפאָרן אַרויפצו, צפונדיק, מיט אַ שנעלקייט פון פיר מייל.

זייער האָפענונג איז געווען פּאַנאַמאַ — דאָרט האָבן געוווינט די יענקיס.

אָבער מ'האָט זיי פון דאָרט אויך משלח געווען. די קוואַ־ראַנטין־סטאַציע איז געווען איבערפולט. מ'וואָלט דאָרט געדאַרפט אָפּליגן אינדרויסן אַ זעקס וואָכן צייט. האָבן זיי שוין ליבערשט געוואָלט פאָרן אַרויפצו, קיין קאַליפאָרניע.

דאָ האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן דער מלחמה מיט פראַנק־רייך, רוסלאַנד און ענגלאַנד.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך צעשמייכלט: „און מער מיט קיי־נעם נישט?"

„אָ, יאָ!" האָט געענטפערט דער פּאָרט־קאַפּיטאַן. „מיט בעלגיע, סערביע, מאָנטאָנעגרע, פּאָרטוגאַל! — און די יאַפּאַנטשי־קעס וועלן באַלד נאָכקומען! און דאַן די איטאַליענער, רומענער, גריכן". —

זיי האָבן עס נישט געוואָלט גלויבן — אָבער מ'האָט זיי מיט שפּאָט דערלאַנגט גאַנצע פּעק צייטונגען. „נאַט, לייענט נאָר! שוין אַ סוף צו דייטשלאַנד! איידער איר וועט אָנקומען צום גאָל־דענעם טויער פון פריסקאָ, וועט שוין לאַנג זיין שלום — און דאַן וועט דייטשלאַנד פאַרשווינדן פון דער מאַפּע".

די אַמעריקאַנער האָבן געפרעגט, וואָס מ'פאַרלאַנגט; אָבער דער קאַפּיטאַן האָט אַלץ אָפּגעווענדט, ער האָט נאָר גענומען פריש וואַסער און אַ קעסטל מיט רפואות. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט פאָרן ווייטער.

אויבן אין זיין קאַבינע, האָבן זיי אויפגעוויקלט די בלעטער: נ. י. העראָלד, נ. י. טיימס, וואָרלד, טריבון און נאָך עטלעכע אָרטיקע בלעטער.

זיי האָבן געגלאָצט אויף די ריזיקע איבערשריפטן.

„180,000 דייטשן זענען געפאַלן בעתן שטורם אויף די פאָרטן פון ליעזש". —

„דער קרוינפּרינץ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד". — — —

„די סערבן האָבן צעקלאַפּט די עסטרייכער, גענומען 80,000 געפאַנגענע, געהרגעט 150,000" — — —

„דער נצחון פון די רוסן אין גאַליציע; די עסטרייכער האָבן פאַרלאָרן איבער 400,000" — — —

„פלאָט־שלאַכט אויפן צפון־ים! ניינצען דייטשישע שלאַכט־שיפן זענען דורך די ענגלענדער דערטרונקען געוואָרן".

דער קאַפּיטאַן האָט אַוועקגעלייגט די בלעטער פון דער האַנט — האָט זיי דערלאַנגט דעם אינזשיניער. אָבער דער האָט זיי אָפּגערוקט צוריק: „ניין, איך קאָן אויך נישט מער לייענען!"

„וואָס דענקט איר, דאָקטאָר?" האָט געפרעגט דער קאַפּיטאַן.

„איבערגעטריבן, פאַרשטייט זיך", האָט געענטפערט פראַנק ברוין.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַ הויב געטון פון אָרט. „איבער-געטריבן? — איך וועל אייך זאָגן: דאָס זענען אַלץ געמיינע מאוסע שקרים! נידערטרעכטיקער אַמעריקאַנער שווינדל!"

דער אָפיציר איז געשטאַנען אין דער טיר: „צי קאָן איך גע-מען די צייטונגען אויף אַ רגע?"

דער קאַפּיטאַן האָט אים אַוועקגעגעבן דעם גאַנצן שטויס. „נאַט, נעמט אייך! — נאָר אוועק דערמיט — וואָס שנעלער!" ער איז אַראָפּגעשטיגן מיט שטאַרקע פעסטע טריט אויף די בריק.

— פראַנק ברוין איז אַראָפּ אין זיין קאַבינע און זיך אַוועק-געלייגט.

וואָס איז דען געשען? — וואָס איז דען אַנדערש געוואָרן אין דאַזיקן פערטל שעה? וואָס איז אייגנטלעך פאָרגעקומען? איז דער קאַפּיטאַן געוואָרן אַן אַנדערער — און דער אינזשעניער? און — — ער גופא?

עס האָט זיך אים געדוכטן, ווי ער וואָלט געווען שיכור. ער האָט געוואָלט עפּעס טראַכטן — און ס'איז נישט געגאַנגען.

ער האָט גענומען אין האַנט אַריין אַ בוך — דאָס ערשטע בעסטע; האָט געעפנט זשאַקאָפּאָן דע טאָדי.

און ער האָט גענומען שטיל זינגען.

Stabat mater speciosa
Iuxta foenum gaudiosa,
Dum jacebat parvulus.
Cujus animam gaudentem, *)

---

*) בעשטאַנען איז די מוטער, די הערלעכע,
לעבן דעם היי אַ פריידפולע,
כל-זמן ס'איז געלעגן דאָס קליינטשיקע.
זיין פריידיקע נשמה,

Lactabundam ad freventem
Pertransivit jubilus.

O quam lacta et beata
Fuit ill' immaculata
Mater unigeniti!
Quae gaudebat et ridebat,
Exultabat cum ridebat
Nati partum inclyti!

Quis est is, qui non gauderet — *)

ער איז געבליבן שטיין! דאָס איז געווען שיין! געוויס — זייער שיין! פונוואַנען האָט ער גענומען די פאַרבן, דידאַזיקע שימערירנדיקע. פריידפולע רעגנבויגן־פאַרבן — דער אָרימער נאַר פון טאָדי?

אָבער פאָרט — פאַרוואָס האָט ער גראָד איצט נעזונגען די „ספעציאָזאַ?" איצט? — ער האָט דאָך געדאַרפט זינגען די „דאָלאָראָזאַ"!

צי זינגען דען נישט מיליאָנען מענטשן די „דאָלאָראָזאַ" איטלעכן טאָג — בעת די „ספעציאָזאַ" לייענען צומאָל קיין הונדערט מענטשן נישט אין משך פון זעקס יאָרהונדערטער? די „דאָלאָראָזאַ" איז דאָס ליד פון די מענטשן!

און ער האָט אָנגעהויבן:

*) די צעשטראַלטע פון ההלהבות
האָט אַ יובעל דורכגעדרונגען.

אָ, ווי חדווהדיק און גליקלעך
איז געווען די אומבאַפלעקטע,
די מאַמע פון בן־יחיד!
ווי זי האָט געפרייט זיך און געלאַכט
און געיובעלט זעענדיק
דאָס געבוירן פונעם רומרייכן זון!

אָ, ווער איז עס, וואָס וואָלט זיך נישט געפרייט —

Stabat mater dolorosa,
Juxta crucem lacrimosa
Dum pendebat filius — *)

ער איז אויפגעשפרונגען. — וואָס איז אים אָנגעגאַנגען דער פּאָדיאַנער, וועלכער איז געווען אַ הייליקער, אַ משוגענער און אַ דיכטער צוגלייך. ווי קומט די יונגפרוי — היינט ? ספּעציאָזאַ — דאָלאָראָזאַ — אַזוי צי אזוי — ווי דער פּאָעט האָט זי גראָד געזען...

פּאָעט ? אַך, היינט איז נישטאָ קיין פּאָעזיע. היינט איז נישטאָ קיין קונסט !

ס׳זענען נאָר פאַראַן : פויסטן, קוילן, גראַנאַטן, טאָרפּעדן !

און ער איז אַרויסגעלאָפן אויף די שטיגן און אַרויף אויפן דעק. אָנגעלענט אָן מאַסטבוים, האָט ער זיך איינגעקוקט אין די בלויע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט דורך דער שאַרף פון דער אַלטער שיף.

און דער ווייסער שוים אונטן האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ טויב — און די טויב האָט אים געזונגען, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. אָבער נישט יענץ ליבעס-ליד, דאָס ליד פון בלוטנדיקן האַרץ. — נישט קיין פרעך ליד, ווי דאָס פייפן פון ווינט, ווי דער קנאַל פון בייטשן. — און די ווייסע כוואַליעס האָבן געשלאָכצט ווי דאָס שפּילן פון אַ האַרפּע, בעת די טויב האָט געזונגען :

— Eia Mater, fons amoris, **)
Me sentire vim doloris
Fac ut tecum sentiam!
Omnes stabulum amantes
Et pastores viligantes,

---

*) איז געשטאַנען די מוטער אַ צעווייטיקטע,
לעבן צלם אַ פאַרוויינטע,
כל-זמן ס׳איז געהאַנגען דער זון —

**) — אַך, מוטער, קוואַל פון ליבע,
כ׳פיל די קראַפט פון דער ליידן
אַ, לאָמיך מיט דיר צוזאַמען פילן!
אַלע, וואָס האָבן ליב דאָס שטעלכל
און די וואַכנדיקע שעפער,

Pernoctantes sociant. *)

Per virtutem Nati tui
Ora, ut electi tui
Ad patriam veniant!

און זייַנע ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

„Ora, o purissima, o dulcissima, Ora!“ בעט, די זיסטע יונגפרוי. הייליקע יונגפרוי, פאַר דייַנע אויסדערוויילטע, אַז זיי זאָלן קענען צוריקקערן אין זייער פאָטערלאַנד! צי בין איך דען נישט איינער פון דייַנע אויסדערוויילטע, זיסע יונגפרוי מאַריע? ווער האָט דיך, הייַנטיקע צייַטן, אַזוי ליב, ווי איך האָב עס געטון? ווער האָט דיר געזונגען לידער, ווער האָט פאַר דיר געשריבן מעשהלעך? — ליבע פרוי, זיסע געליבטע פרוי, שייַנע געטלעכע פרוי, פיר מיך אַ היים אין פאָטער — אין מייַן פאָט — —“

ער האָט נישט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט.

פאַר זייַנע אויגן האָט זיך איצט אויסגעשפּרייט אומבריע, דאָס לאַנד פון די הייליקע און מכשפים. ער האָט געקוקט אויף גאַרני, טערני, ספּאָלעטאָ און פּערוגיע, האָט געזען די שטאָט פון הייליקן פראַנציסקוס און פון געבענטשטן יאַקוב. און דעם זיסן ברעג פון דער טראַסומאַנישער אָזיערע.

ער האָט ליב געהאַט דעם הייליקן פראַנציסקוס, וועלכער האָט גערעדט מיט די פייגל און געזונגען אַ הימן צו זייַן שוועסטער, דער זון!

ער האָט אָבער נישט ווייניקער ליב געהאַט דעם האָהענשטאופער-קייזער, וועלכן יענער האָט אַרייַנגעוואָרפן אין גיהנום, פרידריך דעם גרויסן, מאַנפרעדס פאָטער, וועלכער האָט געדראָט דער גאַנצער וועלט מיט דער דייַטשישער פויסט.

דער, וועלכער האָט פאַר די נוסעי-הצלב אין פּאַלערמאָ אָני-

---

*) די שלאָפלאָזע, האבן זיך פאַרייניקט.
אויף דער הייליקייט פון דייַן זון.
זיי מתפלל, אַז דייַנע אויסדערוויילטע
זאָלן אין פאָטערלאַנד אָנקומען!

**) „זיי מתפלל, אָ, אַלרייַנסטע, אָ, צאַרטסטע, בעט זי“

געשריבן אַ פּרעך בוך ; "De tribus impostoribus„ — וועגן דריי שווינדלער : משה, יעזוס און מחמד !

פראַנק ברוין האָט געטראַכט : „אַלע דריי מיטאַמאָל ! נאָר אַ שוואַבישער קייזער האָט געקענט אַזוי אָנגרייפן !"

* *

*

ווו איז געווען זיין פאָטערלאַנד ?

זיין פאָטערלאַנד איז געווען אייראָפּע, דאָס איז זיכער. אין ווין האָט ער זיך געפילט ווי אינדערהיים, אין בערלין, אין מינכן און באַם רהיין. אָבער נישט ווייניקער אין ברעטאַניע, אין פראָ-וואַנס, אין פאַריז. — און אין איטאַליע — אָ, אומעטום ! אין אַנ-דאַלוזיע און — אין שטאָקהאָלם, אין בודאַפּעשט, אין ציריך און אין אַנטווערפּן. און — —

וואָס איז געווען זיין פאָטערלאַנד ? איז ער געווען אַ דייטש ? ער ? באַשר ער איז געבוירן געוואָרן ערגעץ באַם רהיין ? האָט ער דען נישט געקענט אַזויפיל שפּראַכן און גערעדט אויף זיי אָפּטער נאָך ווי אויף דייטש ?

אינטערנאַציאָנאַל ? — ניין ! אַלס אַזעלכער האָט ער זיך קיינמאָל נישט געפילט.

אָבער איבער די אַלע פעלקער איז פאַראַן געווען אַן אַנדער פאָלק, אַ העכערס, איידלערס און גרעסערס. די קולטור-נאַציע האָט ער עס אָנגערופן — צו איר האָבן געהערט די אַלע, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן איבער די גראָע מאַסן. און ער האָט זי גוט געקענט די דאָזיקע נאַציע, און באַגעגנט אירע בירגער או-מעטום אין דער גאָרער וועלט. אַזאַ פאָלק האָט עקזיסטירט גאַנץ זיכער, אָן שום צווייפל. —

אַזוי נאָענט איז עס געווען, ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן — געכטן נאָך !

און היינט ? אַוועק — נישטאָ שוין — גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט עקזיסטירט ! עס זענען נאָר געווען דייטשן, רוסן, פראַנצויזן, ענגלענדער — און די די האָבן זיך אויסגעקוילעט קעגנזייטיק !

פארוואָס־זשע ?

לטובת זייערע פאָטערלענדער ?!

ער האָט זיך ביטער צעלאַכט !

אַזוי האָט עס דער מאַן פון טאָדי זיכער נישט געמיינט, בעת ער האָט גערופן צו דער הייליקער מוטער !

דאָס פאָטערלאַנד, וואָס ער האָט געמיינט, איז נישט געווען זיין טאָדי, וועלכע האָט גראָד אַרויסגעשיקט פערציק טויזנט זעלנער אַקעגן דער שכנותדיקער פערוגיע.

דאָס איז נישט געווען אומבריע, וועמענס גראַפן און בירגער זענען זיך קעגנזייטיק באַפאַלן צוליב גוועלפן און גיבעלינען ! און אויך זיכער נישט איטאַליע — אין וועלכער דער פויבסט און קייזער, שטעט און פירשטן האָבן זיך קעגנזייטיק אויפגעפרעסן ! איטאַליע — דאָס איז איבערהויפּט נישט געווען קיין לאַנד, נאָר עפּעס אַ געאָגראַפישער באַגריף, אַ מערדערישער אָקעאַן, אין וועלכן ס'האָט תמיד דער גרעסטער פיש די קלענערע איינגעשלונגען ! —

דעם אָרימען נאַר יאַקובס פאָטערלאַנד איז געווען דער שטילער שלום אויף דער געבענטשטער שויס פון דער הייליקער יונגפרוי.

און דער אַנדערער, דער האָפענשטאַופער־פרידריך — צי האָט ער געהאַט אַ פאָטערלאַנד ? דער דאָזיקער קריסט, וועלכער האָט חוזק געמאַכט פון קריסטלעכן נביא נישט ווייניקער ווי פון יידישן און אַראַבישן ! דער דאָזיקער דייטש, וואָס האָט געהאַלטן הויף אין פּאַלערמאָ, וועמענס קאַנצלער ס'איז געווען אַ דיכטער פון פּיזאָ, און זיין בעסטער פריינט אַ ייד פון יפו. אַ דייטש, וועמענס קלוגע יועצים זענען געווען סאַראַצענער ! ניין, יענער קייזער האָט פונקט אַזוי הויך געלאַכט פון דעם שווינדל פון די פאָטערלענדער, ווי פון די רעליגיעס !

— פאָטערלאַנד ? די שיף איז געווען זיין פאָטערלאַנד ! — דייטשע אָפיצירן און אינזשיניערן — אָדער כינעזער אַלס הייצער בא דער מאַשין. און די פּאַסאַזשירן, די צירק־לייט — פראַנצויזן, פלאַמאַנדריער, שפּאַניער, באַסקן און ברעטאָניער. אַלע פעסט צונויפגעשמידט, אַלס אַן אַרויסגעשטויסן, פסולדיק פאָלק, ציטערנדיק און וואָיענדיק אונטער דער שווערער בייטש פון געלן דעמאָן !

אייערנעכטן באַנאַכט איז געשטאָרבן דער שטאַלמייסטער און דער קליינער האַרבאַטער פערד־קנעכט. אין דער לעצטער נאַכט,

האַרט בײַ פּאַנאַמע, דער שװועװטן־שלינגער. װעמען װעט הײנט אויפפרעסן דער ים ?

ער האָט זיך אויסגעדרייט. דאָרט, לעבן זײַן לײַבן־שטײג, איז געלעגן דער מעכטיקער חיות־בענדיקער, נישט װײַט פון אים די צעגאָסענע דירעקטאָרין, די בלאָנדע לויזע איז געלעגן אויף די טרעפּ. זי האָט נישט געשפּילט, נישט געלאַכט, נאָר געצופּט בערוועיש די זילבערנע פּערל פון איר רויזנקראַנץ.

זי נישט, די קלײנע לויזע נישט! ליבע מוטער יונגפרוי, נאָר נישט די קלײנע לויזע!

* *

*

ער איז צוריקגעגאַנגען אין זײַן קאַבינע. — ער האָט דער־הערט אַ ליאַרעם פון אונטן, געשרײען און אויפגערעגטע שטימען. ער איז אַראָפּגעגאַנגען, אויפגעמאַכט די טיר פון דעם אָפיצירן־צימער. דאָרט האָבן געליאַרעמט די װינער שיפס־אָפיצירן און די אינזשעניערן, געלאַכט און געטרונקען.

„פּראָזיט, דאָקטאָר", האָט אײן אָפיציר אויסגערופן און אים דערלאַנגט אַ גלאָז ביר. „זאָל לעבן אונזער אַרמײ!"

„װאָס איז דען געשען, צום טײַװל?" האָט געפרעגט פּראַנק ברוין.

אײנער פון די אינזשיניערן איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן טיש און געשטודירט מיט ברען די בלעטער.

„בריסעל!" האָט ער אויסגעשריגן. — „די דײַטשן האָבן שוין בריסעל! — איצט װעלן זײ גײן אויף אַנטװערפּן!"

„די דײַטשן זיגן, דאָקטאָר", האָט דער צװײטער פרײלעך אויסגערופן. „זײ האָבן שוין ליעזש, נאַמיור און ליל! זײ באַלאַ־גערן מאָובערג — האָבן צעקלאַפּט די פאַרפלוכטע ענגלענדער בײַ מאָנס!"

„אויף פּאַריז מאַרשירן זײ, אויף פּאַריז!" ער האָט אַ כאַפּ געטון אַ פּאָר צײַטונגען און אים צוגעטראָגן האַרט אונטער דער נאָז. „נאַט, לײענט נאָר! איר האָט דאָ אַלע נײַעסן — נאָר באַ־האַלטן ערגיץ אויף דער זעקסטער אָדער זיבעטער זײַט. — פּאָרנט

בלאָפן זיי אָן די לעזער פולע קעפּ, די דאָזיקע חזיריש־אַמעריקאַנישע פּרעסע־שמירערס! די ענגלענדער באַצאָלן זיי!"

פראַנק ברוין האָט גענומען אין האַנט אריין די ציישונגען.

"און די נצחונות פון די סערבן און רוסן? — און די ים־שלאַכט, אין וועלכער ס'זענען אונטערגעגאַנגען ניינצען דייטשע שלאַכט־שיפן? און — —

דער קליינער קאַסיר־געהילף האָט אַ זעץ־געטון מיט דער פויסט אין טיש אריין. "שקר! אַלץ איז שקר וכזב! — די דייטשן זיגן! — גרויסער גאָט, ווען מ'וואָלט נאָר געקענט זיין דערביי!"

דער אָפיציר האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס גלאָז. "טרינקט־זשע, דאָקטאָר, טרינקט! — זאָל לעבן דייטשלאַנד, זאָל לעבן דער קייזער!"

פראַנק ברוין האָט גענומען דאָס גלאָז און זיי אָפּגעענטפערט: "זאָל לעבן אונזער פאָטערלאַנד!"

"שניידט אויס די טעלעגראַמעס", האָט געזאָגט פראַנק ברוין, "און טראָגט זיי אריין דעם קאַפּיטאַן".

דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען.

* *

*

מאָדנע! ער, פראַנק ברוין, האָט געטרונקען פאַר דייטשלאַנד און פאַרן דייטשן קייזער! פאַר דעם — פאָטערלאַנד! ער האָט עס געוויס נישט גענומען ערנסט — ער האָט עס נאָר צוליבגעטון די ווילדע חברה־לייט —

ווי זייערע אויגן האָבן עס געלויכטן! ווי זייערע הערצער האָבן געיובלט און געפרייט זיך! ווי זיי האָבן אַלץ אַרום פאַרגעסן, דעם געלן פיבער, דעם פאַררעטערישן טויט, וואָס האָט אויסגעשטרעקט נאָך זיי זיינע פאַזורעס, וואָס האָט זיי אַרויסגעשליידערט ווי פאַרדזשומעטע אויפן אומברחמנותדיקן ים! ווי זיי אַלע האָבן געטראַכט נאָר וועגן איינס, נאָר איינס געפילט: "די דייטשן זיגן!"

דאָס איז אפילו אמת געווען — אויך אים האָבן געפרייט די דאָזיקע ידיעות. אָבער דאָס איז נאָר געווען עפּעס אַ מין לייכ־

טער קיצל אין זיין פילבארער נשמה — עס האָט אים נישט פאַר-כאַפּט, נישט באַהערשט.

צי האָט אים דאָס גערירט? אים? אָ ניין! — מער נישט די דאָזיקע פריילעכע אויסגעשרייען, די ווילדע באַגייסטערונג פון די אַנדערע, אַזוי פלוצלינג, געמיינזאַם, ווולקאַניש — דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן שיין. דאָס אַליין —

און ער האָט געטראַכט; עס וואָלט געווען גוט דאָרטן צו זיין. צו פילן, דורכצולעבן אין געוואַלטיקן ים פון די דייטשישע מאַסן, דאָס וואָס ער האָט דאָ געזען אין וואַסער-גלאָז. די אומגע-הייערע, געוואַלטיקע סוגעסטיע פון מיליאָנען, דער דאָזיקער משוגענער גלויבן — אָ, דאָס איז בכוח בערג צו צעלייגן!

און דאַן איז עס גרויס! — דאַן שיין!

* *

*

אין דעם טאָג איז נישט געשטאָרבן קיינער פון די צירק-לייט. דערפאַר אָבער דריי קוליס*) און איין דייטשישער מאַטראָז.

זיי זענען אָנגעפאָרן קיין קאָרינטאָ, אָבער מ'האָט זיי פונ-דאָרט אָוועקגעשיקט. זיי זענען אָנגעקומען קיין לאַ ליבערטאַד, און מ'האָט זיי פונדאַנען אויך משלח געווען, ווי פון סאַלוואַדאָר און ווי פון סאַן דזשאָזע דע גואַטעמאַלאַ —

ווידער זענען געשטאָרבן דריי מענטשן פון די שיפסלייט. ס'זענען געשטאָרבן צוויי כינעזער און צוויי שפּאַנישע פערדס-קנעכט. עס איז געשטאָרבן דער רויטהאָריקער קלאָון און די אַלטע טענצערין. עס איז אויך געשטאָרבן אַן אָפיציר, דער דאָזיקער הויכער בלאָנדער יונגערמאַן פון ראָסטאָק.

די כינעזער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרנייען די טויטע גופים. האָבן עס אַנדערע מאַטראָזן געטון. אין דריי טעג אַרום זענען די אַנדערע אויך געשטאָרבן.

אויף דער הויכקייט פון טעהואַנטעפעק איז געשטאָרבן מאַ-זעס, דער שיפס-יונג, מיט צוויי שעה שפּעטער די דירעקטאָרין. זי

*) כינעזישע שוואַרצאַרבעטער.

האָט פריער אָנגעשריבן אַ צוואה — לטובת לויזען — און זי איז בערגעגעבן פאַרן טויט דעם קאַפּיטאַן. אויב די קליינע וועט אויך שטאַרבן, זאָלן די איבערגעבליבענע פון איר טרופּע באַקומען אַלץ: די חיות, דאָס געצעלט, די גאַרדעראָב, די קאַסטנס און פּעקלעך, און דאָס ביסל געלט.

זי איז אויסגעגאַנגען אין שווערע יסורים. — האָט געשריגן און געליאַרעמט. — געקעמפּט לאַנג. — האָט אַלץ כסדר פאַרלאַנגט אַ גלח —

אויפן וועג האָט זיי אָנגעטראָפן אַן ענגלישער קרייצער, געגעבן צוויי בלינדע שאָסן, און זיי באַפוילן זיך אָפּצושטעלן. און ווען זיי האָבן אַזוי געטון, איז אַרויפגעשפּרונגען אַן אָפיציר אויף די טרעפּ און אַ פרעג געטון:

— „וווּ איז דער קאַפּיטאַן?

דער איז געשטאַנען האַרט לעבן אים. „דאָ!" האָט ער געזאָגט. „וואָס פאַרלאַנגט איר?"

„איר זענט מיין געפאַנגענער!" האָט געזאָגט דער ענגלענדער". די קאָמענדע איבער אייער שיף נעם איך איבער. הייסט גלייך אַראָפּנעמען די דייטשישע פאָן!"

„מער גאָרנישט?" האָט געפרעגט דער קאַפּיטאַן. „הענגט אייך אויף".

„וואָס?" האָט זיך דער אָפיציר צעבייזערט. „וואָס? איר זאָגט זיך אָפּ מיינע באַפעלן אויסצופירן?"

„איך זאָג זיך אָפּ", האָט געענטפערט דער דייטש.

דער ענגלענדער האָט אַ פייף געטון. — אין איין רגע זענען צוגעשפּרונגען זעקס מענטשן. „נעמט אים!" האָט ער אַ באַפעל געטון.

„רירט מיך נישט אָן!" האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. „עס וועט זיין גלייכער פאַר אייך —" ער האָט גערעדט אַזוי שטיל און רויק, אַזוי זיכער און איבערצייגנדיק, אַז די לייט זענען אַזש נשתומם געוואָרן. „מיר האָבן דעם געלן פּיבער אויף דער שיף, האָט ער צוגעגעבן. „אכצען טויטע ביזאַהער אין שיפסלייט און פּאַסאַזשירן. צוויי מתים נאָך אויף דער שיף —" און האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן געלן פענדל דאָרט אויבן. — דערנאָך

האָט ער אַ ווינק געטון צו זיין אָפיציר: „ווייז דעמדאָזיקן הער דעם שיפס-ביולעטין".

„דאָס איז אַלץ שווינדל!" האָט אויסגערופן דער ענגלענדער. אָבער ער האָט אַוועקגעשיקט אין זיין קרייצער אריין, רופן דעם דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר איז געקומען, מ'האָט אים געוויזן די זעק, אין וועלכע עס זענען געווען איינגעניייט די מתים.

„שניידט זיי אויף!" האָט ער באפוילן.

„שניידט זיי אַליין אויף!" האָט אים דער קאפיטאַן צוריקגעוואָרפן. דער דאָקטאָר האָט אַ ווינק געטון צו די ענגלישע מאַטראָזן. די האָבן זייער געשיקט אויפגעטרענט די נעט. און דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער עקלהאַפטער מאַסע, וואָס איז געווען אַמאָל אַ דירעקטאָרין פון אַ צירק.

דערנאָך האָט ער זיך אָפגערוקט און עפּעס געריעדט שטילערהייט מיטן אָפיציר.

— „צי ווילט איר באַקוקן מיינע קראַנקע?" האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט. „איך האָב נאָך ניין אָדער מער — אפשר איז איינער אָדער צוויי פון זיי דערווייל געשטאָרבן".

דער דאָקטאָר האָט נישט געענטפערט. דער אָפיציר האָט געהויבן מיט די אַקסלען, און זיך געווענדעט צום קאַפּיטאַן: „איך וועל גיין נאָך די באַפעלן פון מיין קאָמענדאַנט. דערווייל בעט איך צו פאַרהאַלטן זיך רויק; איך לאָז אייך דאָ איבער זעקס מאַן אַלס וואך". ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז אַוועקגעגאַנגען.

אָבער דער האַמבורגער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. „אַ רגע, הער! נעמט אייך בעסער מיט אייערע זעקס מאַן. אַנדערש וועל איך זיי לאָזן פאַרביינדן צוזאַמען מיט מיינע מתים און אריינוואַרפן אין ים אַריין. — און זאָגט, זייט מוחל, אייער קאַפּיטאַן, אַז איך טראַכט כּלל נישט צוצופּאַסן זיך צו זיינע באַפעלן. איך וועל דאָ אונטערוואַרטן פּונקט צען מינוט, איר הערט! דאָס וועט אייך געבן צייט איבערצורעדן מיט אייער קאָמענדאַנט און אים אָפּגעבן באַריכט. דערנאָך וועל איך גלייך לאָזן דאַמף".

דער ענגלענדער האָט פאַרשלוגגען אַ קללה. ער האָט אַ שפּיי געטון אויף דר'ערד און אָפּגעהוסט; דערנאָך האָט ער גענו-

מען רעדן ווי ווייט מעגלעך רויק: „איר מוזט דאָך פאַרשטיין, מענטש! אונדזערע קאַנאָנען וועלן תיכף אייער שיפל צעשמעטערן, ווײַבאַלד ס'וועט זיך נור באַווייזן אַ קאַפּעטשקע רויך פון אייער קוימען אַרויס! אָבער דער האַמבורגער האָט אויף קיין האָר נישט אָפּגעטרעטן. „דערצײַלט עס דער באָבע אייערער, מענטש איינער!" האָט ער געענטפערט. „איך האָב דאָ אויף מיין שיף אַלערליי פּאַסאַזשירן: שפּאַניער, האָלענדער, פראַנצויזן! איר קאָנט אייך שיסן חיפל איר ווילט, אויב איר האַלט עס פאַר אַ העלדישקייט!"

דער אָפיציר האָט מער נישט געענטפערט. ער האָט אַ וווּנק געטון צו זיינע לייט, וועלכע האָבן אויסגעוויזן צו זיין צופרידן, וואָס זיי קאָנען פאַרלאָזן דעם פאַרדושומעטן דאַמפער.

דער דאַמפער „טורינגיאַ" האָט אָפּגעוואַרט, ווי דער קאַפּיטאַן האָט עס באַפוילן; דערנאָך האָט ער גענומען לאָזן דאַמף. דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען אויבן אויף דער בריק, לעבן דעם שטייערמאַן. ער האָט געלאָזט מאַכן אַ שיינעם בויגן און פאַרפאָרן האַרט פאַרביי דעם קרייצער. דערנאָך האָט ער פאַרקערעוועט דעם דאַמפער אויף צפון.

„גלאַסקוי" האָט געגעבן צוויי בלינדע שאָסן. דערנאָך האָט ער געגעבן אַ שאַרפן שאָס, דער גראַנאַט איז דורכגעפלויגן הויך איבער די מאַסטן און אַ פּלעסק געטון ערגיץ ווייט אין ים —

„טורינגיאַ" האָט אָפּגעענטפערט — מיט איר פאָן. דריימאָל האָט דאָס דייטשע טוך באַגריסט שפּאָטיש דעם ענגלישן פאָן. די שיף האָט זיך אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעשטעלט, זי איז פאַמעלעך געשווימען אויף צפון מיט איר שנעקן-וועג, און דער קאַפּיטאַן האָט געקוקט לאַנג, פול מיט ליבע, אויף זיין שוואַרץ-ווייס-רויטע פאָן, וועלכע ס'האָט באַצירט אַן אייזערנער קרייץ.

דער ענגלישער קרייצער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דרום. זיין קאָמענדאַנט האָט געהאַט רעכט: דאָס איז אַ טייוולאָנישער ביסן — די דאָזיקע פאַרפעסטעטע שיף.

* *

*

יעדן טאָג איז עמיצער געשטאָרבן, און יעדער נאַכט אַ רייטערין איז געשטאָרבן, דריי שטאָל-קנעכט און אויך דער לעצ-

טער פון די קלאָונעס. דערנאָך דער צווייטער אינזשיניער, אַ שיפס־דינער, איין כינעזער און נאָך צוויי מאַן פון די שיפסלייט. — און ס'זענען אַלץ כסדר צוגעקומען נייע חולאים —

איינמאָל אינדערפרי האָט דער לייבן־בענדיקער געשיקט נאָך דעם קאַפּיטאַן. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האַלט ביים שטאַרבן, און אים געבעטן, צו זאָרגן פאַר זיינע חיות.

„לאָזט זיי נישט אויסגיין פאַר הונגער!" האָט ער זיך געבעטן. „הייסט זיי געבן זייער פּרעסן! — און אויב ס'וועט שוין דאָ קיינער נישט זיין, וועלכער זאָל פאַר זיי זאָרגן — דאַן שיסט זיי אויס".

דער קאַפּיטאַן האָט עס פייערלעך צוגעזאָגט, אָבער דער דער מעכטיקער פלאַמאַנדריער איז נאָכנישט געווען צופרידן.

„שווערט מיר צו, קאַפּיטאַן", האָט ער פאַרלאַנגט. „שווערט מיר דאָס צו!"

„צי איז עס נישט גענוג, אַז איך גיב אייך דערויף מיין ערנוואָרט?" האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. „אַלס אָפיציר פון דייטשישן פלאָט?"

„אָבער פאָרט, פאָרט!" האָט געקרעכצט דער קראַנקער.

„פאָרט! יאָ! געוויס! — אָבער איך בעט אייך, קאַפּיטאַן, שווערט מיר דאָס צו פונדעסטוועגן!"

דער קאַפּיטאַן האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט. „בײַ וואָס זאָל איך שווערן?"

„בײַ—בײַ גאָט!" האָט געשעפּטשעט דער קראַנקער.

דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט. „בײַ גאָט שווער איך דיר, אַז ב'וועל זאָרגן פאַר דיינע לייבן".

„און פאַר דעם טיגער!" האָט אויסגערופן דער פלאַמאַנדריער.

„געוויס", האָט באַשטעטיקט דער קאַפּיטאַן. „פאַר דעם טי־גער און פאַר אַלע חיות אויף דער שיף. איך שווער עס דיר! — זענט איר צופרידן?"

דער לייבן־בענדיקער האָט זיך צעכליפּעט. — ער האָט אָנ־געכאַפּט די רעכטע האַנט פון קאַפּיטאַן און זי הייס געקושט. — דער קאַפּיטאַן האָט אַ ציטער געטון, אָבער ער האָט אים געלאָזט האַלטן זיין האַנט.

ער איז צוריק אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגן און שטאַרק באַטראַכט זיינע פינגער.

„גרייט מיר צו אַ באָד!" האָט ער אויסגערופן צו זיין דינער. „און וואַרף דאָרט אַריין אַביסל פון דעם אַנטיסעפּטישן געמויזעכץ".

ער איז אַריינגעגאַנגען אין געצעלט. — אויף דר׳ערד איז געלעגן די שיינע טענצערין. זי האָט אַרומגעהאַלטן מיט אירע ביידע אָרעמס דאָס בלאָנדע קעפּל פֿין דעם קינד, וואָס איז געשלאָפֿן אויף איר שויס, בלאַס, אויסגעמאָגערט פֿון דעם פֿיבער. „וואָס מאַכט זי?" האָט ער געפֿרעגט. „צי איז נישט בעסער געוואָרן זינט נעכטן?"

די שפּאַנישע טענצערין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

„אַזוי קאָן עס ווייטער נישט זיין, מיין פֿריילין!" האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן! „איר זענט נאָך געזונט — מוזט איר וועגן זיך גופא טראַכטן. איך וועל אייך געבן אַ באַזונדערע קאַביגע — נאָך היינט אינאָוונט".

דאָס מיידל האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן. — „גוט, קאַפּיטאַן", האָט זי פּאַמעלעך געזאָגט. „גוט — אָבער איך זאָל קאָנען מיטנעמען די קליינע".

דער קאַפּיטאַן האָט געברומט. ער האָט געפּרוווט צוגעבן אַ האַרבן טאָן זיינע ווערטער — און ס׳איז אים נישט געלונגען.

„די קליינע איז קראַנק! איר זענט געזונט. איר מוזט זיך צעשיידן. איר וועט אַליין קראַנק ווערן, אויב איר וועט זי כסדר האַלטן אין די אָרעמס. איר מוזט זאָרגן וועגן זיך אַליין".

די טענצערין האָט זיך צעלאַכט. — „און איר זאָרגט וועגן זיך אַליין, קאַפּיטאַן? — צי קומט איר דען נישט אַליין אַראָפּ צו אונז, איר דער אייניציקער פֿון אַלע?"

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געבייזערט: „זייט נישט אַזוי נאַריש, פֿריילין! דאָס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. איך האָב פֿליכטן! שטייט אויף און קומט מיט מיר".

אָבער דאָס מיידל האָט זיך נישט גערירט. „איר זענט אַ באַווייבטער, קאַפּיטאַן. איר האָט אַ פֿרוי אינדערהיים און פֿינף קינדער — איך האָב עס געהערט, לויזע האָט מיר דערציילט וועגן דעם. פֿיר יינגלעך און איין בלאָנד מיידעלע, אַזוי יינג, אַזוי שלאַנק, אַזוי בלוי-אויגיק ווי לויזע איז. איך אָבער — האָב קיינעמען נישט אויף דער וועלט. און איך האָב אויך אַ פֿליכט".

„שטותים!" האָט איר אָנגעשריגן דער קאַפּיטאַן. „פּוסטע, נאַרישע שטותים! איר —" אָבער ער האָט נישט פֿאַרענדיקט. לויזע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט — זי האָט אים דערקענט און אויסגעשטרעקט צו אים ביידע אָרעמס. „קאַפּיטאַן", האָט זי געצוויטשערט, „ליבער קאַפּיטאַן—"

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אָנגעבויגן, און גענומען די קליינע אויפן אָרעם. ער האָט באַטראַכט איר פּולס — געגלעט זי איבערן פּנים. „מיין קליינס...״ ער איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער שוועל פון געצעלט, אַוועקגעמאַכט דעם פּאַרהאַנג און גערופן דעם דינער.

און בעת זיין דינער האָט זיך אויבן באַוויזן, האָט ער צו אים געזאָגט: „די פריילין וועט אַרויפגיין אויבן. מ׳זאָל איר געבן אַ קאַבינע באַלד פון פאָרנט. נומער צוועלף אָדער פירצען. אָבער פריער פירט זי אַרויף צו מיר, ,אַל זי זיך אויסבאָדן — פאַרשטאַנען?״

„גוט, הער קאַפּיטאַן!״ האָט אויסגערופן דער דינער.

דער קאַפּיטאַן האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די פאָרהאַנג, אַוועקגעלייגט לויזען אויף דעם מאַטראַץ, און אַנידערגעקניט לעבן איר. ער האָט זיך אומגעקערט ,כדי צו נעמען אַ גלעזל, און ער האָט דערזען שטיין די טענצערין.

„וואָס טוט איר נאָך דאָ?״ האָט זיך געבייזערט דער קאַפּיטאַן. „איר זעט דאָך, אַז איך בלייב דאָ!״

„אָ קאַפּיטאַן״, האָט זי געזאָגט, „איר זענט אַזאַ גו—״

„נאַרישע דיבורים״ — האָט ער געשריגן — גייט אַרויספונדאַנען!״

די טענצערין האָט גענומען איר טוך און איז אַרויסגעגאַנגען.

* *

*

פראַנק ברוין האָט זי געטראָפן אינאָווענט. זי איז געשטאַנען פאַר איר קאַבינע און אַריבערגעקוקט צו איר געצעלט. ער האָט געטראַכט ביי זיך: זי האָט שיינע שאַפיר-אויגן...

זי האָט געזאָגט צו אים: „דאָקטאָר! — כ׳בעט אייך, גייט אַהין און כאַפּט אַ בליק. דער קאַפּיטאַן איז ביי לויזען. זאָגט מיר, וואָס די קליינע מאַכט״.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און איז אַוועקגעגאַנגען. לעבן די שטייגן האָט ער דערהערט אַ שטים, און איז צוגעגאַנגען נעענטער. ער האָט געזען דעם פלאַמאַנדריער שטיין לעבן זיינע לייבן.

וואָס האָבן געריבן זייערע גריוועס אָן די קראַטעס. ער האָט זיי אַריינגערוקט גרויסע שטיקער פלייש, און צערטלעך געגלעט זייערע מעכטיקע קעפּ.

און שטיל, גאַנץ שטיל האָבן געקלונגען זיינע ווערטער: „בלייב געזונט, אַללאַה! בלייב געזונט, מאַכמוד! דער קאַפּיטאַן ווערט זאָרגן פאַר אייך. ער האָט עס צוגעזאָגט. ער האָט עס געשווירן. בלייב געזונט, אַבדולאַה!"

ווי אַ פזמון, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל —

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צום געצעלט, צוגעלייגט דאָס אויער צו דער עפענונג פון געצעלט און זיך איינגעהערט. אָבער ער האָט גאָרנישט געהערט. האָט ער שנעל אַוועקגעמאַכט די פאָרהאַנג און איז אַריינגעגאַנגען.

די קליינע לויזע איז געלעגן לייכט אָטעמענדיק אויף איר געלעגער — אירע שמאָלע הענטלעך האָבן זיך פעסט געקלאַמערט אַרום די גרויסע פינגער פון קאַפּיטאַן. דער איז געזעסן אויף דר'ערד, רויק און נישט גערירט זיך; ער האָט געקילט מיט דער רעכטער האַנט דעם פיבערדיק־הייסן שטערן פון דעם קינד. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען דעם אומגעבעטענעם גאַסט.

ער האָט זיך שוין געוואָלט אויפקאָכן, אָבער פראַנק ברוין האָט אים אָפּגעהאַלטן: „אַנטשולדיקט, הער קאַפּיטאַן", האָט ער געזאָגט, „ס'איז שוין גוט"

ער איז אַרויס און צוריקגעגאַנגען צו דער טענצערין. — „לויזע לעבט נאָך", האָט ער איר מודיע געווען.

— אָבער אינדערפרי איז זי שוין געווען טויט.

*   *

*

דער לייבן־בענדיקער איז געשטאָרבן ערשט מיט צוויי טעג שפּעטער, צוזאַמען מיטן לעצטן שטאַל־קנעכט.

דערנאָך האָט דער טויט גערוט אויף אַ ווייל, נאָר זיך ווידער אויפגעכאַפּט אויפסניי, בעת זיי זענען אָנגעקומען קיין פריסקאָ און דאָרט האָט מען זיי אויך נישט אויפגענומען. — מ'האָט זיי אָנגעוויזן אַן אָרט, מיט דריטהאַלבן מייל ווייטער; דאָרט האָט

מען זיי געהייסן פאַראַנקערן. דריי וואָכן האָבן זיי געזאָלט דאָרטן פאַרבלייבן, דריי וואָכן נאָך דעם לעצטען טויט-פאַרפאַל.

אָבער מ'האָט צו זיי געשיקט דאָקטוירים יעדן טאָג — און זיי פאַרזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן.

און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די געלע חיה וואָלט געוואָלט נאָכאַמאָל באַווייזן, וואָס זי קאָן. — באַלד די ערשטע נאַכט האָט זי אַ כאַפּ געטון פיר כינעזער און דריי דייטשישע מאַטראָזן. צוויי פון זיי זענען געווען די יעניקע, וועלכע האָבן פאַרנייט די לעצטע מתים, און דער דריטער איז איינגעשלאָפן אָנגעשפּאַרט אָן זיי — צום ערשטן מאָל האָט אַרומגעכאַפּט די שיפסלייט אַ גרויסער פּחד. זיי האָבן זיך צונויפגעקאָרטשעט און געשוויגן.

זיי האָבן געוואָלט ווייזן זיך אַליין און דעם קאַפּיטאַן, אַז זיי וועלן אויסהאַלטן צוזאַמען מיט אים ביז צום סוף.

אָבער זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל וואַרפן גורל; אויף וועמען ס'וועט אויספאַלן, דער זאָל פאַרנייען די מתים.

דער קאַפּיטאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „וועמען איך וועל באַפעלן, דער וועט פאַרנייען די מתים", האָט ער דערקלערט. „איך בין קאַפּיטאַן אויף דער שיף; איך וועל אייך באַשטימען און נישט דער גורל!"

„פאַרוואָס טוט איר נישט צוליב די מענטשן?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין. „איצט וועלן זיי זיך ערשט אויף אַן אמת אָפּזאָגן. דאַן וועלן זיי וועלן מיט זייערע האַרטע קעפּ די מויער דורכזעצן—אַ שיינער עסק! אַ מרידה אויף דער שיף — דאָס איינציקע, וואָס פעלט אונדז נאָך צו!"

האָט זיך דער קאַפּיטאַן צעלאַכט. „אַזוי מיינט איר? איך וועל אייך ווייזן ווי אַזוי מ'דאַרף זיך אומגיין מיט די שיפסלייט.

ער האָט געשיקט נאָך זיינע אָפיצירן און נאָך דעם אויבער-אינזשעניער, און איז מיט זיי אַראָפּגעגאַנגען אונטן. און די פיר מענער האָבן אוועקגעטראָגן, איינער נאָכן אַנדערן, די מתים אויפן דעק אַרויף. דערנאָך האָט ער געהייסן ברענגען לייוונט, געוויכטער, גרויסע נאָדלען און שטאַרקן גאַרן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט קניענדיק, ווי אַ שניידער, צוזאַמען מיט אַן אָפיציר לעבן איינעם פון די מתים. לעבן דעם אַנדערן האָט זיך אוועקגעזעצט דער אינזשעניער מיטן צווייטן אָפיציר. זיי האָבן אַרומגעוויקלט די

לייוונט אַרום די טויטע גופים, אַריינגעלייגט אינעווייניק געוויכטער און האָבן געבייט, שטעך בײַ שטעך, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

איינער נאָכן אַנדערן זענען אָנגעקומען די מאַטראָזן, האָבן זיך אַרומגעשטעלט, זיך צוגעקוקט און געדרייט פּאַרלעגן מיט די היטלעך. — פראַנק ברוין איז געשטאַנען צווישן זיי.

נישט ווילנדיק האָט ער געמאַכט אַ טריט פאָרויס. האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דעם קאַפּיאַן פאַר דעם עקלדיקן טויטן גוף פון אַ כינעזער, און זיך געכאַפּט צו דער נאָדל —

„דאָס איז אידיאָטיש, וואָס איך טו דאָ", האָט ער געטראַכט׳ „הלמאי טו איך עס? — און ס׳וועט סיי ווי אַרויס אַ טאַנדעט אַרבעט!

אין איין רגע האָט זיך דער טישלער צוגעזעצט צו אים׳ אָנגעכאַפּט די לייוונט, און אַריינגערוקט אַהין דעם מת מיט דריי שנעלע באַוועגונגען.

„אַוועק פונדאַנען!" האָט אויסגעשריגן דער קאַפּיטאַן. „קיי- נער זאָל נישט רירן קיין מת אָן מיין באַפעל! מיר פיר נייען דאָ- — און ווייטער קיינער נישט!"

דער טישלער איז אויפגעשטאַנען און זיך אַוועקגעשלייכט אין אַ זייט. אָבער פראַנק ברוין האָט געזאָגט: „באַפעלט אייך אייערע לייט, קאַפּיטאַן, אָבער נישט מיר. איך טו דאָס, וואָס איך האַלט פאַר נויטיק".

און ער האָט זיך געטראַכט: „עס איז כלל נישט נויטיק! דאָס איז נאָר אומגעווייגלעך באַריש!"

הלמאי האָט ער עס געזאָגט? ער האָט זיך דאָך געקענט אַזוי בכבודיק אַרויסציען פון עסק!

„פונמיינעטוועגן", האָט דער קאַפּיטאַן געשאָקלט מיטן קאָפּ, „קענט איר אייך נייען, דאָקטאָר. אָבער ציט נאָר די שנירן פעסטער צו"—ווי אַן אורטייל האָבן אים די ווערטער געקלונגען אין די אויערן.

אָבער ער האָט פונדעסטוועגן ווייטער גענייט, מיט שווערי- קייט, אומגעשיקט, כמעט מיט עקל. ער האָט אַרויסגענומען זיי- באָזטיכל און אַריינגעקוועטשט עס צווישן די ציין, כדי צו פאַרן שטעלן די נאָז. זיין כינעזער האָט געשטונקען.

די איבעריקע זענען שוין געווען פאַרטיק אַ סך פריער פאַר אים; האָט אים איין אָפיציר צוגעהאָלפן. דערנאָך האָבן זיי אַוועק-

געטראָגן די מתים אין דעם ליידיקן שיפֿל אַריין, האָבן עס אויס־געשווענקט און אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין. זיי זענען אָפּגעשווימען אַ פּאָר הונדערט מעטער ווייט פֿון דעם דאַמפּער, און דאָרט האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפֿן זייערע טויטע. זיי האָבן אַראָפּגענומען די היט־לעך; דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעמורמלט עפּעס אַ תּפֿילה.

דאָס איז אַפֿילו געווען נישט גאָר פֿייערלעך, אָבער מ'איז שוין געווינט געווען דערצו.

*　　*

*

צומאָרגנס אינדערפֿרי האָט אַן אָפֿיציר אָנגעקלאַפּט אין פֿראַנק ברוינס טיר. „קומט נאָר אַרויס, דאָקטאָר", האָט ער גערופֿן, איך וועל אייך עפּעס ווייזן!"

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויפֿן דעק; דער אָפֿיציר האָט אים אָנגעוויזן אויפֿן וואַסער.

„קוקט נאָר אַהין!" האָט ער געלאַכט. „דאָרט שווימט אייערער!"

„ווער שווימט?" האָט געפֿרעגט פֿראַנק ברוין.

„אייער כינעזער!" האָט אויסגעשריגן דער אַנדערער.

„מיינער?" פֿראַנק ברוין האָט אויסגעשפּיגן. „הלמאי זאָל עס גראָד זיין מיינער?" אָבער דער אָפֿיציר האָט אים שנעל איבער־צייגט: „ס'איז גאַנץ זיכער אייערער! די געוויכטער, וואָס איר האָט אים מיטגעגעבן אין וועג אַריין, זענען געווען צו לייכט. איך האָב עס אייך פֿאַרגעסן צו זאָגן. — איז ער צוריק אַרויסגעקראָכן און שווימט זיך איצט אַרום".

„וואָס־זשע וועט איר איצט טון?" האָט געפֿרעגט פֿראַנק ברוין. „אים ווידער אַרויסציִען פֿון ים? און אים בעסער באַלאַסטן?"

„ניין!" האָט געזאָגט דער האַמבורגער. „איך נישט! אויב איר האָט חשק?! — ער וועט זיך שוין אַליין אָפּגעזעגענען מיט דער זון און זיך צוריקקערן צו זיינע פֿיש". דערנאָך איז ער פּלוצלינג געוואָרן ערנסט: „איר ווייסט, דער קאַסירער איז קראַנק געוואָרן".

„און ווייטער קיינער נישט?" האָט געפֿרעגט פֿראַנק ברוין.

„ניין", האָט געענטפֿערט דער אָפֿיציר. „ווייטער קיינער נישט".

פראַנק ברוין האָט געטראַכט: דער קאַסירער?! דער האָט נישט פאַרנייט קיין מתים. דער האָט מער פון אַלע אויסגעמיטן צו קומען אין באַרירוסנג מיט די טויטע און מיט די חולאים. און דווקא אים האָט די געלע היה א כאַפּ געטון אין אירע נעגל.

* *

*

אין דעם טאָג און אין משך פון דער גאַנצער נאַכט האָט ער נישט געקענט איינזיצן באַ ז״נע ביכער. א מאָדנע אומרויקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסלויפן אויפן דעק, און שטאַר געקוקט אין וואַסער אַריין.

און דער כינעזער איז אַלץ כסדר פאַרבייגעשווימען. פריער אונטער דער גליענדיקער זון און דערנאָך אין דער לבנהדיקער נאַכט.

„ער וויל מיך מיטנעמען", האָט געטראַכט פראַנק ברוין. „דער פיבער-טייוול איז אריינגעקראָכן אין געלן מת. ער וויל מיך אַריינ-ציען אין זיין לייוונט אריין".

און קעגן זיין ווילן האָבן געשעפּטשעט די ליפּן:

„Stabat mater dolorosa" —

„ספּעציאָזא! ספּעציאָזא!" האָט ער פאַרבעסערט. אָבער ס'האָט פאַרט געקלונגען: דאָלאָראָזא!

דאָס איז געווען די קרייציקונג, וואָס איר בילד האָט אים צוגעשמידט אָן רחמנות, אָן אנטרינונג.

דאָס פון קאָלמאַר —

ווי אָפט פלעגט ער דאָרט אָפּשטיין פאַרן מוראדיקן בילד פון געקרייצטן פון מאַטטיאַס גרינוואַלד. ער האָט נישט געוואָלט — אָבער ס'האָט אים געצויגן. איטלעכעס מאָל, ווען ער פלעגט זיין אין פרייבורג, אין שטראַסבורג — האָט ער זיך תמיד געלאָזט גיין קיין קאָלמאַר.

איינמאָל איז ער געשטאַנען פאַרן בילד צוזאַמען מיט א שיינער פרוי; ער האָט דאַן געזאָגט: „די געוואַלטיקסטע זאַך, וואָס די קונסט האָט געשאַפן; דו מוזט עס זען!"

די שיינע פרוי האָט דערויף אַ קוק געטון. זי איז געוואָרן בלייך, ווייס און גרין —

דערנאָך איז זי אָפּגעשפּרונגען און אַ געשריי געטון.

„ווי דאָס איז שרעקלעך", האָט זי געשעפּטשעט. „ווי דאָס איז שרעקלעך".

ער האָט זי אַרויסגעפירט אין קלויסטער־הויף, און זי אַוועקגעזעצט אויף דער שטיינערנער באַנק אונטער די לינדנביימער.

און איז צוריקגעגאַנגען און פאַרזונקען זיין בליק אין דעם שטאַרבנדיקן אויפן קרייץ.

טויט, פּוילעניש, און פּאָרט לעבן! און פּאָרט דער ניצחון איבער דער גאַנצער מיאוסקייט פון דער פאַרניכטונג.

— אַזוי איז עס געווען — איצטער, איצטער אויך! — און פּאָרט אַנדערש!

די כוואַליעס האָבן געטראָגן די לייוונט, געוויגט זי לייכט אַרויף און אַראָפּ. צי האָט עס נישט אויסגעזען, ווי די נעט וואָלטן זיך אויפגעעפנט? — אַזוי טאַנדעט איז געווען זיין אַרבעט —

דאָס איז געווען זיכער; ער האָט אים געזען. דורך דער לייוונט — אָן דער לייוונט — ער האָט עפּעס געזען. עס האָט געפילט און געשטונקען. און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי דאָס וואַסער וואָלט אים אויסגעשפּיגן, אַזוי עקלהאַפט איז געווען דער דאָזיקער מת. און — דידאָזיקע פּוילעניש, דידאָזיקע יאָמערלעכע פאַרניכטונג, אָט די עיפּושדיקע נבלה — האָט דאָך אַמאָל געהאַט לעבן — האָט געהאַט לעבן, פּונקט ווי דער מעכטיקער קריסטוס פון קאַלמאַר.

נאָר — — וואָס איז עס אייגנטלעך געווען? — וואָס־זשע?

נאָר דאָס איז נישט געווען קיין ניצחון, קיין באַפרייונג פון דעם גאַנצן עקל!

קיין נביא, קיין משיח —

דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס האָט זיך גוט געפילט אין דעם דאָזיקער גאַנצער פאַרניכטונג, וואָס האָט זיך געטובלט אין דעם שליים פון פוילעניש.

און וואָס האָט — טראָץ דעם — די פינגער אויסגעשטרעקט —

„הייליקע יונגפרוי", האָט ער געשטאַמלט, „זיסע גאָטס־מוטער" —

* *

*

זעקס טעג זענען זיי געשטאַנען לעבן דעם גאָלדענער טויער־ווו דער קאַסירער איז געשטאָרבן. אין צוויי טעג אַרום איז געשטאָרבן דאָס קעכער־ייִנגל. און מיט פינף טעג שפּעטער איז ווי־דער געשטאָרבן איינער. און זיי האָבן אויפסניי אָנגעהויבן אַ דריי־וואָכיקע קוואַראַנטאַנע.

דער צווייטער אָפיציר איז געזעסן אין דער קאַבינע און גע־יאָמערט ווי אַ קליין קינד „מיר וועלן זיך שוין פונדאַנען קיינמאָל נישט אַרויסרירן!"

אָבער דער קאַסיר־געהילף איז געווען פּיפּיקער. ער האָט באַרנישט געזאָגט; ער האָט זיך אַרומגעשלייכט, גערעדט צו זיך אַליין איטלעכס מאָל, איידער עס פלעגט אָנקומען דאָס שיפל פונם פּאָרט־דאָקטאָר. ער האָט געהאַט די פליכטן פון קאַסירער און גע־מוזט אַלעמאָל אַראָפּגיין און רעדן מיט די מעטשן.

אַרום האַלבער נאַכט האָט ער שטיל אָנגעקלאַפּט אין פראַנק ברוינס טיר. ער האָט געעפנט — דער צווייטער אָפיציר איז גע־שטאַנען דאָרט און צוזאַמען מיט אים דער קליינער געהילף.

„פּסט", האָט ער געמאַכט, „שטיל!"

ווי צוויי פאַרשווערער זענען זיי אַריינגעקומען און צוגע־מאַכט הינטער זיך די טיר.

„מיר קענען זיך אַרויסקריגן!" האָט געפליסטערט דער קליי־נער. „כ'האָב איבערגעקויפט איינעם פון די שיפסלייט — פינף ענג־לישע פונט האָט עס געקאָסט! ער וועט קומען מאָרגן באַנאַכט מיט אַ שיפל!"

„גרויסאַרטיק!" האָט געזאָגט פראַנק ברוין.

„נאָר איין זאַך — האָט זיך דער צווייטער אָפיציר אָנגערופן, „איר מוזט אונז צוהעלפן. מיר ווילן זיך נישט —אַרויסגנבענען — דעזערטירן! איר מוזט רעדן מיטן קאַפּיטאַן: וועט ער עס דער־לויבן!"

פראַנק ברוין האָט געצווייפלט: „גלייבט איר אַזוי? — ער וועט האָבן אומאָנגענעמלעכקייטן, ביז די פּאָרט־מאַסט וועט עס באַמערקן"

„זיי וועלן עס נישט באַמערקן", האָט דער קאַסירער אָפּגע־ענטפערט, „זיי קענען עס כּלל נישט באַמערקן. זיי האָבן נאָכנישט אַרויסגעפּאָדערט קיין רשימות, און ווייסן צומאָל נישט, וואָס אויף דער שיף טוט זיך. רעדט נאָר איבער מיטן קאַפּיטאַן — אייך וועט ער נישט אָפּזאָגן! און אויב ער וועט עס איידצוליב־טון, וועט ער עס אונז אויך דערלויבן!

„גוט, גוט", האָט געזאָגט פראַנק ברוין, „איך וועל עס פּרווון".

ער האָט גערעדט מיטן קאַפּיטאַן. ער האָט עס געמאַכט אַזוי, גלייך ווי דער גאַנצער פאָרשלאַג וואָלט געשטאַמט פון אים אַליין, און ווי זיי ביידע וואָלטן זיך נאָר צו אים אָנגעשלאָסן. דער קאַ־פּיטאַן האָט נישט זייער גערן מסכּים געווען. צוואָס אייגנטלעך דאַרף ער זיך דאָס אַזוי צו איילן? ער וועט נאָך אַזוי אויך גאַנץ פרי אַהיימקומען, און ס'איז אייגנטלעך אַלצאיינס, צי מ'וועט זיך לאָזן דערשיסן אין אָקטאָבער, אָדער אין דעצעמבער.

דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן גאַנץ ריכטיק — און ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל דערויף ענטפערן. צי האָט ער דען איבערהויפּט געוואָלט אַהינקומען?

אַלציינס — דאָס האָט ער זיכער געוואָלט: אַוועק פון דער שיף,

ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אַ קליין ביסעלע באַגייסטערונג, אַ ברעקעלע — פאָטערלאַנדס־ליבע! נאָר אַ קליין ביסעלע פון דעם געפיל פון יענע ביידע!

אָבער ס'איז גאָרנישט געווען דערפון, לחלוטין גאָרנישט' ער האָט נאָר געטראַכט: דער קאַפּיטאַן איז גאַנץ גערעכט. עס איז תּמיד נאָך גענוג פרי, כּדי זיך צו לאָזן דערשיסן.

לסוף האָט ער געפונען עפּעס. „קאַפּיטאַן", האָט ער געזאָגט, „ווען איר וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט, אַוועקצופאָרן הייַנט קיין דייטשלאַנד — צי וואָלט איר געוואַרט ביז מאָרגן?"

דער קאַפּיטאַן האָט אים אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין: „ניין, הער, איך נישט! איך וואָלט נישט געוואַרט!"

„אַלזאָ", האָט געזאָגט פראַנק ברוין.

דער קאַפּיטאַן האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען; אָבער ער האָט געגעבן די דערלויבעניש.

* *

*

דאָס שיפֿל איז אָפּגעפֿאָרן, באַלד ווי ס׳איז אויסגעגאַנגען די לבנה. דרייסט איז עס אַריינגעשווימען אינמיטן פֿאַרט און קיינער האָט עס נישט פֿאַרהאַלטן.

א פֿיאַקער האָט זיי אַוועקגעפֿירט צום באַנהויף, ווו זיי האָבן געוואַרט עטלעכע שעה.

בעת דער צוג האָט אַרויסגערירט פֿון סאַן־פֿראַנציסקא, האָט דער אָפֿיציר אויסגערופֿן: „איצט זענען מיר פֿריי!״

און דער קליינער קאַסירער האָט אויסגעשריגן: „קיין דייטש־לאַנד! זאָל לעבן דער קייזער!״

פֿראַנק ברוין האָט געשוויגן.



„Deum testem invoco. si me Augustus, universo praesidens mundo, matrimonii honore dignaretur totumque mihi orbem confirmarent praesidendum: carius mihi et dignius videret, ut tua dici meretrix, quam illius imperatrix".

Epistolae Heloisiae.

„Der Beryll, in der Farbe von Meer und Luft, is des Heiligeu Thomas Stein, des Ungläubigen und doch Gläubigen, der lange Seereisen machte und selbst zum Fernstein kam von Gott gesandt, den Völkern zu predigen".

Ąndreas — Bischof von Cäserea (Um 560 Ą. D.)

אין די דאָזיקע טעג, בעת זיי האָבן אַזוי דורכגעשניטן דעם קאָנטינענט אין דער לענג און אין דער ברייט, איז אין אים כסדר געוואַקסן דער באַשלוס אַריבערצופאָרן צוזאַמען מיט די ביידע לייט. פּאַמעלעך און ביסלעכווייז, אָבער גאַנץ זיכער און פעסט: דאָס איז סוף־כּל־סוף זעווען ס'בעסטע, וואָס ער האָט געקענט טון.

וואָס אַן אמת, זיינע מאָטיוון זענען געווען גאַנץ אַנדערע, ווי זייערע. פאַר זיי האָט מער נישט עקזיסטירט ווי איינס: דייטשלאַנד! באַפאַלן דורך אַזויפיל מעכטיקע שונאים, וועט זי זיכער אָפּגיין מיט בלוט, אויב זי וועט נישט קענען מיט די לעצטע כּוחות די פיינט צעשמעטערן. און צו די דאָזיקע כּוחות האָבן זיי אויך געהערט, זיי ביידע! זיי האָבן דאָס נישט אָפּגעפילט אַלס אַ פליכט,

וואָס זיי מוזן אויספירן — — דאָס איז געווען דער אינסטינקט פון זעלבסט-דערהאַלטונג: זיי זענען געווען מער נישט אַ קליינ-טשיק טיילכל פונם מעכטיקן דייטשלאַנד — און דאָסדאָזיקע דייטש-לאַנד האָט געקעמפט און געווערט זיך ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט. עס האָט געמוזט שטאַרבן — אָדער ס'האָט געמוזט זיגן: און דאָס האָבן זיי אויך געמוזט טון, די דאָזיקע ביידע לייט. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז איטלעכער דייטש האָט אַזוי געפילט ווי זיי: זיי האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז אויך ער, פראַנק ברוין, האָט מיט יעדן אָטעם-צוג און מיט יעדן האַרץ-קלאַפּ בלויז איינס געפילט: פאָטערלאַנד, דייטשלאַנד, מוטער — אַזוי ווי זיי —

ער אָבער האָט אַזוינס כּלל נישט געפילט — איינס האָט ער געזען, אַז אין דער דאָזיקער צייט איז יעדער יחיד פאַרשוווּנדען גע-וואָרן און זיך אויפגעלייזט, זיך ממש צעפלאָסן אין דער מאַסע און זיך צוזאַמענגעשמאָלצן מיט מיליאָנען אַנדערע. און ווי פּלוצלינג, איבער נאַכט, איז אַ ווען אויסגעוואַקסן, יינג, מעכטיק, שיטאַניש: דאָס פאָלק.

ער אָבער האָט נישט געהערט דערצו. אַלץ וואָס ער איז געווען, איז ער נאָר געוואָרן אין כּסדרדיקן קאַמף אַנטקעגן די אַנדערע, איז ער געווען נאָר אַלס ער גופא, נאָר אַלס אינדיווידום. די אַנדערע? נו, מענטשן אומעטום. און צומייסטן דייטשן. המון, פאָלק, טשערעדע.

זיין צוזאַמען, אויך מיטזיין דערביי — דאָס איז געווען פריש לעבן פאַר מיליאָנען מענטשן. זיי זענען געווען גאָרנישט — און ערשט די גרויסע רגע האָט זיי געשאַפן. זי האָט זיי געשאַפן. הגם אַלס קלענסט חלקל קוים אין דעם ריזיקן גוף פון פאָלק, אָבער פאָרט אַלס אַ שטיקל, וואָס האָט מיטגעאָטעמט, מיטגעלעבט און מיטגעקעמפט.

אים אָבער וואָלט עס פון אַלדינג באַרויבט, און וואָלט פון אים — ווי פון אַלע אַנדערע — אַ שטויבעלע געמאַכט, אַ צע-שוינדן שטיקל פלייש אין בלוטנדיקן לייב פון פאָלק.

טויט איז געווען פאַר אים דאָס, וואָס פאַר אַנדערע איז געווען לעבן.

אַהינלאָזן זיך, פאַרשווינדן און צעפליסן זיך — ניין!

דאָס, וואָס ס'האָט ביי זיי געהייסן פּאָטערלאַנד, האָט גערעדט צו זייערע נשמות. און די נשמות האָבן זיך פריידיק צעשריגן — האָבן צוגעגעבן דעם גוף היכן מוט, אויסדויער און כח, האָבן אים געגעבן דעם ווילן צום זיג. ויין נשמה האָט גאַנץ גוט געהערט דאָס שליחות, הויך און קלאָר, ער האָט אויך געזען, ווי אלע אַנדערע זענען געקומען — אלע! אָבער ער איז געבליבן קאַלט און ניכטערן — האָט זיך נישט פארשיכורט און נישט געגאַנגען באָכן שאַלנדיקן רוף.

זיין גוף, יאָ, דער האָט געקענט מיטגיין. פיס און אָרעמס, בויך און געהירן. צוויי שענקלען, וואָס האָבן געקענט גוט אַרומקלאַמערן אַ פערד, אַן אויג, געניג שאַרף, כדי צו טרעפן אין ציל, אַ פויסט, וועלכע האָט גאַנץ אָפט מיט דער בלאַנקער שווערט געפאָכעט. און סוף־כל־סוף האָט עס געקענט זיין גאַנץ גלייכגילטיק, פאַרוואָס ער איז מיטגעגאַנגען — ווען ער וואָלט נאָר געקומען.

ער וואָלט זיי גאַנץ צונוץ געקומען. מלחמה איז אים נישט געווען פרעמד, ער האָט שוין געהאַט מיטגעמאַכט פיר אָדער פינף אַזעלכע. און הגם דאָס זענען בלויז געווען מאַלפּישע מלחמות, רעוואָלוציעס אין מעקסיקע, אין האיטי, ווענעצועלי און פערו, איז עס אין תוך פאָרט געווען אַלצאיינס פאַרן איינצלנעם מענטש. דאָ ווי דאָרטן האָט מען געשאָסן מיט צעגליטע קוילן, געשטאָכן און גערגעט מיט לאַנגע מעסערס. וואָס אַן אמת, נאָך גאַנץ באַרבאַריש, קינדיש כמעט, און כלל נישט לויט אַלע כללים פון מלחמה. אַ קעגן־זשע אין אייראָפּע האָט מען היינט גאַנץ וויסנשאַפטלעך געפירט די גרויסע שחיטה.

אָ יאָ! אויך ער האָט געוואָלט — מיטזיין דערביי! אויס פּאַטריאָטיזם נישט — מער נישט אויס איינגעבוירענעם חשק צו אַוואַנטורעס. — ער איז געווען אויפן דרום־ים, ער האָט געפאַנטאַזירט אין סאַמאָאַ, בעת די איטאַליענער האָבן פאַרכאַפּט טריפּאָליס, האָט געהערט אין קאַשמיר וועגן די גרויסע באַלקאַן־מלחמות ערשט דאַן, ווען זיי זענען שוין געווען פאָריבער. צוויי געלעגנהייטן האָט ער שוין דורכגעלאָזט — איצטיקס מאָל מוז ער אַליין זיין דערביי.

אָבער ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט געפאָרן אויף אַ מלחמה, וואָס ווילד פרעמדע, פאַר אים גאַנץ גלייכגילטיקע

פעלקער, האָבן צווישן זיך געפירט. דאָס איז געווען ווי דעמאָלט, אין על פּאַסאָ, בעת ער, צוזאַמען מיטן טעקסאַנישן קו-רייטער, האָבן געוואָרפן גורל מיט אַ זילבערנעם דאָלאַר: קאָפּ אָדער שלאַק? פאַר ווילאַ אָדער הוערטאַ? מערגיסט איצטיקס מאָל האָט ער נישט געהאַט קיין אויסוואַל, צו וועלכן צד ער זאָל אַוועקרייטן.

און ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז ס'איז נאָר געבליבן דאָס איינציקע: דאָסדאָזיקע באַשטימטע, זיכערע געפיל, אַז ער וועט קעמפן פאַר דייטשלאַנד און נישט קעגן דייטשלאַנד. אָבער דאָס, וואָס ס'האָט אים געפירט, איז געווען מערניסט אַ מין ריינלעכ-קייטס געפיל, וואָס ער האָט באַקומען בירושה און דורך דערציונג. פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט נישט אָנגעטון אויף זיך קיין פרעמד העמד, כל-זמן דאָס אייגענע האָט זיך נאָך געהאַלטן.

* *

*

דאָס איז געווען, בעת זיי זענען אַרויסגעפאָרן מיטן צוג פון סאַלטעק-סיטי. נישט ווייט פון זיי, אָפּגערוקט מיט אַ דריי, פיר שטולן, איז זיך געזעסן אַ מאַנספּערשוין און געהאַלטן אין איין שפּייען. ער האָט געשפּיגן רעגולער, אַלע צוויי מינוט, אין דער גרויסער מעשענער שפּיי-שיסל אַריין. נישט אין דער, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים; ער האָט געשפּיגן מיט אַ בויגן אין דער אַנדערער, איבער עטלעכע שטולן אַריבער, גלייך צו זיי אַהער. ער האָט קיין איינמאָל נישט געמיטן דעם ציל און האָט תמיד גע-טראָפן אין סאַמע מיטן אַריין.

„אַן אויסגעצייכנטער שפּייער!" האָט געזאָגט דער אָפיציר.

דער קאַסיר-געהילף האָט זיך אָפּגערופן: „דער חברה-מאַן קער צו זיין אַן אונטערוואַסער-שיפל! און זיין שפּיי אַ טאָרפּעדאָ, און די שפּיי-שיסל אַן ענגלישער קרייצער".

פראַנק ברוין האָט אַ קוק געטון אויף אים. דער דאָזיקער פּאַרשוין איז דאָ פריער נישט געזעסן, ער האָט ערשט געמוזט איינשטייגן ערגעץ אויף אַ סטאַציע. אָדער ער איז איבערגעגאַנגען פון אַן אַנדערן וואַגאָן.

פראַנק ברוין האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים. ער איז

געוועז ענלעך צו זיין פעטער, דעם אַלטן געהיימראַט טען־ברינקען — ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. דאָס איז געוועז אַ קליינער און גאַנץ מיאוסער מענטש. גלאַט־ראַזירט; דיקע טרערן־זעקעלעך האָבן אים אַראָפּגעהאָנגען אונטער די אויגן. די ליפּן געשוואָלן, די גרויסע נאָז פליישיק. איין לעפל האָט טיף אַראָפּגעהאָנגען איבערן לינקן אויג, אָבער דאָס רעכטע איז געשטאַנען ברייט אָפן, און לאָקערנדיק אַרויסגעשיקלט.

אָבער זיין פעטער האָט נישט געשפּיגן.

דער געהיימראַט איז דאָס נישט געוועז, זיכער נישט. אַחוץ־דעם איז יענער שוין געוועז פונלאַנג טויט. ער האָט זיך אויפגע־האָנגען. מיט דריי יאָר צוריק. דאַנקען גאָט!

דער אָפיציר איז אויפגעשטאַנען און אַוועק אין שפּייז־וואַגאָן.

דער פּאַסאַזשיר איז געזעסן שטיל און שטום, ווי פאַרשטאַרט. ער האָט נישט געלייענט, נישט גערויכערט, און נישט גערירט זיך פון אָרט. ער האָט בלויז געשפּיגן.

פראַנק ברוין האָט געציילט די פויזעס און צוגעקומען ביז הונדערט און צוואַנציק. דאַן זענען ווידער געוועז צוויי הפסקות און דערנאָך אפשר מיט פיר וויניקער. עס וועט זיין גענוי צוויי מינוט, האָט ער געטראַכט. און ער האָט ווייטער גענומען ציילן.

ער האָט געציילט פינף מאָל, צען מאָל, פירצען מאָל —

דער מאַן איז אויפגעשטאַנען, געוואָרפן אַ ראַשן בליק; אַ שליימיק, פאַרפוילטער שמייכל האָט אַראָפּגעטריפט פון זיינע אַראָפּ־געהאָנגענע ליפּן.

און אין דערזעלבער רגע האָט פראַנק ברוין געגלייבט, — אָך, גאַנץ באַשטימט — אַז דאָס איז טאַקע געוועז דער פעטער יאַקוב און נישט קיין אַנדערער.

דערנאָך אָבער — און כמעט גלייכצייטיק — איז ער ענלעך געוואָרן צום טויטן כינעזער, וואָס איז אַרומגעשווימען נאָענט פון דער פאַרפיבערטער שיף.

אָבער פאָרט: דער איז דאָך געוועז זיין פעטער, דער גע־היימראַט טען־ברינקען. — ער האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ —

דער קאַסיר־אַסיסטענט האָט אויסגעשריגן: „געלויבט צו גאָט, דאָס חזיר איז אַוועק!"

פראַנק ברוין האָט זיך אומגעקוקט, יאָ, דער פאַרשוין איז

שוין געהאַט אוועק; ער איז אָקאָרשט אַרויס דורך די טיר אין דעם צווייטן וואַגאָן אַריין.

„קאָמיש", האָט ער געזאָגט. „דער דאָזיקער מענטש איז געווען זייער ענלעך צו מיין פעטער".

„נע, דאַן האָט אייער הער פעטער אויך נישט געמוזט זיין קיין גרויסע שיינהייט", האָט באַמערקט דער אַסיסטענט.

„ניין, דאָס איז ער טאַקע נישט געווען, גאַנץ זיכער!" האָט געענטפערט פראַנק ברוין. „איך וועל אים נאָכגיין".

„וועמען?" האָט געפרעגט דער אַנדערער.

„דעם מאַן, דעם שפּייער". פראַנק ברוין איז אויפגעשטאַנען, פאַמעלעך און מיד. זיין שטים האָט געקלונגען טרוקן. „ער האָט אויסגעזען פּונקט ווי דער כינעזער!"

דער אַסיסטענט האָט זיך איינגעהערט: „ווי ווער — האָט ער אויסגעזען?"

„ווי דער כינעזער", האָט געענטפערט פראַנק ברוין. „ווי דער כינעזער, ווייסט איר, וואָס איז געשטאָרבן פון פיבער און איך האָב אים פאַרנייט. וועלכער איז ווידער אַרויסגעקומען אויפן צווייטן טאָג און אַרומגעשווימען אַרום דער שיף".

„זאָגט נאָר, דאָקטאָר", האָט אים איבערגעריסן דער קלייגער אַסיסטענט. „צי איז אייך נישט אמאָל אַביסל צו-הייס דאָ, וואָס איצט איז דער חברה-מאַן ענלעך צו דעם כינעזער און פריער צו אייער פעטער!? אָדער אפשר איז דער טויטער כינעזער געווען אייער פעטער? דאַן גראַטוליר איך אייך! — גייט בעסער טרינקען אַ קאַלט גלעזל וואַסער, כ'לעבן — אָבער אַ רעכט קאַלטס, דאָס וועט אייך העלפן".

פראַנק ברוין האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן. „ער איז געווען ענלעך צו ביידן", — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט. „איך מוז אים נאָכגיין".

„פונמיינעטוועגן!" האָט געלאַכט דער קאַסיר-אַסיסטענט. „טאָ דערלויבט-זשע צו פאַרנעמען אייער אָרט, ביז איר וועט צוריקקומען — דאָ שיינט מיר די זון גלייך אין פנים אַריין. און גריסט מיר דאָרטן דעם כינעזישן שפּיי-פעטער".

פראַנק ברוין האָט אים כמעט נישט געהערט, ווען ער האָט דערזען דעם מאַן שטיין אין שכנותדיקן וואַגאָן; ס'האָט אויסגעזען,

ווי ער וואָלט אויף אים געהאַט געוואַרט. ער האָט זיך אומגעקוקט, אַרויסגעשצירעט די ציין און געגאַנגען ווייטער. פראַנק ברוין איז אים נאָכגעגאַנגען דורך זיבן, אַכט וואַגאָנען, ביז אַהין צום ערשטן.

דער דאָזיקער וואַגאָן איז געווען ליידיק, קיין איין פּאַסאַזשיר איז דאָרט נישט געזעסן. דער מאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערשטער שטול. און באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן — אין סאַמע מיטן פון דער גרויסער שפּיל־שיסל. פראַנק ברוין האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן און שטאַר געקוקט אויף אים. ער האָט געציילט —

הונדערט נײַנצן — הונדערט צוואַנציק — הונדערט און —

די שיסל האָט אויסגעזען נישט צו זיין אָנגעפילט מיט וואַסער; עס האָט נישט געפּליעסקעט, בעת ער פלעגט אַרייַנשפּייען. עס האָט אַרויסגעגעבן אַ שטילן, גאַנץ לייכטן מעטאַלענעם טאָן, כמעט ווי עפּעס אַ פּישטשען, ווי אַ פייפן אָדער פּיפּזן. עפּעס אַ שוואַרצע זאַך איז דורכגעפלויגן דורך די לופט און זיך אָנגעשלאָגן אין דער בלאַנק אויסגעשייערטער שיסל — פּינג — פּינג —

פראַנק ברוין האָט שטאַר געקוקט אויף דער שיסל — און זיך איינגעהערט.

עס האָט עפּעס דאָרט אַרומגעשאָרכט, געוואָרפן און געריבן זיך אָן מעטאַל. עס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט דאָרט עפּעס אַרומגעלאָפן, גאַנץ געשווינט, אַרום און אַרום, אינעווייניק אין דער שיסל.

הונדערט און אַכצן — נײַנצן — צוואַנציק —

פּינג — פּינג — האָט עס ווייטער געקראַצט אין דער שיסל, און איז באַלד אַנטלאָפן. אָ, דאָס וואָס דער מאַן האָט דאָרט אויסגעשפּיגן, האָט געהאַט אין זיך לעבן.

פראַנק ברוין האָט זיך אַריבערגעבויגן אויף פאָרנט און זיך שטאַר איינגעקוקט. און ער האָט דערזען גענוי: פון דער שפּיי־שיסל זענען אַרויסגעשפּרונגען מייזלעך מיט שוואַרצע קעפּלעך און זיך געלאָזט לויפן אונטער די שטולן. גרויסע און קליינע, איינס לעבן אַנדערן.

...דער מאַן האָט אויסגעשפּיגן שוואַרצע מייז.

און ווי ראַקעטן זענען זיי געפלויגן אויס דעם מויל, מייז, מייז, הונדערטער שוואַרצע מייז זענען געשפּרונגען אויף די שטולן.

געפּייפט, געשריגן, אַרומגעלאָפן אומעטום, און צוריק ערגעץ נעלם געוואָרן.

און ווי דער פּאַרשוין האָט עס אויסגעשצירעט די ציין — און ווי ענלעך ער איז געווען צום געהיימראַט יאַקוב!

פראַנק ברוין האָט געעפנט די ליפּן. „פּעטער יאַקוב!" האָט ער געשעפּטשעט.

פּלוצלינג איז ער אַ פאַל אום געטון אויף פּאַרגט, עפּעס האָט אים אַ וואָרף געטון אויף די קני אַראָפּ, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער שטול מיט דער לינקער, און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אָן דער פּאָדלאָגע. אַ טעמפּן קראַך האָט ער דערהערט, דערנאָך דאָס גריילצנדיקע הייזן פון דער דאַמף־מאַשין.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, עפּעס איז געהאַט געשען. ער איז אויפגעשפּרונגען, און אַריינגעלאָפן אין נאָענטסטן וואַגאָן. ער האָט דערזען דעם עולם אין גרויס אויפרעגונג; טייל האָבן אויפגעריסן די פענסטער און אַרויסגעקוקט, אַנדערע ווידער האָבן זיך געוואָרפן צו דער טיר.

„וואָס איז געשען?"

קיינער האָט נישט געוווּסט. ער האָט זיך אַ לאָז געטון ווייטער צוזאַמען מיטן עולם דורך אַלע וואַגאָנען.

דאַן האָבן זיי ערשט דערזען, וואָס ס'איז געשען. אָ, כּלל נישט קיין אויסערגעוויינטלעכס.

בײַ עפּעס אַ דורכגאַנג איז דער וועכטער געהאַט איינגעשלאָפן און נישט אַרונטערגעלאָזט דעם שלאַבאַן. און—נאַרישער צופאַל — עפּעס אַ פּאָר פערד האָבן זיך דערשראָקן און זיך געלאָזט לויפן גלייך אויפן צוג אַרויף.ביידע קליאַטשעס צוזאַמען מיט זייער מיטפאָרער זענען געלעגן שרעקלעך צעשמעטערט. איינע איז שוין געווען טויט, דער אַנדערער האָט אַ באַרמהערציקער פּאַסאַזשיר דערלאַנגט מיטן רעוואָלווער דעם חסד־שאָס. אָבער דער קוטשער איז אָפּגעקומען מיט בלויזע שרעק, ער איז אַ פלי געטון אין אַ הויכן בויגן איבער דעם צוג אַריבער און אַראָפּגעפאַלן אויף דער צווייטער זייט. ער האָט זיך גענומען רייבן די הענט און די פיס, און זיך אַרומגעטאַפּט: אַלץ איז געווען גאַנץ. קוים אַ קליינעם שראַם האָט ער געהאַט.

אויך דער צוג איז ניצול געוואָרן. עטלעכע ראַצן בלויז אין לאַק פון וואַגאָן. אויך אַ שויב איז געווען צעבראָכן, דאָס האָט דער דישל אויסגעהאַקט.

נאָר די איינע שויב איז געווען צעקלאַפּט — און וואָס אַן אמת, נאָך עפּעס, וואָס ס׳איז געווען הינטער דער שויב.

דער בלאָנדער שאַרבן פון אַ פּאַסאַזשיר, וואָס איז איצט געווען רויט פון בלוט.

דאָס איז געווען דער קליינער פּאַסאַזשיר־געהילף, וואָס איז געזעסן אויף פראַנק ברוינס אָרט. דער האָט שוין נישט געלעבט.

מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט דעם טויטן גוף און אים אַוועקגע־לעגט פאָרנט אין משא־וואַגאָן.

אין אַ צען מינוט אַרום האָט די באַן גענומען פייפן, אָבער דער צוג האָט נאָך געוואַרט אַ קורצע ווייל, כדי דורכצולאָזן אַ צווייטן צוג. פראַנק ברוין האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער —

אין פענצטער פון דורכלויפנדיקן צוג איז זיך ברייט גע־זעסן דער העסלעכער פּאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזען ווי זיין פעטער יאַקוב. ער האָט אַ שפּיי־געטון — און אַ קליינע שוואַרצע מויז איז דורכגעלאָפן איבער די רעלסן.

* *

*

שטיל, אַן געדויש, ווי אַ רייזיקער שילדקרעט מיט אַ הויכ־געוועלבטן פּאַנצער, איז געקראָכן דער פּאַראָם איבער דעם וואַ־סער פון הודסאָן. פראַנק ברוין איז געזעסן אינדערהויך און צו־ריקגעבליקט אויף די שפּיצן און זיגזאַגן פון מאַנהעטן, וואָס האָט געלויכטן אין דער האַרבסטיקער זון.

לעבן אים איז געזעסן דער אָפיציר. „איר ווילט אַלזאָ דורכויס פאָרן?״ האָט ער אים געפרעגט. יענער האָט נאָר גע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. האָט אים אָנגעקוקט, עטוואָס מיט ביטול. „איך פאָר״, האָט ער געזאָגט.

פראַנק ברוין האָט אַרויסגעצויגן אַ צייטונג פון דער קע־שענע. „נאַט, לייענט! די „בערגנספּיאָרד״ איז פאַרשלעפּט געוואָרן

קיין קירקוואל, — פינפהונדערט און זעכציק דייטשישע געפאנגענע. דאָס איז דער לעצטער פאַנג".

דער אָפיציר האָט געהויבן מיט די אַקסלען. „איך פאַר פונדעסטוועגן".

שווייגנדיק האָבן זיי דורכגעקרייצט דעם ריזיקן שטראָם, איבער וועלכן ס'זענען אַרומגעלאָפן ווי די ריזיקע וואַסער-זשוקעס אַהין און אַהער כלערליי דאַמפּערס, שלעפּשיפן און באַרקעס. ווייטערצו אין האַבאַקען איז דער שיפסמאַן געוואָרן עטוואָס באַרעדעוודיקער. „דאָ קומט מיר תמיד פאָר, ווי כ'וואָלט שוין כמעט געווען אינדערהיים. בלויז דייטשן אומעטום. אַלץ רעדט דייטש".

זיי זענען דורכגעשווימען די ברייטע פאָרט-גראָבלע פון ברעמער לאָיד. דאָ זענען געלעגן די מעכטיקע שיפן פון די דייטשן, די גרעסטע אין דער וועלט, שטיל, אומעטיק, אומבאַוועגלעך. הויך איבער זיי האָט זיך דערהויבן די שיף „פּאַטערלאַנד".

דער אָפיציר איז געבליבן שטיין, און האָט אויפגעהויבן דעם אָרעם. „טוט אַ קוק", האָט ער אויסגעשריגן, „אונזערע שיפן!"

און פראַנק ברוין האָט געזאָגט: „איר קענט גוט וואַרטן, ביז זיי וועלן געמען פאָרן!"

אָבער דער שיפסמאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „פּרוווט עס באַ אַנדערע, דאָקטאָר! ס'וועלן דאָרט זיין גענוג דייטשן אויפן דעק פון „רידוואַן". האַלט פאַר זיי אַ רעדע!"

„דאָס וועל איך טאָקע טון", האָט פראַנק ברוין געשאָקלט מיטן קאָפּ, און פאַרביסן די ליפּן. „איך וועל עס טון — פאַרלאָזט זיך אויף מיר! איך וועל זיי שוין האַלטן אַ רעדע!"

זיי זענען צוגעקומען צום ברייטן האַפן פון דער האָלאַנדליניע. געדיכט צונויפגעקוועטשט זענען געשטאַנען די מענטשן אין דער גרויסער האַלע, פיל בלאָנדע מענער, פרויען און קינדער. די לעצטע האָבן געוויינט, אָבער די מענער האָבן געלאַכט, און אפילו געזונגען אויך.

ביידע זענען אַרויף אויף דער הילצערנער בריק, וועלכע האָט געפירט צו דער שיפס-דעק. דאָרט איז געשטאַנען דער קאַסירער פון דער שיף; פראַנק ברוין האָט אים דערקענט אָן דעם היטל.

„וויפל פּאַסאַזשירן?" האָט ער געפרעגט.

„כ'ווייס נישט געַנוי", האָט געברומט דער האָלענדער. „דריט־האַלבן טויזנט אָדער מער. איבערגעפּולט ווידער — קאַיוטעס און צווישנדעק!"

„דייטשן?"

דער האָלענדער האָט געלאַכט. „וואָס־זשע דען?" — עסט־רייכער אויך און אונגאַרער! קיין האַלב טוץ נייטראַלע נישט צו־מאָל. איר פאָרט אויך מיט?"

פראַנק ברוין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. „צי גלויבט איר, אַז איר וועט אַלץ בשלום אַריבערברענגען?" האָט ער געפרעגט.

דער האָלענדער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אַלץ וועט אַרי־בערקומען, איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן! פאַר דעם גאַראַנ־טירן מיר! — געַנוי ביז פּאַלמוט! די ענגלענדער ווען זיך דאָס אַביסל פרייען. גוטע פליייש־סחורה ברענגען מיר, און גאַנץ אומזיסט!"

פראַנק ברוין איז אַרויף אויף די טרעפּ, האָט זיך צומאָל אויף קיין רגע נישט געשוּבט. ער האָט גענומען פּאַטשן מיט די הענט, ווי הויך ער האָט נאָר געקענט, און געשריגן: „אַכטונג! אַכטונג! הערט זיך איין!" ער האָט געפאָכעט מיט זיין צייטונג הויך אינדערלופטן.

דער עולם איז געוואָרן אויפמערקזאַם: „שטילער!" האָט אייבער געשריגן. און אַן אַנדערער: „צוהערן! ער האָט אַ נייע אויס־גאַבע! לאָזט אים לייענען!" און מ'האָט נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט: „שטילער! צוהערן! לייענט דעם טעלעגראַם!" זיי האָבן זיך צו־נויפגעזאַמלט אַרום די טרעפּ, ענג צונויפגעדריקט, אונטן אין דער האַלע און אויבן אויפן דעק לעבן דעם מאַסטבוים.

ער האָט האַסטיק אָנגעהויבן. „איר זאָלט נישט פאָרן, מענטשן!" איר זאָלט נישט אָפּפאָרן מיטן דאָזיקן פאַרשאָלטענעם האָלענדער! קיינער פון אייך וועט נישט אַריבערקומען קיין דייטש־לאַנד! קיינער פון אייך! זיי וועלן אייך אַרויסגעבן ווי די הערינג, צוועלף שטיק אויף אַ טוץ, הונדערט טויזנט אויף אַ טאָן! איר זענט שוין געפאַנגענע, קוים וועט איר נאָר אַרויסרירן פון סענדי־הוק — און איר באַצאָלט נאָך דערפאַר מיט אייער גוט געלט! כל ־ זמן איר זענט אויפן ים — וועט אייך נאָך אָפּגיין כשורה. אָבער דאָרט ווייטער וועט מען אייך אַריינזעצן אין די קאָנצענ־

טראַציע־לאַגערס — צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז אזוינס — אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער?

האַרט לעבן אים האָט זיך צעלאַכט אַ ברייטבייניקער מאַטראָז. „זאָל זיין, וואָס ס'ווילי!" האָט ער אויסגעשריגן, „אַלץ בעסער, ווי דאָ אויסגיין פון הונגער, אָן אַרבעט, אָן ברויט! איר, הער, קענט אייך געזונטערהייט אונטערוואַרטן — אָבער איך? און אזוי פיל אַנדערע? אַ בעטלער ווערט מען דאָ אין בעסטן פאַל, אַ פאַרברעכער, אָדער אַ גנבֿ! וויל איך שוין ליבערש זיין אן אָרנטלעכער געפאַנגענער אין אַן ענגלישן לאַגער!"

„איר ווייסט נישט, וואָס איר רעדט, מענטש!" דאָט אים פראַנק ברוין אָנגעשריגן. „דאָ האָט יעדער איינער פאָרט אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן פאַר זיך און פאַרן פאָטערלאַנד, און אין ענגלאַנד מוז ער אַרבעטן — פאַר ענגלאַנד! איר ווייסט נישט ווי עס גייט־צו אין אַ געפאַנגענען־לאַגער — נישט איר און נישט קיינער פון אייך! איך ווייס עס! איך קען דאָס גוט נאָך פון דער בורן־קריג! מענער, פרויען, און קינדער פאַקט מען אָן צוזאַמען ווי די פליגן און דאָס אַלץ שטעקט זיך אָן און פאַרפעסטעט זיך קעגנזייטיק! אריין באַקומען זיך אַ סך — אָבער אַרויס געזונט גאָר ווייניק. — פאָרט נישט מיט דערדאָזיקער שיף, מענטשן, בלייבט, ווו איר זענט!"

דאַן האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער בריק אַ גרויסער, בערדיקער מאַן. „חברים", האָט ער אויסגעשריגן, „חברים! דאָס קען אַלץ זיין אמת, וואָס דער הער רעדט דאָ! אָבער איך בין אָפיציר ווי פיל אַנדערע פון אייך — און רעזערוויסטן, וואָס געהערן צו אונזער הערלעכער אַרמיי — זענען מיר אַלע! אויף יענער זייט קעמפן אונזערע ברידער און אונזערע פאָטערס אויף טויט און אויף לעבן, פאַרגיסן זייער בלוט פאַר קינד און ווייב און פאַר דעם כבוד פון פאָטערלאַנד! צי ווילט איר דאָ ווי פחדנים פאַרבלייבן? חברים! מיר ווילן דערפילן אונזער פליכט, איטלעכער לויט זיין געוויסן — אונזער שטאָלצע פליכט אַלס דייטשישע מענער!"

און אַלע צוזאַמען האָבן געשריגן און געיאָכצט: „זאָל לעבן דייטשלאַנד! זאָל לעבן דער קייזער!"

פראַנק ברוין האָט געפויקט מיט די פינגער אויף דעם

אָנלעגן פון דער בריק, ער האָט געוואָרט אומגעדולדיק, נערוועז, ביז דער המון האָט זיך אביסל באַרויקט. דאַן האָט ער אָנגעהויבן פונדאַסניי. „מענטשן!" האָט ער געשריגן, „מענטשן, מענטשן — —"

אָבער ער האָט נישט געקענט קומען צום וואָרט. דער אָפיציר, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים האָט גענומען באַרויקן דעם עולם. „חברים! — לאָזט אים אויך רעדן. ער האָט א גוטע כוונה — אָן שום קלער! ער ווייסט נאָר נישט, אז ס'איז פאַראַן עפעס העכערס נאָך ווי די פערזענלעכע פרייהייט, ווי דאָס לעבן אפילו: פאָטערלאַנדס - ליבע און ערע! לאָזט אים קומען צום וואָרט, חברים!"

און זיי האָבן ווידער גענומען שרייען מיט גרויס באַגייסטערונג.

פראַנק ברוין האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, זיין קול האָט איבערגעשריגן דעם ליארמענדיקן המון.

„גענוג", האָבן זיי געשריגן, „גענוג! — האַלט ס'מויל!" האָבן זיי געבעוועט, „שלעפּט אים אראָפּ, דעם לומפּ!"

„אָט בין איך, איר קענט מיך דערהרגענען! מענטשן, פאָרט נישט, פאָרט נישט ווי א טשערעדע שאָף אונטערן מעסער פון דעם שוחט!"

„חברים!" — האָט אויסגערופן דער מאַטראָז, „גענוג שוין! איך אליין האָב אים צוגעלאָזט צום וואָרט, אָבער ענדלעך האָט דאָך אונזער דייטשיש געדולד אויך א גרעניץ. מיר וועלן פאָרן אַלע!"

„איך דער ערשטער!" האָט אויסגעשריגן איינער פון זיי.

„איך אויך!" האָט געשריגן א צווייטער. „מיר פאָרן אַלע!" און איינער האָט אינטאָנירט:

„Deutschland, Deutschland über Alles..."

און ס'האָט גענומען שאַלן דאָס ליד פון טויזנטער ברוסטן ארויס.

פראַנק ברוין האָט פאַרביסן די ליפּן. דער האָלענדישער אגענט האָט אים אָנגענומען באַם אָרעם און אים אוועקגעפירט אונטער דער בריק. „דאָ איז גלייכער", האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל, „א ביסל זיכערער".

זיי האָבן געזונגען „Heil dir im Siegerkranz“ און „Gott erhalte!“

אין אַ לאַנגער שורה האָט דער המון דורכמאַרשירט די בריק, זינגענדיק מיט גרויס באַגייסטערונג די „וואכט אַם רהיין“.

דער האָלענדער האָט באַמערקט: „פּונקט אַזוי טרייבט מען אַ טשערעדע שעפּסן דורך אַ בריק, וואָס פירט צום שעכטהויז“.

„זיי געזונט“, האָט אים געזאָגט דער שיפס־אָפיציר, זיין רייזע־חבר.

פראַנק ברוין האָט אים געדריקט די האַנט, אָן אַ וואָרט צו רעדן.

איבער אים אויף דער בריק האָט איינער פון המון אַ געשריי געטון: „דאָ האָט ער זיך פאַרבאַהאַלטן, דערדאָזיקער מנוול.

פראַנק ברוין האָט אַ בליק געטון אַרויפצו; אין דערזעלבער רגע האָט ער געכאַפּט אַ שטאַרקן זעץ אין קאָפּ אַריין מיט אַ שטעקן. „נאַדיר!“ האָט עמיץ אויסגעשריגן, „נעם עס צו — צום אָנדענקן!“

אָבער דער אָפיציר, וואָס איז געשטאַנען דערלעבן, האָט אַ כאַפּ געטון דעם שטעקן, אַרויסגעריסן אים דעם שלעגער פון דער האַנט און אים מאָמענטאַל צעבראָכן. און אויבן אויף דער בריק האָבן זיי געשריגן: „שעמען מעגסטו זיך!“ — דו ביסט שיכור! — נעמט אים אַרויף אויף דער שיף“.

דאָס אַלץ איז אַזוי שנעל צוגעגאַנגען, אַז פראַנק ברוין האָט אָפילו נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן, ווער ס׳האָט אים אייגנטלעך געשלאָגן. דער האָלענדער האָט אים אַראָפּגענומען דעם הוט און אים צורעכטגעמאַכט די האָר. „ס׳מאַכט נישט אויס!“ האָט ער געלאַכט, „אַ קליינעם בייל! — פאַרן פאָטערלאַנד!“

פראַנק ברוין האָט זיך אָוועקגעשטעלט באַ דער בריק אַזוי, אַז איטלעכער זאָל אים זען. כמעט אַרויספאָדערנדיק האָט ער געקוקט אויף די מענטשן.

אָבער קיינער איז נישט צוגעקומען, קיינער האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט.

ביסלעכווייז איז געוואָרן טונקעלער, שוין האָבן די לעמפּלעך געגומען וואָרפן זייער קנאַפּלעך ליכט איבערן וואַסער.

און אַלץ מער און מער האָבן געשטראָמט די מענטשן דורך די בריק. פראַנק ברוין האָט געקוקט אויף דעם המון, געהערט זייערע לעצטע ווערטער. ער האָט פאַרגעסן אָן דעם זעץ; ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צוצוגיין צו איטלעכן איינציקן: „פאַר נישט! ולמען השם, פאַר נישט!“ אָן אויפהער האָבן עס געשעפּטשעט יינע ליפּן. אָבער קיינער איז נישט פאַרבליבן — קיין איינער נישט.

איינער, אַ ווּקסיקער מאַנספּערשוין, האָט גענומען דאָס שלאָפנדיקע קינד פון דער פרויס אָרעמס, געקושט עס שטיל און געזאָגט: „איך וועל דיר ברענגען, איך שווער דיר, יינגל, איך וועל דיר ברענגען דעם אייזערנעם קרייץ! איך האָב צוויי געירשנט — פון פאָטער איינעם און איינעם פון דעם זיידן! וועסטו האָבן דריי, יינגל!“

אָבער די פרוי האָט געשלאָכצעט: „קום נאָר דו אַליין צוריק!“

איינער, אַ יינגער, שלאַנקער בחור, האָט געקושט זיין ניו-יאָרקער מיידל. „בלייב געזונט, פייע“, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. „פאַרבלייב מיר געטריי, אויב דו קענסט. איבעריקנס, זאָג מיר צו, אַז וועסט ווייניקסטנס נישט נעמען קיין ענגלענדער!“

איינער אַ שטאַרקער חברהמאַן, האָט זיך געוואַקלט אַ שיכורער איבער דער בריק, איינער אַליין. ער דאָט זיך פעסט געקלאַמערט אָן דעם באַריער, און געפּרעפּלט: „צוויי ברידער — צוויי ברידער — האָבן זיי מיר דערשאָסן — צוויי ברידער שוין! פיר זענען נאָך דאָרטן אויף דער מלחמה — איך בין דער זיבעטער — וואַרט נאָר, פראַנצויזן! צוויי ברידער —“

קיינער האָט אים נישט געהערט.

איינער —

און ווידער איינער און נאָך איינער — —

מיט פעסטע טריט האָבן אַרויפמאַרשירט צען מענער מיט די שטעקנס אַריבערגעוואָרפן איבער די פּלייצעס, פונקט ווי געווער. און זייערע חברים זענען געשטאַנען אונטן און געזונגען דאָס געזעגן-ליד:

„In der Heimat, in der Heimat, da gibts ein Wiedersehn —“

א דיקער, גראָער מאַנספּאַרשוין האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן עולם, האָט אים אַ שטויס געטון מיטן עלנבויגן, און האָט אים געבעטן אַנטשולדיקונג. פראַנק ברוין האָט אים דערקענט, דאָס איז געווען אַ דייטשישער פּראָפעסאָר פון דער קאָלומביאַ־אוניווערזיטעט. אַ שווארץ־רויט־גאָלדענע קאָרפּאָראַציע־באַנד האָט געבלישטשעט אויף דעם ריזיקן בויך.

„איר ווילט אויך מיטפאָרן?“ האָט ער אים געפרעגט.

„ניין“, האָט געזאָגט דער אַלטער. „הלואי וואָלט מען גע־קענט! אָבער מיט דריי און זעכציק יאָר איז שווער צו זיין אַ רעקרוט! שיק איך מיינע צוויי זין — און מיין טאָכטער אויך — די גייט צום רויטן קרייץ!

„פּראָפעסאָר“, האָט געזאָגט פראַנק ברוין, „פּראָפעסאָר, הערט זיך איין —“

אָבער דער אַלטער האָט נישט געהערט. ער האָט איינגע־שלאָסן די זין אין זיינע אָרעמס, געקושט די טאָכטער. „קינדער“, האָט ער געזאָגט, „איר וועט דערהאַלטן פאַר אייער פאָטער די טרייהייטס־שבועה, וועלכע איך האָב אָפּגעגעבן, בעת כ׳האָב באַקו־מען די דאָזיקע באַנד! איך בין שטאָלץ מיט אייך אין דער דאָזי־קער רגע. באמית אייך, אַז כ׳זאָל עס בלייבן ווייטער, אַז כ׳זאָל מיט יעדן טאָג נאָך שטאָלצער ווערן מיט אייך! — זאָל אייך גאָט באַשיצן!“

מ׳האָט אים קוים פאַרשטאַנען. אומעטום געשרייען און גע־פילדער, אַ געוויין און געכליפּעריי און גלייכצייטיק דאָס הייזע־ריקע פייפן פון דעם דאַמף־קוימען. און איבער דעם אַלעם האָבן זיך געלאָזט הערן די קלאַנגען פון דעם ליד, טראָף נאָך טראָף, אַלעמאָל אויפסניי:

„Lieb Vaterland, magst ruhig sein“.

די לינעס זענען ארונטערגעפאַלן און די אַנקער־קייטן האָבן גענומען קרעכצן. מ׳האָט צוריקגעצויגן די בריק. לאַנגזאַם האָט אָנ־געהויבן רירן דער „רינדאַם“.

פראַנק ברוין איז געשטאַנען אַליין אַ ווײַלע און נאָכגעקוקט דעם דאַמפער. און דאָך איז אים געווען אַ חרפּה, וואָס ער איז פאַרבליבן. פּלוצלינג האָט ער זיך איבערגעשראָקן. ער האָט דער־

שפירט אויף די פּלייצעס עמיצנס אַ האַנט. דאָס איז געווען דער הויכער טעוועס, רעדאַקטאָר פון „דייטשישן העראָלד".

„דאָקטאָר", האָט ער געקרייעט, „דאָס איז געווען, קען מען זאָגן, אַ ריינע מפּלה!"

פראַנק ברוין האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט.

„איך וואָלט עס אייך געקענט פריער זאָגן", האָט דער אַנדערער פאָרגעזעצט. „איך פלעג דאָ יעדעס מאָל זיין, און האָב שוין געזען אָפּפאָרן זיבעצען שיפן זינט אויגוסט אָן! תמיד דאָסזעלבע, דאָ העלפט אַבסאָלוט גאָרנישט!"

ער האָט געוואַרט אַ ווייל און נישט באַקומענדיק קיין ענט־פער, האָט ער ווייטער גערעדט. „און פונדעסטוועגן, איר רעדט גוט! איר האָט די פעיקייט דערצו. און צו דעם אַלעם נאָ־מען. איר מוזט אונז מיטהעלפן — לטובת דער דייטשישער זאַך!"

„וואָס גייט דאָס מיך אָן?" האָט געפּליסטערט פראַנק ברוין.

„קומט, קומט!" דער זשורנאַליסט האָט אים געגלעט איבערן אָרעם. „מיר ברויכן אייך צו האָבן, דאָקטאָר, מיר ברויכן אייך! איך וועט עס געלונגען! אין געבלימלטע ווערטער וועט איר רעדן צום עולם. ערטערווייז וועט איר אַריינוואַרפן עפּעס אַ געזונטן גע־דאַנק — עפּעס אַ ניי וואָרט פאַר די פאַר בעסערע מענטשן! מחמת די זענען פאַר אונז פונקט אַזוי וויכטיק ווי די מאַסן, איר מעגט מיר גלייבן! — און די מוזן אויך עפּעס האָבן, כּדי זיי זאָלן נישט נעמען ברעכן ביי דעם אייביקן: שוואַרץ־ווייס־רויט און פאָלקס־נויט, וועגן דער דייטשישער טרייקייט, קייזער און פאָטער־לאַנד, וועגן ביסמאַרקס ירושה און כּדומה אַזעלכע שיינע זאַכן".

ער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, געגאַנגען מיט אים אויף און אָפּ און כּסדר איינגעטענהט מיט אים. ער מוז מיטהעלפן; עס איז זיין חוב. ער ווייסט גאַנץ גוט, ווי די דייטשן ווערן דאָ אין לאַנד טאָג־טעגלעך באַזידלט און באַשפּיגן, מ'מוז פאַרייניקן די כּוחות, כּדי זיך אַנטקעגנצושטעלן דער דאָזיקער העצע. דער קאָמיטעט פאַר דער דייטשער ארבעט איז שוין געגרינדעט — ער מוז אַלזאָ מיטהעלפן!

פראַנק ברוין האָט אַלץ אויסגעהערט, אָבער ס'האָט זיך אים

אויסגעוויזן, גלייך ווי דער היכער זשורנאַליסט וואָלט גערעדט נישט צו אים — נאָר צו עפּעס אַ דריטן — ערגיצוווּ —

„יאָ, יאָ —" האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער זשורנאַליסט האָט גענומען רעדן מיט ברען: „ניין, איר וועט זיך פון מיר נישט אַרויסדרייען — פון מיר נישט! ווייניקסטנס מוזט איר פּרובירן! אויב ס'וועט אויספאַלן גוט, וועלן מיר אייך אַרומפירן איבערן גאַנצן לאַנד! דאָס איז טאַקע נישט קיין פאַרגעניגן — איך זאָג עס אייך פּאָרויס. אָבער איר מוזט — איר מוזט!"

ער האָט אָפּגעהאַקט, געבליבן שטיין און אָנגענומען פראַנק ברוינען באַם קנאָפּ פון מאַנטל.

„זאָגט מיר נאָר, דאָקטאָר", האָט ער אויסגערופן, „צי וואָלט איר אַריבערגעפאָרן, וויבאַלד איר זאָלט האָבן עפּעס אַ זיכערע מעגלעכקייט קיין דייטשלאַנד אַריבערצופאָרן?"

פראַנק ברוין האָט געטראַכט: „פּונקט ווי איך האָב געפרעגט דעם קאַפּיטאַן — געוויי דאַסזעלבע!"

דער רעדאַקטאָר האָט אים נישט געלאָזט ענטפערן. „נו, זעט איר שוין. דאָ קענט איר מער אויפטון פאַר דייטשלאַנד, צען מאָל מער, צענטויזנט מאָל מער, ווי ווען איר וואָלט דאָרט געלעגן אין די אָקאָפּעס! אַלזאָ, נישט אמת, איר וועט פּרובירן, דאָקטאָר? — זונטיק, צום דייטשישן טאָג אין באַלטימאָרע!"

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „יאָ, יאָ —".

דער זשורנאַליסט האָט אַרויסגעצויגן אַ נאָטיצביכל. „אייער אַדרעס, ביטע? און דעם טעלעפאָן-נומער?" ער האָט צוריקצוגעמאַכט דאָס ביכל און עס אַריינגעלייגט אין קעשענע. און ס'האָט געקלונגען גאַנץ באַפרידיקט, בעת ער האָט געזאָגט: „אַלזאָ האָבן מיר די זאַך דערליידיקט — איר וועט פון מיר הערן, דאָקטאָר, איך וועל אייך מודיע זיין נענטערע פּרטים. מאָרגן וועל איך צו אייך אָנקלינגען". ער האָט זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין — אָבער ער האָט זיך ראַש אומגעדרייט און אָנגעהויבן פונסניי; „כ'האָב עס שיר נישט געהאַט פאַרגעסן — דאָ וואַרט אַ דאַמע, וואָס וויל רעדן מיט אייך. אַן אַלטע באַקאַנטע".

„ווי הייסט זי?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„פרוי וואַן נעס איז עס", האָט געזאָגט דער לאַנגער. „קומט, קומט נאָר!" ער האָט אים אָנגענומען באַם אָרעם.

פראַנק ברוין האָט זיך אָפּגעװערט: „איך קען זי באמת נישט", האָט ער געזאָגט, כ'האָב קיינמאָל גישט געהערט דעמדאָזיקן נאָמען".

„אָבער איר קענט זי יאָ, דאָקטאָר, פּאַרלאָזט זיך אויף מיר!" איז צוגעשטאַנען דער רעדאַקטאָר, „זי האָט מיר טאַקע אָקאָרשט דעם רעיון איינגעגעבן אייך צו געווינען פאַר אונזער זאַך! — קומט, קומט־זשע, איך האָב נישט קיין צייט! איך מוז לויפן אין רעדאַקציע אַריין".

ער האָט אים מיטגעצויגן מיט זיך. דאָרט איז געשטאַנען די דאַמע, אַ שלאַנקע, פון מיטעלן וווקס, אין טיפן טרויער. אַ לאַנגער טרויער־שלייער האָט באַדעקט איר פנים.

„אָט איז ער", האָט געזאָגט דער לאַנגער טעוועס. און ער האָט פאָרגעשטעלט: „פרוי וואַן נעס, דערנאָך האָט ער זיך שנעל אויסגעדרייט: „און איצט אַנטשולדיקט מיר — כ'האָב באמת מער קיין צייט נישט".

מיט גרויסע טריט איז ער דורכגעלאָפן די ליידיקע האַלע.

די דאַמע האָט אַוועקגעמאַכט דעם שלייער. רויט־בלאָנדע האָר האָבן אַ שיין געטאָן איבער די גרינע אויגן. ניין, ניין, האָט ער געטראַכט, נישט קיין שוואַרץ! זי דאַרף נישט טראָגן קיין שוואַרץ!

דערנאָך האָט ער זי דערקענט; לאָטע לעווי איז עס געווען

ער האָט געזאָגט: „איר זענט עס, לאָטע? —"

זי האָט געשמייכלט: „איר? תמיד אַלץ: איר?"

„אַלזאָ דו, לאָטע" האָט ער פאַרבעסערט. „דו — אויב דיר איז ניחא. ווו האָבן מיר זיך געזען ס'לעצטע מאָל?"

„אין ווענעציע", האָט זי געזאָגט, „זעקס יאָר איז שוין! איפן פּלאַץ פון הייליקן מאַרקוס האָב איך דיך געטראָפן, און דו האָסט געזאָגט: „לאָטע לעווי, די פעניציאַנערין! רויטע האָר, גרינע אויגן און דינע שוואַרצע ברעמען איבער זיי, שלאַנק ווי באַאַלטיס און די נעגל מיט העננא געפאַרבט. מיידל־בענקשאַפט, וואָס קען כלעריי חטאים און פאַרלאַנגט תמיד נייע. מענאַזשעריע — בעסטע האַלבבלוט־ראַסע — באַדאַרף ווילדע קאָרשן אין די האָר טראָגן".

„געדענקסטו אזוי געגוי, וואָס איך האָב געזאָגט?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט לייכט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „גאַנץ געגוי — וואָס דו האָסט גערעדט און וואָס איך האָב גערעדט. און וואָס ס'איז געשען — קוים איין טאָג האָב איך דיך געהאַט און איין נאַכט".

ער האָט שנעל אַ פרעג געטון: „דו ביסט אין טרויער?"

זי האָט זיך צעלאַכט. זי האָט גוט באַמערקט, ווי ער האָט געוואָלט זיך אַרייסדרייען דורך די דאָזיקע דערינערונג. רויק האָט זי געזאָגט: „צוואָס? צי מיינסטו, אַז כ'וועל דיך איצט אַרויסלאָזן?"

„דו אויך? נאָר וואָס האָט מיך דער רעדאַקטאָר פאַרכאַפּט.

צי מיינסטו, אַז יעדער קען מיך נעמען ווען און ווי אים געפעלט?"

זי איז געוואָרן ערנסט: יאָ, איך גלייב אַזוי", האָט זי שטיל געזאָגט. „איטלעכער קען דיך נעמען — איטלעכער, וואָס וויל נאָר און קען. טיילמאָל טראַכט איך, אַז דו ביסט גאָר קיין מענטש נישט, נאָר עפּעס אַ סטרונע-אינסטרומענט, וועלכער זעט אויס ווי עפּעס לעבעדיקס, גאַנץ מערקווערדיקס! אַלץ, וואָס ס'וויל נאָר, נעמט דיך און שפּילט אויף דיר—מענטשן, זאַכן און געדאַנקען! דו, פראַנק ברוין, ביסט תּמיד די ליאַלקע — אין אַלע דיינע טראַגי-קאָמעדיעס!"

ער האָט געחוזקט: „און איצט ווילסטו ווידער באַ ד' דרעטלעך ציען, לאָטע? — דו מוזט דאָך וויסן, אַז איך האָב נאָך ווייניקסטנס עפּעס אַ ווילן —"

„וואָס פאַרא?" האָט זי געפרעגט.

„דעם — צו אַנטלויפן", האָט ער צוריקגעענטפערט.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אָ, יאָ! און דאָס איז אפשר ס'בעסטע אין דיר! פאַר דיר — און אויך פאַר אַנדערע. אַזוי-ער גאָך בלייבסטו תּמיד יינג!"

„אַזוי ווי דו, לאָטע", האָט ער אָפּגעענטפערט.

זי האָט אָפּגעזיפצט: „צי גלייבסטו? איך בין שוין דרייסיק יאָר אַלט. — הגם איך ווייס גאַנץ גוט, אַז כ'האָב קיינמאָל בעסער נישט אויסגעזען. אין פינפצענטן יאָר פון מיין לעבן, בעת דו האָסט מיך פאַרפירט... אָדער ניין: בעת איך האָב דיך געצוווּנגען מיך צו פאַרפירן — בין איך נישט געווען אַזוי שיין. און נישט בעת איך האָב דיך נאָכאַמאָל גענומען, אין עלטער פון ניינצען

יאָר, און נישט דאָס לעצטע מאָל אין ווענעציע. איך בין חיינט שיין, דריבער —"

ער האָט איר איבערגעשלאָגן: „אונזער ליבשאַפט איז אָבער אַלט, לאָטע".

זי האָט אים רויק אָנגעקוקט. „אונזער פריינטשאַפט מיינסטו! געוויס אַלט — זעכצען יאָר שוין! אָבער אונזער ליבשאַפט? לאָמיך נאָר איבערציילן. איין נאָכמיטאָג אין בערלין — דערנאָך אונזער פסחא-נסיעה: פינף טעג. און ווידער אין ווענעציע איין טאָג און איין נאַכט. — אַכט טעג אַלזאָ, ווען מ'זאָל עס פּאַרקיילעכיקן".

זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט איר בליק פון אים — אָבער ער האָט נישט געקוקט אויף איר, זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער דער ווייטער האַלע.

זי האָט לייכט אָפּגעזיפצט און געזאָגט: „מיר זענען די לעצטע געסט. לאָמיר גיין.

א פּאָר טריט זענען זיי געגאַנגען לעבן איינאַנדער שווייגנדיק. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבן: „פרעגסט מיך גאָרנישט, פאַר־וואָס איך בין אין טרויער?"

„יאָ", האָט ער געזאָגט, „צי איז דיין פאָטער געשטאָרבן? אָדער דיין מוטער?"

„דער פאָטער איז געשטאָרבן נאָך מיט דריי יאָר צוריק" האָט זי געענטפערט. „אויף אָפּאָפּלעקטיע. און ער האָט געהאַט אַ שיינע לויה, דער געהיימער קאָמערציאַל-ראַט לעווי, זייער פּראַכט־פול און זייער קריסטלעך, אינגאַנצן לויטן האַרץ פון דער מוטער. זי איז דערנאָך אַוועקגעפאָרן פון בערלין און לעבט איצט אין דעם טורינגישן ריטער-גוט צוזאַמען מיט איר פאָטער, דעם אַלטן באַ־ראָן קיבעק".

„מיט דריי יאָר צוריק?" האָט ער געפרעגט. „און די טראָגסט נאָך אַלץ דעם טרויער?"

זי האָט געענטפערט: „נישט נאָכן פאָטער. איך האָב חתונה געהאַט קורץ פאַר זיין טויט מיט אַ רייכן אַמעריקאַנער בוימוואָל-סוחר, אַ געשעפטס-פריינט פון מיין פאָטער, וועלכער איז נאָך געווען פיל, רייכער, ווי ער אַליין. ער איז געשטאָרבן מיט זעקס וואָכן צוריק".

„מיין — מיין מיטגעפיל —" האָט ער אָנגעהויבן. אָבער ער האָט עס נישט דערזאָגט.

„שוין גוט, מיין פריינט!‟ האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ — און ווידער זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק אַ פּאָר טריט.

„דעמאָלט‟, האָט ער אָנגעהויבן, „האָסטו געזאָגט, אַז דו ביסט פאַרלאָפּט מיט עפּעס אַ גראַף. דעמאָלט, אין ווענעציע, נישט אמת?‟

איר פּנים האָט אויפגעשיינט פאַר פרייד. „אָ, איך דערמאָן זיך שוין! יאָ, ס'איז טאַקע אַזוי געווען, די מוטער האָט עס דורכויס געוואָלט. אָבער דער פאָטער איז געווען שטאַרק דערקעגן — איך גלייב, אַז ס'וואָלט אים יעדנפאַלס געווען אַ סך סימפּאַטישער, ווען כ'וואָלט מיט דיר חתונה געהאַט!‟

„און דיר?‟ האָט ער געפרעגט.

„מיר?‟ זי האָט זיך צעלאַכט. „מיר? מיר טאַקע אויך — דאָס ווייסטו גאַנץ גוט. אָבער דו ביסט אַנטלאָפן — אויפן צווייטן טאָג. און דעמאָלט בין איך נאָך געווען אַביסל שטאָלץ — אָדער נאַריש, ווי דו ווילסט האָבן. אָנשטאָט דיך צו זוכן — האָב איך געיאָמערט, ווי כ'האָב עס שוין פריער געטון. דערנאָך איז געקו־מען דער יענקי — און דער פאָטער איז צו מיר צוגעשטאַנען, פּונקט אַזוי ווי די מוטער מיט איר שיינעם גראַף! דער אָדער יענער: מיר איז געווען אַלצאיינס! איך האָב עס אָפּגעציילט אויף די קנעפּלעך פון פאָטערס וועסטל; און אַזוי בין איך געוואָרן פרוי חאַן נעס‟.

זיי זענען ארויסגעגאַנגען פון דער האַלע; זי האָט אויפגע־הויבן דעם שירם, אַ ווונק געטון צו איר שאָפער. דער אויטאָ איז צוגעפאָרן, ער האָט געעפנט דאָס טירל.

„צום ווידערזען‟, האָט ער געזאָגט.

זי האָט זיך הויך צעלאַכט. „ניין‟, האָט זי אויסגערופן, „ניין! דאָסמאָל נישט! — שטייג איין!‟ ער האָט זיך געקווענקלט. דאַן האָט זי אויפגעהויבן איר שטים. „שטייג איין!‟ האָט זי באַ־פוילן.

„לאָטע‟, האָט ער געזאָגט, און זייער ווייך האָט געקלונגען זיין שטים, „לאָטע — צי האָבן מיר דען נישט ביידע גענוג אָפּט דאָס געווער געמאָסטן?‟

און זי האָט געענטפערט; „און צי ביסטו דען נישט תמיד געווען דער זיגער? זאָג־זשע! — אָבער היינט קען איך דיך,

פראַנק ברוין, כ׳קען דיך בעסער, ווי דו קענסט מיך, בעסער ווי דו קענסט זיך אַליין!״

„און דו מיינסט, לאָטע, אַז היינט וועסטו זיגן?״ האָט ער געפרעגט.

„היינט — יאָ!״ האָט זי געזאָגט פעסט. „איצט אין דערדאָזיקער שעה! זע, וואָס וואָלט דיר גענוצט, ווען דו וואָלסט אנטלאָפן? איך וואָלט מאָרגן אין דיין וווינונג געווען. און אויפן צווייטן טאָג ווידער — וואָלסט שוין נאָכגעגעבן — סוף־כל־סוף — דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דו וואָלסט אַזוי געטון!״ —

ער האָט פאַרביסן די ליפּן. „זיי זיך מודה!״ — האָט זי אויסגערופן.

„אפשר״, האָט ער ארויסגעשטאַמלט.

„זיכער״, האָט זי געזאָגט. „און ווייל דו פילסט דאָס — בין איך שטאַרקער ווי דו — איצט, שטייג איין!״

ער איז אַריין אין אויטאָ, און זי נאָך אים. זי האָט זיך געזעצט לעבן אים און פאַרמאַכט דאָס טירל. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם שלייער.

„אהיים״, האָט זי באַפוילן.

„Talisman ist Karneol,
Gläubigen bringt er Glück znd Wohl.
Alles Übel treibt er fort,
Schützet dich und schützt dem Ort".
Goethe, Westöstlicher Diwan.

„די וואָס האָבן א שוואַכע שטים און זענען שרעקעוודיק אין רעדן, זאָלן מיט זיך נעמען א קארנעאָל: מחמת דער וועט זיי געבן דעם נויטיקן מוט, צו קענען רעדן לייכט און פריי".
Lapidario del Rey Don Alfonso X.

און דאָך איז דאָס נישט געווען קיין זיג פאַר לאָטע לעווי.

ער האָט כלל נישט געזאָלט שפּילן די ראָל פון יוספן אין דערדאָזיקער צייט. אָ ניין! ער האָט תמיד געטון דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט, איז געווען געהאָרכזאַם און געפאָלגט ווי א לייטיש קינד. „גיב מיר א קוש", האָט זי געזאָגט, און ער האָט זי געקושט.

נאָר אַזוי מיד איז ער געווען.

ער איז געזעסן מיט איר באַם טיש און האָט פאַרגעסן צו עסן. „עס!" האָט זי געזאָגט — דאַן האָט ער אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָר ביסן. „טרינק-זשע!" האָט זי געזאָגט און ער האָט אויסגעליידיקט זיין גלעזל.

ער איז געזעסן אויפן דיוואַן לעבן איר, און זי האָט אים אָנגענומען באַ דער האַנט. „רעד", האָט זי געזאָגט, „דערצייל עפּעס", — האָט ער גענומען דערציילן. אָנגעצויגן, ווי אַ זייגער, רויק און שטיל. אָבער מיטאַמאָל איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. וואָס איז דיר? האָט זי געפרעגט. אָבער ער האָט נישט געוווּסט און האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן וועגן וואָס ער האָט אָקאָרשט גערעדט.

זי האָט אים אָנגעקוקט, לאַנג און אויפמערקזאַם.

„עפּעס —" האָט זי געמורמלט. „גיב אַ טראַכט".

ער האָט זי גלייך געהאָרכט, האָט אָנגעשטרענגט דעם זכרון. אָבער ר'האָט גאָרנישט אויסגעטראַכט.

ער האָט געזאָגט: „איך ווייס נישט, ליבע —"

ער האָט אָפּגעהאַקט — ווי הייסט זי אייגנטלעך?

זי האָט עס באַמערקט. „צי ווייסטו נישט, ווער איך בין? איז זי צוגעשטאַנען.

ער האָט זיך דערמאָנט. „דאָך, דאָך!" האָט ער אויסגערופן, „לאָטע לעווי!"

זי האָט געשאָקלט פאַרטראַכט מיטן קאָפּ. זייער ערנסט האָט זי אויסגעזען.

ער האָט זיך צעשמייכלט. „עס איז געוויס נישט קיין אויסער-געוויינלעכס. — נאָר עטוואָס מיד בין איך — אַזוי אַביסל — אין דער לעצטער צייט".

„צי שלאָפסטו גוט?" האָט זי געפרעגט.

ניין, ניין — שלעפעריק איז ער כּלל נישט. נישט איצט און אויך נישט דעמאָלט אפילו, בעת ער פּילט זיך מיד. יאָ — דאָס איז געווען מאָדנע — שלעפעריק האָט אים די דאָזיקע מידקייט נישט געמאַכט. אָפּט איז עס געווען פאַרקערט: גראָד ווען ער איז געהאַט איינגעשלאָפן לאַנג, טיף און שטאַרק — באַנאַכט אָדער אויך באַטאָג — גראָד דעמאָלט פלעגט ער זיך פילן מאַט און דערשעפּט.

וואָס-זשע איז אים געווען? ער איז אויפגעשפּרונגען, און געמאַכט אַ פּאָר טריט איבערן צימער, געבליבן שטיין פאַרן שפּיגל און אויפגעהויבן לאַנגזאַם די אָרעמס. ער האָט געשפּירט אַלע זיינע מוסקלען — שטאַרק איז ער געווען און קרעפטיק, ווי תמיד.

ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, און זיך צעלאַכט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ וואַקל געטון. ווי אַ לייכטער טשאַד איז עס געווען, וואָס האָט אפילו פֿרייגעלאָזט דעם מוח און נאָר דעם קערפּער באַהערשט.

ער האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטן אָן דער שטול. האָט אַריינגעקוקט אין שפּיגל, גענומען זיך באַטראַכטן, געזוכט אַלע זיינע שטריכן. ער האָט קיינזאַך נישט געפונען, קיינזאַך נישט. דאָס אַלץ איז אים געווען באַקאַנט, זינט פיל יאָרן שוין. גענוי אַזוי און נישט אַנדערש.

און דאָך איז דאָרט געווען עפּעס אַ פרעמדע זאַך. וואָס־זשע פּאָרט?

ער איז צוריקגעגאַנגען צום דיוואַן. דאַן האָט זי געזאָגט: „דו ביסט קראַנק".

ער האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען; „ביסט אַ נאַר, לאָטע".

„לאָז געמאַך!" האָט זי געזאָגט. זי האָט לייכט אָפּגעזיפצט.

„דו — היינט באַנאַכט וויל איך נישט זיין דיין געליבטע. היינט נישט. מאָרגן אויך נישט — און ווער ווייסט, ווען? דו ביסט קראַנק, פראַנק ברוין; וועל איך דיר זיין אַ מוטער".

ער האָט געפילט: איצט האָט געמוזט קומען אַ שטעכעדיקער וויץ. עפּעס אַ פרעכער חוזק, אַ העסלעכער בייטשן־שמיץ, וואָס זאָל טרעפן אין איר ליבע, אַזוי האָט עס געזאָלט זיין.

אָבער ווייך האָט געקלונגען זיין שטים און כּלל נישט שניידנדיק. ער האָט גערעדט כּמעט וויינענדיק: „לאָטע, דו — דו — עס פעלט מיר עפּעס. עפּעס ברויך איך. אָך — ווי איך בענק נאָך דעם!"

„נאָך וואָס?" האָט זי געפרעגט.

טויב, כּמעט פאַרצווייפלט האָט עס געקלונגען: „איך ווייס נישט!"

דאַן האָט געזאָגט די פרוי: „איך וועל שוין דאָס אויסגעפינען, ליב ייִנגל!"

* *

*

אין באַלטימאָרע איז ער נעזעסן אין האָטעל־צימער, פאַר אים איז געשטאַנען דער העראָלד־רעדאַקטאָר. דער האָט געהאַלטן אין דער האַנט זיין מאַנוסקריפּט און אים אויסגעבעסערט.

„ניין, ניין, אַזוי קען עס נישט זיין", האָט ער געזאָגט. „דאָ, אויף דעם אָרט מוזט איר פאַרקירצן! קורץ, קרעפּטיק, נאָר איין שלאָגוואָרט! זאָגט: דייטשישע טרייהייט אויף אייביק! דאָס קלינגט!"

פראַנק ברוין האָט באַמערקט: „מיר האָבן די דייטשישע טרייהייט שוין דריימאָל".

„אַלץ בעסער!" האָט אויסגערופן דער זשורנאַליסט. „דאַן וועלן זיי עס ערשט רעכט באַגרייפן!"

אונטן אויפן גאַס האָבן געפלאַטערט די פענער. שטערן און שטרייפן אומעטום, פון אַלע פענסטער און אַלע באַלקאָנען. דער עולם האָט זיך געשטופּט און געשטויסן פון אַלע זייטן.

„פאַרוואָס נישט קיין שוואַרץ־ווייס־רויטע פענער צום דייטשישן טאָג?" האָט ער געפרעגט.

„דייטשישער טאָג?!" דער הויכער טעוועס האָט געלאַכט. „באַלטימאָרע פייערט דעם יום־טוב פון ליד „Star Spengled Banner" — הונדערט יאָר איז עס היינט אַלט געוואָרן — און די שלעכטע פראַזן זענען געוויס נישט שענער געוואָרן איבער דער צייט. אויך דאָ איז עס די העכסטע פּאָעזיע! אַ גאַנצע וואָך דויערט דער פאָנען־פעסט—דער דייטשישער טאָג איז בכן נאָר אַ קליינער צוגאָב".

דער פעסט־צוג איז אָנגעקומען, הונדערטער אויסגעפּוצטע וועגענער און ווידער הונדערטער. פרויען אין רוימישע שלאַכט־וועגענער, פאַרשלייערט פאַר אַמאַזאָנקעס, וועגענער מיט ריזיקע ביר־פעסער, מיט הייזער, מיט פאַפּירענע שלאַנגען, קלאַוורן און אַלערליי מעגלעכסטע מכשירים. ווי אויפן בעלגישן קאַרנאַוואַל האָט עס אויסגעזען, נאָר אַ סך געשמאַקלאָזער, קליינלעך, אייטל און אומגעלומפּערט.

„וואָס טו איך דאָ?" האָט ער געטראַכט.

דער רעדאַקטאָר האָט אים אַ קלאַפּ געטון אויפן אַקסל,

„יאָ, אַזוי וועט עס גוט זיין! לייענט עס דורך נאָכאַמאָל. און איצט קומט, עס איז שוין צייט".

זיי זענען אַרייַנגעשטיגן אין אויטאָ, געפאָרן דורך די שטאָט אין דערנאָך ווייטער צום ים. א ריזיקער פּארק איז דאָרט געווען, קאַרוזעלעס, הוידעס, מאַריאָנעטקעס, באַרן. דאָ זענען זיי אויסגעשטיגן.

„אַ מהומהדיקער פּלאַץ!" האָט געזאָגט פראַנק ברוין. „דאָ זאָל איך עס רעדן?"

דער רעדאַקטאָר האָט באַשטעטיקנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אוודאי!"

ער האָט אים דורכגעפירט דורכן עולם אַרויף אויף דער מוזיק-עסטראַדע, דאָרט איז געזעסן דער קאָמיטעט—צוויי טוץ שווער-לייביקע מענער אין לאַנגע סורדוטן. און אין הינטערגרונט איז געשטאַ-נען דער געזאַנג-פאַריין: נאָך אַ פּאָר הונדערט יומטובדיקע לייט. דער רעדאַקטאָר האָט אים פאָרגעשטעלט. „איר קומט צו דער רעכטער צייט!" האָט זיך אָנגערופן איינער. „ס'וועט זיך תיכף אָנהויבן". איר מוזט זיך זעצן פאָרנט, האַרט בײַ דעם באַריער.

פראַנק ברוין האָט אַראָפּגעקוקט אויפן עולם. דאָרט זענען געשטאַנען די מענטשן — מענער, קינדער און פרויען — געדיכט צונויפגעדריקט. מענטשן, מענטשן איבערן גאַנצןברייטן פּלאַץ, ווו נאָר דאָס אויג האָט געגרייכט.

„וויפל זענען זיי?" האָט ער געפרעגט. „אפשר אַ זעקס-טויזנט!"

דער זשורנאַליסט האָט זיך צעלאַכט: „זעקס טויזנט, זאָגט איר? — אפשר פערציק טויזנט".

דאָ זאָל ער רעדן? דאָ? — פאַר אַ פּאָר הונדערט מענטשן, יאָ, פאַר טויזנט, פאַר צוויי־טויזנט אפשר — אָבער פאַר דעררדאָזי-קער ריזיקער מאַסע? און דערצו אונטערן פרייען הימל! ער האָט אַ כאַפּ געטון זיין מאַנוסקריפּט — קיין איין וואָרט האָט ער נישט געדענקט. דערנאָך האָט ער אַ שמייכל געטון:

— „זיי וועלן דאָך סיי ווי סיי נישט פאַרשטיין!"

און אָט האָט דער פאָרזיצער, פּאַסטאָר הופּנער, דריימאָל אַ קלאַפּ געטון מיטן ריזיקן האַמער אָן דער אייזערנער קאָוואַדלע.

הויך און קלינגנדיק האָט געשאַלט די מעכטיקע מענער-שטים איבער דעם ריזיקן גאָרטן; ווי טיפע גלאָקן האָט זי געקלונ-

צײַן. נאָר אַ פּאָר ווערטער האָט ער געערדט, און דערנאָך, צו־גלײַך מיט די טויזנטער, דעם „פּאַטער־אונזער".

„מ'פֿאַרשטייט אים!" האָט געטראַכט פֿראַנק ברוין. „אים פֿאַרשטייט מען!"

דער פּאַסטאָר האָט פֿאָרגעשטעלט דעם ערשטן רעדנער, אַ פּאַרלאַמענטס־מיטגליד פֿון מיסורי.

„טוט גוט אַכטונג", האָט אים איינגערוימט דער זשורנאַליסט, „דאָס איז אַן אמתדיקער פֿאָלקס־רעדנער — דער קען די מלאכה; קוקט זיך צו צו זײַן טעכניק".

דער אַמעריקאַנער האָט אָנגעהויבן. דעמאַגאָגן־פֿלוידעריי, חניפֿהדיקע שטיק פֿאַרן פֿאָלק, כּדי צו כאַפּן די דײַטשע שטים־פֿי־דערנאָך וויצן, פּעטע, געפּעפּערטע אַנעקדאָטן, אוראַלטע — און דער המון האָט געלאַכט און געפּליעסקעט מיט די הענט. דער רעדנער האָט געפּאַכט מיט די לאַנגע אָרעמס אינדערלופֿטן, גע־שפּאַנט אויף און אָפּ איבער דער עסטראַדע מיט גרויסע טריט. איין זאַץ האָט ער אויסגעשפּיגן — הויך און דונערנדיק. נישט ווי די גלאָקן־טענער פֿונם פּאַסטאָר האָט עס געקלונגען — נאָר גי־כער ווי די האַסטיקע קלעפּ פֿון האַמער. דערנאָך אַ פּויזע, לאַנג, אויסגעצויגן, לענגער נאָך ווי זײַן זאַץ.

און ווידער אויס די פֿולע לונגען צען, צוועלף הילכיקע ווערטער. און ווידער די פּויזע.

אַזוי, אַלזאָ, גייט עס, האָט געטראַכט פֿראַנק ברוין. ער האָט געפּרוּווט לייענען זײַן מאַנוסקריפּט, אָבער ר'האָט קיין איין וואָרט נישט געזען. ער האָט נאָר געזען — שוואַרץ און ווידער שוואַרץ — די ריזיקע מאַסן, דידאָזיקע דערדריקנדיקע אומענדלעכע מענטשן־מאַסן. די ביימער דאָרט הינטן, הויכע הילע ביימער — און דאָס ריזיקע ראָד פֿון דער רוסישער הוידע.

„איך קען נישט!" האָט ער געשעפּטשעט. ער האָט זיך אומ־געקוקט — צי וואָלט ער נישט געקענט אויפֿשטיין, און שטילער־הייט נעלם ווערן — זיך פֿאַרבאַהאַלטן הינטער די זינגערס?

אָבער דער רעדאַקטאָר האָט אים אָנגענומען פֿאַר דעם ראָק.

ווידער האָט אַ קלינג געטון די האַמער־שטים פֿון אַמערי־קאַנער, ווידער — און נאָך איינמאָל. ס'האָט אַ הילך געטון אַ

קלאַטשעריי און געלעכטער צוזאַמען מיט די מעכטיקע קלעפּ פון דער שוואַרצער מענטשן - מחנה. דערנאָך איז שטיל געוואָרן.

דער רעדנער האָט געוואָרפן נאָך אַ וויץ — ברייט, פעט — עלטער פון אַלע, אַלע האָבן עס געקענט—האָבן זיי אַלע געלאַכט.

דער אַמעריקאַנער האָט זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן געפּאַכעט מיטן טיכל. און געדאַנקט פאַרן הילכיקן בייפאַל פון דעם המון.

„און איצט האָלט עס בּאַ אייך", האָט אויסגערופן דער זשורנאַליסט.

ער האָט אויפגעציטערט, „ניין, ניין", האָט ער געפּליסטערט, „זאָגט, כ'בעט אייך, דעם — ".

און ווידער איז דער האַמער אַראָפּגעפאַלן אויפן אייזן און ווייט איבערן פּלאַץ האָט געקלונגען די הויכע שטים פון רעם פּאַסטאָר. וואָס האָט ער געזאָגט? אַ גאַסט — אַ דייטש פון דייטשלאַנד — אַ זייער באַרימטער — אַ בעניאַלער — אַ האַלבּגאָט — אַ —

וועגן וועמען רעדט ער דאָס? וועגן אים, פראַנק ברוינען? אַזוי וואָלט מען געקענט ביסמאַרקן פאָרשטעלן — געטען — בעטהאָווענען —

„בראַוואָ!" האָט געזאָגט דער זשורנאַליסט. „דאָס הייסט פאָרשטעלן!"

פראַנק ברוין האָט געציטערט: „אומזין פּלוידערט ער. קיינער פון זיי קען צומאָל מיין נאָמען נישט, קיינער!"

„אַוודאי נישט!" האָט געלאַכט דער זשורנאַליסט „אייערן נישט — און איבערהויפּט נישט קיינעמס! צוואָס דען? — אָבער טאַקע דערפאַר נעמט ער אָן אַ פול מויל! און פראַכטפול מאַכט ער עס!"

דער פּאַסטאָר איז צו אים, צוגעגאַנגען אָנגענומען זיין האַנט און אים אַרויפגעפירט פאָרנטצו.

„און דאָ איז ער, מיינע דייטשישע ברידער, דאָ איז ער אַליין טאַקע.

ער איז געשטאַנען פאַר דער קלאַטשנדיקער מאַסע, ער אַליין פאַר פערציק טויזנט. ער האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג.

געגליט פאַר חרפה. האָט זיך געביסן די ליפּן, געשטיקט זיך און געוואָרגן —

טוק, טוק, איז געפאַלן דער אייזערנער האַמער — דאַן איז די מאַסע אַנטשוויגן געוואָרן. שטיל, אָן אָטעם, פערציק טויזנט.

אַלע פאַרבן האָבן אים פאַרלאָזן. בלאַס איז ער געוואָרן, ווי די וואַנט. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, פאַרשטאַרט. ווי אין דר'ערד אַריינגעוואַקסן, נישט פעיק מיט אַן אבר צו רירן.

„הייבט שוין אָן רעדן!" האָט געפּליסטערט דער רעדאַקטאָר.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען. „ער האָט עס געזאָלט רעדן, ער? וועגן וואָס?"

„נו לייענט", האָט ער געהערט. „נעמט אייער מאַנוסקריפּט!"

יאָ, דער מאַנוסקריפּט איז געווען אין זיין האַנט. ער האָט אים געשפּירט, ס'האָבן אים פעסט אַרומגעקלאַמערט זיינע פינגער. ער האָט אויפגעוויקלט דעם כתב־יד, האָט אַריינגעקוקט דערין, אָבער אינסטיקטיוו נאָר, כמעט אָן באַוווסטזיין.

וועגן דער שרעקלעכער צייט — איז דאָרטן עפּעס געשטאַנען. וועגן דער היימאַט — וועגן דער קריגס־בויט. וועגן העלדן — וועגן טויט און שטאַרבן. און וועגן דעם — אַז מ'זאָל געבן — געבן — פאַר די אייגענע ברידער געבן.

ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, גאָרנישט.

נאָר איין וואָרט האָט אים צוגעשמידט און ער האָט כסדר דערויף געקוקט —

וויינען — איז דאָרט געשטאַנען — וויינען —

„הויבט שוין אַמאָל אָן, צום טייוול!" האָט געפּליסטערט דער זשורנאַליסט.

פראַנק ברוין האָט צוגעמאַכט די אויגן, צעקנייטשט דאָס פּאַפּיר — און עס אַוועקגעוואָרפן. ער האָט טיף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

און מיטאַמאָל האָט ער אויסגעשריגן:

„רעדן? — צו אייך רעדן! — איר, וואָס לאַכט אין די דאָזיקע טעג? — וויינען דאַרפט איר, מענער און פרויען, וויינען און וויינען!"

עפּעס האָט אים אַ טראַג געטון, אַ הויב געטון הויך אינ־דערלופטן. עפּעס האָט אים אַ ריס געטון אַרויפצו צו די שנייאיקע

בערג, געלאָזט אים הויך אַרויסזינגען אין שוואַרצן טאָל אַריין. וועגן דייטשלאַנד האָט ער געזונגען און וועגן זיין געוואַלטיקן גע־ראַנגל, ער האָט זיי געזונגען וועגן נצחון - הימנען און העלדישן טויט. געזונגען וועגן גרויסן שטאַרבן און וועגן דער נויט פון דעם היימלאַנד, געזונגען, געזונגען וועגן דעם איינעם מעכטיקן ווילן, וועגן דעם ווילן, וואָס איז געווען טאַט און מיטרייסנדיק פייער —

ער האָט געזונגען — —

ער האָט גאָרנישט געפילט — גאָרנישט געזען — האָט צו־מאָל נישט געוווסט, אַז ער האָט עקזיסטירט.

נאָר איין שטים האָט ער געהערט. ער — ער איז געווען די שטים — און ווייטער קיינער נישט.

דערנאָך איז געוואָרן שטיל.

גאָרנישט. קיין וואָרט. קיין מינדעסטער שאָרך נישט.

דאָס האָט אים געחידושט. אָקאָרשט האָט דאָך עמיצער נאָך גערעדט. גערעדט — ער! ער?

ער האָט אַ ציטער געטון. ס'איז אים געווען הייס, זייער הייס. אויף דר'ערד איז ער געווען, געשטאַנען דאָ אויף ברעטער. און גערעדט האָט ער — נאָר - וואָס — עפּעס אַזעלכעס.

דאָס איז געווען גאַנץ זיכער.

און דערנאָך — פון אונטן — אַ כליפּען. און אַ געוויין פון צווישן המון. וואָס - זשע איז דאָס געווען?

זיי האָבן געוויינט, געוויינט. פּערציק טויזנט האָבן געוויינט. פאַרוואָס - זשע?

ער איז ווידער געשטאַנען אומבאַוועגלעך, פאַרשטאַרט. נאָר הייס איז אים געווען, אַזש צום זידן הייס.

דאַן האָבן זיי גענומען שרייען. האָבן געפּאַטשט מיט די הענט און געמאַכט קולות.

„פאַרנויגן זיך", האָט אויסגערופן דער רעדאַקטאָר.

האָט ער אומגעשיקט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, און גע־בליבן שטיין הילפלאָז צווישן אָט - דעם גאַנצן געשריי.

אָבער די הערן זענען צוגעקומען צו אים, און אים געדריקט די האַנט. די רעכטע האָט געהאַלטן דער פּאַסטאָר, און דער רע־דאַקטאָר זיין לינקע האַנט.

דער לעצטער האָט געזאָגט: „ווי ראַקעטן זענען געווען דיי־נע ווערטער — ווי הימלשטייגנדיקע ראַקעטן!"

און דער פּאַסטאָר האָט געזאָגט: „זייער שיין איז געווען דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן די טרערן, וואָס זיי דאַרפן פאַרגיסן! וועלכע וועלן ווערן פּערל — פּערל און צירונג און גאָלד און געלט! און וועלכע זיי זאָלן געבן — היינט נאָך — פאַר דער היימאַט אין דער נויט".

ער האָט געמורמלט: „האָב איך דאָס געזאָגט?"

דער פּאַסטאָר האָט אויפגעהויבן זיין האַמער. — פראַנק ברוין האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט. אַלע האָבן געזאָלט פאַרביימאַרשירן פאַר דער מוזיק. האָבן געדאַרפט אָפּגעבן זייערע געשאַנקען, וואָס זיי האָבן געהאַט, פאַרן פאָטערלאַנד.

דאַן האָט אים איינער דערלאַנגט דעם מאַנטל.

„טוט זיך אָן", האָט אויסגערופן דער הער. „איר זענט איינגאַנצן נאַס".

ער האָט זיך אַרומגעטאַפּט — אָ, ר'איז געווען פולשטענדיק נאַס. נישט בלויז העמד און אונטערוועש — נאָר אויך וועסטל, ראָק און הויזן.

„צום אויסדרעענגען!" האָט געלאַכט דער זשורנאַליסט. „בע־סער ווי פון אַ שוויצבאָד. פיר פונט ווייניקסטנס!"

ער האָט אָנגעטון דעם מאַנטל, און געדאַנקט.

איינער האָט געבראַכט אַ ריזיק טישטוך; פיר הערן האָבן עס אָנגענומען בא אַלע פיר עקן. זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויף דער עסטראַדע, האָבן זיך אויסגעשטעלט — פאָרנט דער פּאַסטאָר און פראַנק ברוין לעבן אים.

די מוזיק האָט אויפגעשפּילט און דער מענער־כאָר האָט געזונגען. הונדערט און צוואַנציק מענער־שטימען!

דערנאָך האָט דער עולם גענומען פאַרביימאַרשירן — די טויזנטער.

„צי קאָן איך אַוועקגיין?" האָט ער געפרעגט.

„ניין, ניין!" האָט אויסגערופן דער רעדאַקטאָר. „איר זענט דאָ זייער נויטווענדיק: איצט קומט די הויפּטזאַך".

דער עולם האָט כסדר אַריינגעוואָרפן געלט אין טישטוך אַריין — און פיל שיינע רינגען, בראָשן און זייגערלעך. טייל

האָבן אוועקגעגעבן פולע טייסטערס — האָבן אַרויסגעצויגן שפּיל־קעס פון די קראַוואַטן, פּרויען האָבן אַראָפּגענומען די אויערינגלעך. ער האָט געזען, ווי אַ קליין מיידעלע האָט איר באַלעם אַריינגע־וואָרפן — האָט געזען אַ דינסטמיידל, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ גאָלדענעם שנאָל פון איר קלייד אַראָפּ —

און אים, אים האָבן זיי געגעבן די האַנט.

צען, הונדערט — טויזנט —

מתחילת האָט ער איטלעכן צוריקגעגעבן דעם האַנט־דרוק, אָבער דערנאָך האָט אים די האַנט אָנגעהויבן וויי צו טון.

„נישט דריקן", האָט דער זשורנאַליסט געטענהט. „בלויז די פינגער האַלטן אויסגעשטרעקט".

דאָס טישטוך איז געוואָרן פול — מ'האָט געבראַכט אַ בייעס. ווידער זענען געפאַלן גאָלדענע מטבעות — און זייגערס — און רינגען —

און ווידער האָט ער געדריקט די הענט. שווארצע פויסטן און רויטע, געשוואָלענע און שטאַרק ברודיקע. אָבער — זעלטן אָפילו — אויך אַ ריינע און ווייסע האַנט.

די האַנט איז אים געוואָרן אָנגעשוואָלן — אָבער ער האָט זי ווייטער געהאַלטן.

ער האָט געטראַכט: „צי וואָלסטו כאָטש איינעם פון זיי די האַנט דערלאַנגט?"

אָבער ער האָט זיך גובר געווען. דאָרט ליגן זיי אין די שוצנגריבער.

דו — דו — דאַרפסט נאָר צו דערלאַנגען די האַנט.

דיין האַנט — צו די דייטשישע הענט. דייטשיש — ווי דיין האַנט.

אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. עס האָט געעקלט — פונדעסטוועגן!

„פאַרוואָס־זשע טוסטו דאָס?" האָט ער זיך געפרעגט. „וואָס גייט דאָס דיך אָן?"

„קלינג, קלאַנג — איז געפאַלן אין טישטוך אַריין — און ווידער: קלינג!

„דאָס איז אייער געלט", האָט געלאַכט דער פּאַסטאָר. „איר

אַליין האָט עס געמאַכט! עס וועט שוין זיין הונדערט טויזנט דאָ־
לאַר — רעכנענדיק בלויז דאָס מזומנע געלט!״

ער האָט זיך געפרייט. אָ, יאָ! אָבער ער האָט זיך פאַרט געטראַכט; „וואָס גייט עס מיך אָן?״

איצט האָט ער געגעבן די לינקע האַנט — ביז זי האָט אים צענומען ווי טון און איז אויפגעשוואָלן ווי די רעכטע. דערנאָך האָט ער נאָכאַנאַנד געטוישט — רעכטס — לינקס —

און אַלץ מערער זענען זיי געקומען — וואָס אַמאָל מערער.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן —

*

* *

וואָס לאָטע האָט נאָר געוואָלט, דאָס האָט ער געטון, אָן אייגענעם ווילן. ער האָט נישט געוווינט בא פרוי וואַן נעס — אָבער דאָך איז ער תמיד געווען לעבן איר. זעלטן נאָר — איינ־מאָל אין טאָג — פלעגט ער אַהיימגיין, זיך איבערצוטון אָדער עפּעס צו ברענגען. גאַנצע טעג פלעגט ער אָפליגן אויף אירע די־וואַנעס און שטולן, געלעזן אַביסל, געפּלוידערט מיט איר. אָדער געזעסן שטיל, פאַרטראַכט — געבליקט פאַר זיך ערגעץ ווייט. — אָבער ער האָט נישט געטרוימט.

איר קינד איז ער געווען — אַ גאַנצן טאָג. זי האָט אים געפלעגט, געהיילט,

באַנאַכט איז ער געווען איר געליבטער. ער איז געלעגן לעבן איר — געלאָזט זיך קושן און זי געקושט. ער האָט אויסגע־זען געזונט, שטאַרק און בליענדיק. ער האָט געשמייכלט, בעת ער איז געשטאַנען לעבן איר פאַר דעם גרויסן שפּיגל. זי — ווייס, ווייס און קוים עטלעכע פלעקן: אויבן די רויטע האָר — דערנאָך די רויטע קנאָספּן פון אירע קינדערשע ברוסטן. „הענגאַ״ אויף די נעגל — און אַ קליין ביסל רויטס אויף די ליפּן — אין די נאָזלעכער און אויער־לעפּלעך. און ער טיף־ברוין דאָס גאַנצע לייב — ס׳האָט זיך נאָך געהאַלטן די שמינקע פון דער טראָפּי־קאַלישער זון.

ער האָט זי אויפגעהויבן — זי איז געווען דעליקאַט ביז צום צעברעכן. ער — איז געווען שטאַרק.

און דאָך האָט ער געפילט: אונטער דער ברוינער הויט ביסטו בלייכער ווי זי. פיל, פיל בלייכער.

און: זי איז שטאַרקער פון דיר — זי.

און דערנאָך, ביסלעכווייז: דו ביסט די פרוי. זי — זי איז דיין מאַן. זי.

זי פלעגט אים באַאָבאַכטן אָן אויפהער, באַטאָג און באַנאַכט. אפילו אין אירע אַרומהאַלדזונגען האָט ער געשפּירט, אַז עפּעס פאָרשט זי אים אַרום.

„צי קענסטו נישט פאַרגעסן?“ האָט ער געזאָגט. „איצטער?“

זי האָט געפרעגט: „וואָס?“

„וואָס?“ האָט ער אָפּגעענטפערט. „דיך, מיך, אַלץ!“

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פולן בליק. „אָ, יאָ“, האָט זי געענטפערט. „ווען דו וועסט צוריק געזונט ווערן, פראַנק ברוין“.

זי האָט גערופן דאָקטוירים, איינעם נאָכן אַנדערן. געהייסן אים באַטראַכטן, פיר מאָל, פינף מאָל. האַרץ און לונגען — און נירן — אַלץ.

זיי האָבן דערקלערט, אַז ער איז געזונט. שטאַרק, געזונט, און קרעפּטיק. ס'פעלט אים קיינזאַך נישט, לחלוטין גאָרנישט. און די דאָזיקע מידקייט — דידאָזיקע אַפּאַטיע — איז נאָר אַ קליינע נערוון-שוואַכקייט.

אַ סך עסן זאָל ער. און נישט רויכערן אַזויפיל פּאַפּיראָסן. אָבער לאָטע וואָן נעס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„איך וועל די סיבה אויסגעפינען“, האָט זי זיך געהאַלטן בײַ דאָס איריקע.

*　　*

*

אין דערדאָזיקער נאַכט האָט ער געאײַלט איבער די גאַסן.

ער האָט אויפגעוואַכט אין דעם ברייטן בעט לעבן איר. אָבער אַנדערש ווי תמיד — נישט מיד — פריש, אָ, אַזוי פריש! נאָר איין פחד — אַ גרויסער פחד האָט אים אַרומגענומען. און

ער האָט גלייך געוווּסט: דאָס איז געווען די מורא פאַר דערדאָזי־קער פרוי.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט, איין אויגנבליק נאָר. דאַן האָט ער גענומען העמד און זאָקן, געזוכט די הויזן, האָט זיך אָנגעטון. דאָס איז געווען זיכער, אַז ער מוז אַוועק.

די ליפּן האָבן זיך אים געקלעבט — ער האָט זיי אָפּגע־ווישט אָן די אַרבל פון העמד — דאַן האָט ער דערזען אַביסל בלוט. אויס דער קעל — אַויס די לונגען? איז ער דאָך, הייסט עס, קראַנק?

אָבער אַזוי יונג האָט ער זיך געפילט, גראָד איצטער.

ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, האָט זיך אָנגעטון וועסטל און סורדוט. הינטן, פון בעט אַהער האָט זיך דערטראָגן אַ וויינען, אַ שלאָכצן כמעט. אָבער אַזוי שטיל, גאָר שטיל. זי איז זיכער גע־שלאָפן, און געוויינט אין שלאָף.

ער האָט זיך נישט אומגעקערט צו איר, און זי נישט גע־קושט. ער האָט אַרויסגעאיילט פון צימער, אַראָפּגעפאָרן מיט דער ווינדע און געעפנט די הויזטיר.

ער האָט אָפּגעאָטעמט. ער האָט גאָרנישט געוווּסט, אָבער ער האָט געפילט, אַז פריער איז ער געווען קראַנק. און איצט גע־וואָרן מיטאַמאָל — געזונט. און ער האָט געפילט: אַז דאָס אַלץ האָט אַ שייכות מיט דערדאָזיקער פרוי — מיט לאָטע וואַן נעס.

זי האָט אים צוגעשמידט, נאָר זי. און אַלץ ערגער און ער־גער איז עס געוואָרן, גזינט ער איז געווען מיט איר. דאָס איז גע־ווען אַ מין פאַרוועלקן.

איר ליאַלקע איז ער געווען, איר שפּילצייג.

מיטאַמאָל איז אים געקומען אויפן זינען לאָטע לעווי, אַ קינד דעמאָלט, הגם אַ פּיפּצניאַריקע, האָט זי געהאַט אומרויקע נערוון און ווילדע בענקשאַפטן נאָך פלערליי געהיימע זיבד, ווי ס'האָט עס נאָר אַ שיינע, קלוגע און אַזוי דערפאַרענע וועלט־דאַמע. און פונדעסטוועגן איז זי נאָך געווען אַ קינד — אומשול־דיק און ריין. און זי איצט — לאָטע וואַן נעס — אַ דרייסיק־יאָ־ריקע — אַזוי ווי אַמאָל פאַרבענקט און לעכצנדיק אין אַלע נערוון־

חלומות — און דאָך: קינדערשע ברוסט און קינדערשע נשמה.

זי האָט אים אויפגעפרעסן, זי האָט אים אויסגעזויגן—יאָ, אַזוי האָט זי געטון. אָבער זי האָט עס געטון, ווי אַ ליבהאַרציק, קליין מיידעלע, וואָס איז פריילעך און גליקלעך בעת עס צמאָקעט אַ צוקערל.

און ער איז געווען דאָס צוקערל.

דאָס איז אים געפעלן, ער האָט זיך צעשמייכלט. אַ צוקערל איז ער טאַקע געווען, אַ זיס צוקערל, אָבער עטוואָס זויערלעך און ביטער צוגלייך. נישט לאַנגווייליק, ביין, נישט איבלדיק — געווען דער ריכטיקער באַש פאַר דעם צעפּיעסטעטן קינדערשן גומען. אָבער ער איז געווען עפּעס מער נאָך, געווען אַ וווּנדערצוקערל אַזאַ גרויס און דיקס, וואָס ער האָט תּמיד געגאַרט צו האָבן אַלס קליין יונגל. מען צמאָקעט עס און מ׳לעקט עס אַרום, ביז ס׳ווערט קלענער און גאָר קליין — און דערנאָך, פּלוצלינג, איז עס ווידער גרויס און דיק ווי פריער. אַזוינס איז ער געווען — ער איז כּמעט ווי פאַרשוווּנדן, כּמעט בטל געוואָרן אין די קושן פון דערדאָזיקער פרוי. און איז פונדעסטוועגן ווידער געווען דיק און גרויס, און איז צוריק אַרויסגעשפּרונגען אויסן מיילעכל פונם קינד לאָטע, געאָטעמט טיט דער פריידיקער פרייהייט. און געלאָפן באַנאַכט דורך דער בראָדוויי.

שמוץ, אַזויפיל שמוץ. אומעטום שטיקער פּאַפּיר, וואָס האָבן אַרומגעטאַנצט אויפן ווינט. ער איז געגאַנגען איבערן ברוק — פּלוצלינג האָט זיך זיין פוס אָנגעשטויסן אָן אַ טויטן הונט. אָ, יאָ, ער איז געווען אין ניו־יאָרק, און אין קיין שטאָט אויף דער וועלט ליגט נישט קיין נבלה אַזוי לאַנג אויף די גאַסן. אויבן האָבן אפשר געפונקלט די שטערן — ווער האָט עס געקענט וויסן? מחמת אַזוי הויך שטרעקט מען נישט דעם קאָפּ, כּדי אַרויפצוקוקן אינדערהויך, איבער די צוואַנציק, פערציק און זעכציק שטאָק פוןביידע זייטן. שטיינערנע מויערן, העסלעכע און שמוציקע — שלעפּט זיך טאַקע דער מענטש אַרום דאָ אונטן. איבער דעם באָדן — וואָס זיי רופן אָן פּלאַסטער אין דערדאָזיקער שטאָט. שטיינער, אַספאַלט — האָלץ, אַ סך האָלץ, אייזן און גלאָז. אַלץ מיטאַנאַנד אָן צוועק, אָן טעם, גראָד ווי עס פאַרלאַנגט דער אויגנבליק. קיין שום גלאַטיק אָרט, ריזיקע ביילן אומעטום, צעמענט־ביילן איבער עפּעס צעבראָ-

כּענע ערטער, ווי אייטער־געשווירן. און דערצו ריסן און לעבער — חי פון אַ מצורע־קראַנקען איז די הויט פון ניו־יאָרק.

בלויז עפּעס אַ שיכּור, וואַקלנדיק זיך אַהין און אַהער, האָט אַרומגעבלאָנדזשעט, און אויך אַן אירלענדישער פּאָליסמען, וועלכער האָט זיך אונטערגעפּייפט אַ לידל. כּמעט אין איטלעכן עק גאַס אַ בעטלער [illegible] נישט פון באַרוף, ווי אין אַנדאַלוזיע, וועלכער לעבט דערפון און איז גליקלעך. בעטלערס נאַר, וואָס ברויכן גאַרנישט צו זאָגן. פאַרפרוירענע, בלייכע, מיט בלאָע ליפּן און גלעזערנע אויגן, וועלכע שרייען; „איך זוך אַרבעט שוין חדשים לאַנג. איך געפין נישט. איך הונגער“. אָ, יאָ, צען טויזנט נפשות הונגערן אויף דער צעפרעסענער הויט פון דער מצורעדיקער שטאָט. אָדער פאַרפרירן — ווי די טויטן־צעטלען ווייזן אויף. אַלץ איינס, אַזוי צי אַזוי שטאַרבן זיי.

ער איז נישט געווען קיין בעטלער. ער האָט געגעבן, גע־געבן אין משך פון זיין גאַנץ לעבן. געגעבן אַלעמען, וואָס זענען געקומען, אַלעמען און תּמיד — זיין ביסל געלט — און זיין בלוט פון האַרץ און זיין נשמה. אָבער אים ווער האָט געגעבן — אים?

אָבער וואָס מאַכט עס דען אויס — צי דען איז ער נישט געבליבן רייך?' הגם זיי האָבן גענומען און גענומען, געפרעסן און געזויגן! הייַנט האָט ער עס גוט געפילט: אַ פישוף־צוקערל איז ער געווען און נישט צום אַראָפּשלינגען!

* *

*

ער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, אויסגעבאָדן זיך, אָנגעטון דעם קימאָנאָ און אָנגעקלונגען נאָך זיין טיי.

דערנאָך האָט ער גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אָנגע־קלונגען צו דער פרוי. „איך בין געזונט, לאָטע“, האָט ער אויס־געשריגן, „איך בין געזונט“.

זי האָט געענטפערט: „איך ווייס עס“.

דאָס האָט אים פאַרדראָסן. וואָס האָט זי געקאָנט וויסן דער־פון! „דו? ווי קלוג דו ביסט! טאָ זאָג־זשע וואָס דו ווייסט!“

ער האָט געהערט: „היינטיקע נאַכט —"

אָבער גאָרנישט מער. האָט ער אַלזאָ אויסגערופן: „היינ־טיקע נאַכט? בין איך אַוועקגעלאָפן — יאָ! פון דיר — אַוועק! דערפון דרינגסטו —?"

לאַגגזאַם האָט זי געענטפערט: „ניין. נישט דערפון. איך האָב עס געוווּסט — נאָך פריער—אָך ניין!"

ער איז צוגעשטאַנען: „טאָ זאָג - זשע, לאָטע!"

„ניין!" האָט זי אָפּגעענטפערט. „ניין!" — וואָס גייט עס דיך אָן? אַנטשולדיק — דאָס האָב איך זיך אויסגעלערנט פון דיר?"

און ער ווידער: „גוט, גוט! אָבער דו מוזט עס מיר זאָגן. קום דאָ אהער, לאָטע, נעם מיך מיט אין דיין אויטאָ. מיר וועלן אַרויספאָרן הינטערן שטאָט, אין אַ דאָרף אַריין".

דאַן האָט זי זיך צעשלאָכצט. „כ'קען נישט. איך — איך בין קראַנק. איך וויל אויך נישט, אַז דו זאָלסט צו מיר קומען — היינט — די וואָך — וואַרט אונטער, ביז איך וועל דיך רופן".

„לאָטע, האָט ער גערופן, „לאָטע —"

ס'איז נישט געווען קיין ענטפער.

דער אַלטער דינער האָט געבראַכט די טיי און די מאָרגן־בלעטער. שטום, געפיללאַז און אידיאָטיש.

„פרעג כאָטש, ווו איך בין געווען?" האָט געטראַכט פראַנק ברוין. „פרעג דאָך, אויב איך וועל ווידער דאָ שלאָפן?" אָבער דער אַ טער דינער האָט גאָרנישט געפרעגט. ער איז אַרויסגעגאַנגען שווייגנדיק דורך די ברייטע צימערן, און זיך גענומען צו זיין שטויבטוך.

מ'האָט אָנגעקלאַפּט. דער דינער האָט געמעלדעט, אַז דער רעדאַקטאָר איז געקומען.

„לאָז ער אַריינגיין", האָט ער באַפוילן. ער איז געווען צופרידן וואָס ס'איז עמיצער געקומען; וועט ער כאָטש קענען אַ וואָרט רעדן.

„דאָקטאָר", האָט געזאָגט טעווס, „איצט איז אַלץ אין אָרד־נונג. דאָ האָט איר דעם רייזע־פּלאַן — אין דריי טעג אַרום זאָלט איר אַרויספאָרן. מיר הויבן אָן אויבן, אין ניי־ענגלאַנד — פריער באָסטאָן. דערנאָך סינסינאַטי, קלעוולאַנד, דעטראָיט, טשיקאַגאָ — אַכט און צוואַנציק שטעט אינגאַנצן — דאָס וועט סטאַיען אויפן

ערשטן טורנעע. איך פאָר פאַרויס, היינט נאָך. איך גלויב, אַז ס׳איז אַלץ גוט פאַרבעררייט — מיר האָבן שוין מורא געהאַט, אַז איר וועט נישט דערהאַלטן —

„נישט דערהאַלטן —? האָט ער זיך צעלאַכט. „צי דען האָב איך עפּעס צוגעזאָגט?"

דער רעדאַקטאָר האָט געזאָגט: „איר נישט, דאָקטאָר!"

„ווער דען?" האָט ער געפרעגט.

ער האָט גאַנץ רויק געענטפערט: „פרוי וואַן נעס".

דאַן איז ער אויפגעשפרונגען: „פרוי וואַן נעס? — זי האָט אייך צוגעזאָגט, אַז איך וועל פאָרן? און צי האָט זי אייך נישט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך בין נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג, און אַז מ׳קאָן זיך אויף מיר נישט פאַרלאָזן?"

„יאָ", האָט טעווועס געשאָקלט מיטן קאָפּ, „מיר האָבן געהערט, אַז איר זענט קראַנק?"

„פון וועמען, ביטע?" האָט ער געפרעגט.

„פון פרוי וואַן נעס!" האָט געענטפערט דער זשורנאַליסט.

פראַנק ברוין האָט געפויקט מיט די פינגער אויפן טיש. „פרוי וואַן נעס!" האָט ער געברומט, „און אָט־די דאַמע האָט אייך מסתּמא אויך געזאָגט, אַז איך בין שוין צוריק געזונט?"

טעווועס האָט אים נאָכגעמאַכט. „יאָ, די דאַמע האָט אונז טאַקע דאָס געזאָגט. די פרוי — פרוי וואַן נעס — האָט מיך נאָר וואָס אַרויסגערופן — זי האָט מיר געזאָגט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג׳ און אַז איר וועט פאָרן".

ער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען נאָענט צום רע־דאַקטאָר. „ב׳בעט אייך!" האָט ער אויסגערופן. „צי איך וועל האַלטן רעדעס פאַר אייער אַרבעטס־קאָמיטעט — צי איך וועל פאָרן אָדער נישט — וואָס גייט עס אָן דער פרוי וואַן נעס? און איך מיט דער דאַמע — וואָס גייט עס צום טייוול דעם קאָ־מיטעט אָן?"

דער רעדאַקטאָר האָט זיך צעלאַכט. „זייט נישט קיין קינד, דאָקטאָר! זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָבן מיר אפשר דרייסיק קאָמיטעטן, וואָס אַרבעטן לטובת אַלערליי מעגלעכסטע פּאַט־ריאָטישע צוועקן, און אויב די מלחמה וועט נאָך דויערן אַ יאָר, וועלן מיר האָבן אַזעלכע דרייהונדערט. צי מיינט איר דען,

אז דידאָזיקע קאָמיטעטן ארבעטן בחנם? זיי מוזן האָבן אַ חוט־השדרה — געלט! אונזער חוט־השדרה איז פרוי וואַן נעס.

ער האָט פארשטאַנען. האָט געוווסט, וואָס ס׳איז אַזוינס אַגיטאַציע, וואָס פּראָפּאַגאַנדע קאָסט אָפּ אין דאָזיקן לאַנד, ער האָט זייער גוט געוווסט, אַז די אַלע פאַרייִנען און קאָמיטעטן פלעגן כסדר ארומלויפן מיט דער קלינגפּושקע: געלט — געלט! נישט איין טויזנטער מוז מען אַרויסוואַרפן, כדי מיליאָנען צונויפצוזאַמלען — די אויסגעטרוימטע מיליאָנען פאַר דער היימאַט.

אָבער זי? לאַטע לעווי? וואָס האָט זי דאָ געוואָלט? אַביסל געלט געבן, טשעקן שרייבן — אָך, מיטן גרעסטן כבוד! זי איז אַזוי רייך! און אויב זי וואָלט אפילו געגעבן טויזנטער, ווי ער גראָשנס — איז עס דאָך נאָך אַלץ נישט ווערט די רייד.

דאָס איז אָבער געווען עפּעס אַנדערש. זי האָט אים פאַרגעשלאָגן פארן קאָמיטעט, זי האָט צו אים געשיקט דעם רעדאַקטאָר. זי האָט אים געשיקט קיין באַלטימאָרע.

כדי אים אויסצופּרוון. יאָ, דאָס איז עס געווען.

און — מיט איר געלט — האָט אים דער קאָמיטעט אַרויסגעשיקט אויף דער אַגיטאַציע־נסיעה. אָדער אייגנטלעך; זי האָט אים אַרויסגעשיקט — דורך דעם קאָמיטעט. נישט אַז מ׳זאָל אים צאָלן — אָ ניין — אָבער מ׳האָט אים פאָרט געשאַפן די מעגלעכקייט צו רעדן און — געצוווּנגען אים דערצו!

פאַרוואָס־זשע פאָרט? וואָס האָט זי דערפון — לאַטע לעווי?

ער האָט גאָרנישט תופס געווען.

„איך פאַר — פונדעסטוועגן!” האָט ער געזאָגט.

דער זשורנאַליסט האָט אַ פייף געטון. „פונדעסטוועגן!?” — וואָס: פונדעסטוועגן? — אוודאי פאָרט איר!”

*

* *

ער האָט גערעדט אין באָסטאָן, גערעדט אין בופאַלאָ, ראָטשעסטער און אַלבעני. ער האָט גערעדט אין קאָלומבוס און אין מילוואָקי — איטלעכן טאָג האָט ער גערעדט און פיילמאָל צוו

צוויי מאָל אין טאָג. ער האָט גערעדט אין זאַלן, אין טעאַטערן און אין פייערלעשער־האַלעס—צוויי מאָל אויך פון דער אַמבאָנע אַראָפּ. דאָס פּובליקום האָט זיך געשטופּט און געשטויסן, נישט מחמת ס'האָט געהאַט אַן אנוונג, ווער ער איז געווען — מער נישט ווייל די פּאָררעקלאַמע איז געווען גוט אַראַנזשירט דורכן רעדאַקטאָר טעוועס.

פיל הענט האָט ער געשאָקלט, אויפגענומען רעפּאָרטערן, יעדן טאָג פרישע. האָט נאָכאַנאַנד דערציילט דיזעלבע זאַכן — אינדערפרי די רעפּאָרטערן, אינאָוונט דעם גרויסן פּופּליקום און דערנאָך איינצלנע פּערזאָנען. ער פלעגט איינשטייגן אין צוג, זיך אויסטון, איינשלאָפן. פלעגט תמיד אָנקומען אין אַן ענלעכן האָטעל־צימער, אויסגעבאָדן זיך אין דערזעלבער וואַנע. געפונען אויף יעדן נאַכט־טישל די אייגענע שוואַרצע ביבל. אלע אינדערפרי האָט מען אים געבראַכט צייטונגען — תמיד פלעגט זיך זיין בילד געפונען אין זיי, תמיד פלעגן די זעלבע פראַזן פלוידערן וועגן אים. ווי אַ מאשין איז דאָס אַלץ געגאַנגען.

דערנאָך אָבער איז עפּעס אַ רעדעלע קאַליע געוואָרן. ער האָט עס קוים געשפּירט, אָבער דער רעדאַקטאָר, וואָס איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן, האָט דאָס גלייך באַמערקט. ווי נאָר ס'האָבן זיך געענדיקט די אַפּלאָדיסמענטן פון פּובליקום, האָט אים דער רעדאַקטאָר באַלד אַראָפּגעפירט פון דער בינע, און אים נישט געלאָזט מער רעדן מיט קיינעם. ער האָט אויך אַליין אויפגענומען די צייטונגס־לייט, און געהייסן אים ברענגען סעקט פאַר יעדן אויפטריט.

„וואָס איז געשען?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„איר מוזט זיך שוינען", האָט געזאָגט טעוועס. איר זענט ווידער דערשעפּט און קראַנק. — און איך טראָג די אחריות".

„לגבי ווער?" האָט ער זיך צעלאַכט. „לגבי אייער קאָמי־ט? — זיי גייט עס אוודאי נישט אָן, צי איך בין אַ ביסל אָפּ־געשוואַכט, אָדער נישט".

דער זשורנאַליסט האָט געענטפערט: „זיכער נישט! אָבער איך האָב אַן עקסטרע־הכנסה. צוואַנציק דאָלאַר אַ טאָג".

„אַן עקסטרע־הכנסה?" האָט ער געפרעגט. „איר? — און וועמען דאָס — און פאַרוואָס?"

„עס איז אַלץ אין אָרדענונג", האָט געזאָגט טעווער. „איך דאַרף אויף אייך אַכטונג געבן — און פרוי וואַן גנעס צאָלט".

„ווידער?!" — איז ער אויפגעשפרונגען. אָבער דער רע־דאָקטאָר האָט אים איינגעהאַלטן. „לאָזט שוין געמאַך!" האָט ער רויק געזאָגט. „אָקאָרשט האָט מען אָנגעקלאַפט — דער דאָקטאָר איז שוין דאָ!"

פראַנק ברוין האָט אַ געשריי געטון: „וואַרפט אים אַרויס! איך וויל נישט זען קיין דאָקטאָר, איר פאַרשטייט!"

דער אַנדערער האָט געדריקט מיט די אַקסלען. „מילאַ גוט, איך וועל אים משלח זיין — אַבי איך האָב מיין חוב געטון".

אין דאָזיקן אָוונט האָט ער גערעדט שלעכט. ער האָט טאַקע גערעדט פונקט דאָסזעלבע ווי תמיד, האָט אויפגעהויבן די שטים און זי אַראָפגעלאָזט — געמאַכט זיינע הפסקות, פונקט ווי תמיד. אָבער ס'האָט געפעלט עפּעס, וואָס פלעגט די מענטשן נעמען געפאַנגען. עס איז אים פאַרגעקומען, ווי עפּעס אַ גרויסער מדבר וואָלט געלעגן צווישן אים און דעם עולם, גלייך ווי דער דאָזיקער באַריער וואָלט געוואָרן אַ שטאַרקע מויער, וועלכע האָט זיי פונאַנדערגעטיילט. ער האָט איר נישט אריבערגעטרעטן, הײַנט. ער איז דאָרט געשטאַנען, גערעדט, איינזאַם, גלייכגילטיק — און אַזוי מיד.

„נישטאָ קיין בלוט אין אים!" האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר. נאָך אין דער דערזעלבער נאַכט האָט ער טעלעגראַפירט, האָט אָפגעזאָגט די צוויי, דריי איבעריקע אָוונטן. „אָבער מאָרגן, מאָרגן מוזט איר נאָך איינמאָל רעדן. נעמט־זשע אייך צונויף, דאָקטאָר".

ער האָט אים אָפּגעפירט צום צוג, גלייכגעמאַכט אים דאָס בעט. „שלאָפט אייך גוט אויס".

פראַנק ברוין איז פעסט געשלאָפן, אָן אַ ריר זיך צו טון, ביזן ווייסן טאָג אַריין; ער האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט האַרט פאַר פילאַדעלפיע. מידער נאָך ווי פריער.

דאָס מאָל האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ דעבאַטע אין ריזיקן טעאַטער פון דער מוזיק־אַקאַדעמיע. דאָס הויז איז געווען פול געפאַקט, ווייט אויף דער גאַס אַרויס זענען געשטאַנען מענטשן. טעווער האָט אים אַרויפגעפירט אויף דער סצענע, אַריינבאַגלייט אים אין דער גאַרדעראָב. ער האָט אים אַריינגעשטופּט אַ צעטל

אין די האַנט אַריין. „נאַט, לייענט! פדי איר זאָלט וויסן, וועגן וואָס עס גייט היינט! — איר זעט אויס אינגאַנצן צו האָבן פאַרגעסן וועגן דעם!"

פראַנק ברוין האָט געלייענט. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט וואָס דאָרט איז געשטאַנען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ר'האָט אַלץ געהאַט געלייענט אין כתב-יד און דערנאָך ווידער אין דער קאָרעקטור. ס'איז דאָרט געווען זיין בילד, און זיין נאָמען, און דערצו דאָס געוויינלעכע געשריי וועגן זיין כלומרשטער באַרימטקייט. און אויף דער צווייטער זייט דאָס בילד פון אַ שיינער פרוי: מיס מאָוד ליווינגסטאָן איז געשטאַנען אונטער דעם. און אַז דאָס איז די באַרימטסטע אַרטיסטין פון דער וועלט, די אינטימע פריינדין און בעסטע אינטערפּרעטאָרין פון בערנאַרד שאָו, אַז זי —

אָ, יאָ, ער האָט געוווסט, אַז זי וועט רעדן פאַר ענגלאַנד. ער פאַר דייטשלאַנד. זי צוערשט — דערנאָך ער — און דערנאָך נאָכאַמאָל זי. אַ טורניר איז עס געווען, אַ העגער-קאַמף —

דער זשורנאַליסט האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש סעקט פון דעם עמער און אים איינגעגאָסן. „טרינקט-זשע, טרינקט! זייט גובר אייער אַפּאַטיע! בלויז היינט נאָך".

ער האָט אין זיך אַריינגעגאָסן דעם סעקט ווי וואַסער, אָבער ער איז געבליבן מיד און קאַלט, געקוקט גאַנץ גלייכגילטיק אויף דעם צאַפּלנדיקן פאַרשוין, וואָס איז דאָרט פאַר אים געשטאַנען. ער האָט געהערט איטלעכס וואָרט, וואָס דער זשורנאַליסט האָט געזאָגט, אָבער ס'איז אים פאַרגעקומען, גלייך ווי ער וואָלט נישט צו אים גערעדט.

„פינף טויזנט זענען דאָרט פאַראַן! די בעסטע געזעלשאַפט פון דער קוועקער-שטאָט. פראָ-ענגליש דריי פערטל! — טרינקט זשע! — און ווייטער: אייער קעגנער איז היינט אַ פרוי — אַ דאַמע — מוזט איר געדענקען! איר זאָלט מיך נישט בלאַמירן היינט! איטלעכער האָט מיך אָפּגערעדט אָנצונעמען די אַרויספאָדערונג פאַר אייערטוועגן — און איך האָב עס דאָך געטון. — טרינקט-זשע! — אַזוי שטאַרק האָב איך מיך אויף אייך פאַרלאָזט. איר מוזט היינט זיגן — דאָקטאָר — איר הערט?! אפילו

איבער אַ פרוי! — נאָך אַ גלעזל! ניין שאַנסן פון צען זענען קעגן אייך — דאָס מוז אָבער געשען, צו אַלדי טייוול!"

פראַנק ברוין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרלאַנגווייליקט איז ער אויפגעשטאַנען, צורעכט געמאַכט עטוואָס זיין קראַוואַט. דער־נאָך האָט ער רויק געזאָגט: „אפשר וועט עס גיין און אפשר נישט! ווארשיינלעך נישט!

„אָבער, גאָט מיינער —" האָט אָנגעהויבן דער רעדאַקטאָר.

אָבער ער האָט אים איבערגעריסן: „לאָזט שוין געמאַך! — איך פיל עס גאַנץ גוט: עפּעס אין מיר רעדט — נישט איך — און וויבאַלד דאָס קען נישט —"

„וואָס קען נישט?" האָט אויסגערופן דער אַנדערער. „וואָס? — וואָס רעדט אין אייך?"

דאַן האָט ער זיך צעלאַכט. „וואָס? — יאָ, דאָס ווייס איך פונקט אַזוי ווייניק ווי איר, ליבער הער!"

פראַנק ברוין איז אַרויסגעגאַנגען הינטער די קוליסן. דאָרט איז געשטאַנען, צוזאַמען מיט אַן עלטערן הער, אַ דאַמע אין אָוונטקלייד, אַ גאָר הויכע און שטאַרקע פרוי, מיט מעכטיק אַרויס־שטאַרנדיקע היפּטן און ברוסטן.

„צי איז דאָס די ליווינגסטאָן?" האָט ער געפרעגט.

דער רעדאַקטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „די — ניין! — אָבער דאָס איז די פרוי פאַרסטין! קענט איר זי נישט?"

אָ, יאָ, ער האָט זי געקענט, עמאַלדיגע פאַרסטין, די בעסטע זינגערין פון צוויי וועלטן. ער האָט זי געקענט פון דער דרעזדענער אָפּערע, פון בערלין, פון ניו־יאָרק.

טעוועס האָט אים פאָרגעשטעלט, די דאַמע האָט אים דער־לאַנגט די האַנט.

„איך האָב דאָ מאָרגן אַ קאָנצערט", האָט זי געזאָגט, „אָבער כ'בין געקומען מיט אַ טאָג פריער, כדי צו הערן אייער דעבאַטע. דערצו דאַרף מען האָבן מוט, דאָקטאָר, — אַרויסטרעטן קעגן אַ דאַמע אין דאָזיקן לאַנד".

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. „פאַרוואָס ברענט ער נישט?" האָט ער געטראַכט.

„איך ווינש אייך ערפאָלג!" האָט צו אים געזאָגט די דיקע פרוי.

— דער גלאָק האָט געקלונגען גרילצנדיק און דורכדרינגנדיק „קומט-זשע״, האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר, „אויף די בינע אַרויף! צי גייט איר נישט מיט, גנעדיקע פרוי?״

זי האָט געלאַכט: „נישטאָ קיין אָרט מער — אַזוי געפּאַקט איז זעלטן, בעת איך זינג! מיר זענען צופרידן, וואָס מיר האָבן גע-קריגן אַ פּאָר שטולן דאָ, הינטער די קוליסן״.

דער זשורנאַליסט האָט אים מיטגעצויגן אויף די ריזיקע בינע; דער פאָרהאַנג האָט זיך נאָכנישט געהאַט אויפגעהויבן. אין אַ האַלבקרייז זענען פון הינטן געזעסן צוועלף רייען מענטשן; פאָרנט, האַרט בײַ דער באַריער, זענען געשטאַנען דריי טישן און דריי שטולן.

„דערדאָזיקער הער איז דער אומפּאַרטייאישער״, האָט גע-זאָגט טעוועס, „דער בעסטער נאָמען פון דער שטאָט! אַ שאָטלענ-דער, אויבעררעכטער — ער קאָסט אונז הונדערט דאָלער!״

ער האָט אים פאָרגעשטעלט. דערנאָך איז פון דער צווייטער זייט אָנגעקומען רי אַרטיסטין מיט איר אימפּרעסאַריאָ — מ׳האָט זיך באַגריסט און זיך דערלאַנגט די הענט.

דער שאָטלענדער האָט גענומען דעם צעטל אין האַנט אַריין, און געלייענט אויף אַ קול.

„אַלזאָ: צי וועט דער נצחון פון די צענטראַל-מלוכות, אָדער פון דער קאָאַליציע ברענגען פאָרשריט — דער וועלט — און אי-בערהויפּט אַמעריקע?״

די ענגלענדערין האָט זיך צעלאַכט: „דאָס איז זיכער; דעם דאָזיקן מאַלפישן לאַנד וועט שוין קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט ברענגען קיין פאָרשריט!״

פראַנק ברוין האָט זי אָנגעקוקט. זי איז קלוג, האָט ער גע-טראַכט. ער האָט געקוקט אויף איר פאַרשנדיק און זוכנדיק, פונקט ווי איר קריטישער בליק האָט אים געמאָסטן.

זייער עלעגאַנט איז זי געווען אין איר לאַווענדאַ-פאַרביקן קלייד. גרויע אויגן, שאַרפע און קלוגע. און איידל, סימעטריש דאָס געזיכט. נישט געשמינקט. און קיין פערוקע נישט. געקרייזלטע בלאָנדע האָר, איינפאַך צוגעקעמט און עטוואָס גרוילעך בײַ די שלייפן. קיין קאָמעדיאַנטין — אַ פאָרנעמע פרוי.

„ראפינירט איז זי!" האָט געשעפּטשעט טעוועס. „זי קען איר פּובליקום!"

אויף אַ געגעבענעם צייכן האָט זיך דער פאָרהאַנג אויפגעהויבן.

דער שטאָטלענדישער ריכטער האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַרן פּובליקום, און אין אַ גאַנץ הומאָריסטישן טאָן. ער האָט נישט געוווסט מער פון די ביידע, ווי דאָס וואָס ר'האָט אָקאָרשט געהאַט איבערגעלייענט אין צעטל — אָבער צי האָט דען דאָס פּובליקום געוווסט מער? ער האָט געפּלוידערט און געבלאָפט — און דער עולם האָט געפּאַטשט מיט די הענט און זיך געוויילט. ער האָט גערעדט וועגן דער מערדערישער אייראָפּע, ווו מ'קוילעט זיך קעגנזייטיק אויס, און וועגן דאָזיקן הערלעך ציוויליזירטן לאַנד, ווו די קעמפּערס שטייען איינער קעגן אַנדערן מיט גייסטיקן כּלי-זין. ער האָט נאַטירלעך פאַרענדיקט מיט דעם הימן „Star-Spangled-Banner" — דאַן איז דאָרט געוואָרן שטימונג.

און ער האָט געגעבן דאָס וואָרט דער פרוי.

באשיידן האָט זי גערעדט און קלוג. גלייך פון אָנהויב עטלעכע שיין-קלינגנדיקע זאַצן וועגן דעם וווּנדערלאַנד — אַמעריקע. און באַלד דערנאָך אַ קליינעם וויץ. זי האָט געוויזן אירע פּרעכטיקע ציין, באַטאָנט יעדעס וואָרט, גערעדט פּשוט און פאַרכאַפּנדיק.

פראַנק ברוין האָט געפילט, אַז זי קען דעם המון. קען אים אַזן האַלט אים פעסט, זייער פעסט — אין דאָזיקן קליינעם נערוועזן הענטל.

ער וועט היינט די מאַסע נישט באַהערשן — ער נישט. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן זאַל; מיט פאַרשפּאַרטן אָטעם האָבן זיי געהערט; אַלעמענס אויגן האָבן געהאָנגען אָן דערדאָזיקער בויגעוודיקער פרוי. קיינער האָט נישט אַהינגעקוקט צו אים.

דאַן איז ער אויפגעשטאַנען, גאַנץ רויק און שטילערהייט איז ער אַוועק הינטער די קוליסן. ער האָט געשמייכלט — ער איז געווען אַזוי זיכער, אַז קיינער האָט דאָס צומאָל נישט באַמערקט.

איינער אָבער — טעוועס.

דער איז אים כּהרף-עין נאָכגעקומען. „וווּהין ווילט איר גיין?" האָט ער אים געפרעגט. „איר ווילט אוועקגיין, אַנטלויפן. דאָס איז —"

פראַנק ברוין האָט געזאָגט: „פּחדנות — יאָ — פונמיינעטוועגן".

דער אַנדערער האָט אים אָנגעכאַפּט באַם ראָק, און איז צוגעשטאַנען צו אים, תּחנונים און קללות זענען געפאַלן ווי האָגל. פּחדנות — פּאַרראַט — ערגער ווי דעזערציע — שעמען מעג ער זיך! אַ בזיונדיק אַנטלויפן —

ער האָט אויסגעהערט גאַנץ געדולדיק און האָט גאַרנישט געענטפערט.

דער רעדאַקטאָר איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער אויפגערעגט. לסוף, בעת ער האָט געזען אַז זיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן, האָט ער אים אָפּגעלאָזט. און ער האָט געזאָגט: „איר קענט אייך גיין, אויב איר ווילט! — פאַר מיר איז עס נאָך אפילו בעסער!"

פראַנק ברוין האָט געפרעגט: „פאַרוואָס פאַר אייך?"

דאַן האָט טעוועס אַרויסגעצויגן אַ טעלעגראַם פון דער קעשענע און זי אים דערלאַנגט.

„נאַט, לייענט! — דאָס איז די תּשובה אויף מיין באַריכט פון היינט אינדערפרי! — ער האָט געלייענט; „אויך אויף היינט אָפּזאָגן! אים תּיכף צוריקברענגען. וואַן נעס".

דער זשורנאַליסט האָט געזאָגט: „איך האָב פונדעסטוועגן נישט אָפּגעזאָגט — לטובת דעם ענין. דאָס וואָלט מיך געקאָסט מיין הכנסה — און איך קען דאָס ביסל געלט גאַנץ שטאַרק ברויכן. דערפאַר איז בעסער פאַר מיר, אויב איר וועט נישט רעדן!"

פראַנק ברוין האָט מיט כּעס צעקנאָדערט דאָס פּאַפּיר. „ס'וועט נישט געשען ווי זי וויל!" האָט ער געציטערט. „איך וועל רעדן!" און צו טעוועסן: „גייט-זשע — איך וועל שוין קומען אויף דער בינע צו דער רעכטער צייט".

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועק מיט גרויסע טריט הינטער די קוליסן. איז אַריין אין זיין גאַרדעראָב, אויסגעטרונקען דעם רעשט פון דער פלאַש סעקט, ווידער אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע. געלאָפן אַרויף און אַראָפּ.

ער האָט זיך געקוועלט און געמאַטערט. ער האָט צונויפגעקראַמפּט די פינגער און זיך געביסן די צונג. ער האָט אַ פּיר געטון מיט ביידע הענט איבערן פּנים. „עס מוז — עס מוז —" האָט ער געשעפּטשעט.

אָבער ער האָט עס נישט געקענט צווינגען. פוסט איז ער געבליבן, פוסט.

ווי אַ סאַמום איז עס געווען — און אינערגיץ קיין פיצל גרין שטענגל נישט.

דערנאָך האָט ער געגומען פיבערן, געציטערט, געפילט די טרערן אין זיינע אויגן, געפילט. ווי די קניען ווילן זיך ברעכן אונטער אים —

ער האָט זיך נעוואַקלט, און זיך פעסט אָנגעהאַלטן אָן די קוליסן.

אַ ליאַרם האָט אים איבערגעשראָקן — דאָרט אינעווייניק האָבן זיי געקלאַטשט אין די הענט און געיובלט. פאַרצווייפלט און האָפנונגסלאָז האָט ער שטאַר געגאַפט פאַר זיך ווי אייגער, וואָס מ׳פירט אים צו דער תּליה.

ס׳האָט אים עפּעס אַ ציַ געטון — ער האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס. האָט אַ בליק געטון — און געטראָפן די טונקעלע אויגן פון דער זינגערין.

„וואָס איז אייך?״ האָט זי געפרעגט.

„איך ווייס נישט״, האָט ער געפרעפלט. דערנאָך אָבער — מיטאַמאָל, אָן איבערגאַנג: „צי מעג איך אייך קושן?״

ער האָט נישט געוואַרט אויף איר ענטפער. ער האָט זי אַ כאַפּ געטון, צוגעצויגן צו זיך, ווילדע, חידיש, האָט איר אַראָפּגעריסן די אָרעמס, צוגעדריקט זיין ברוסט צו אירע מעכטיקע ברוסטן. אָנגענומען איר קאָפּ, געקושט זי.

ער האָט געפילט, ווי אירע ליפן האָבן זיך געעפנט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, געטרונקען, געטרונקען דעמדאָזיקן משוגענעם קוש —

אַ ליאַרעם הינטער זיי, און קולות —

דאַן האָט ער זיך אויסגעריסן; ער איז דורכגעלאָפן איבער דער סצענע. האָט געהערט דעם גלאָק פון דעם אומפּאַרטייאישן, געפילט דאָס פלוצלינגע שווייגן פון דער מאַסע, געהערט דעם ריכטערס ווערטער, וואָס האָט אים געגעבן דאָס וואָרט. ער איז אַרויף אויף די בינע און זיך אַוועקגעשטעלט האַרט בּאַ זיין טישל.

אָבער דער עולם האָט אים נישט געוואָלט. עטלעכע האָבן

אָנגעהויבן — און אַלע האָבן אונטערגעהאַלטן. זיי האָבן אָפּלאָדירט אויפסניי, און ווידעראַמאָל, דער ענגלענדערין.

ער איז געשטאַנען אַ ציטערנדיקער. געשמייכלט נערוועז, זיך אָוועקגעמאַכט די האָר מיט די הענט, און געוואַרט —

ווידער האָט זיך אויפגעהויבן דער אומפּאַרטייאישער, געבעטן ס'זאָל זיין שטיל. ווידער האָט די מאַסע געשוויגן, אָבער קוים האָט ער נאָר געעפנט דאָס מויל, האָט זי ווידער גענומען צישען און שרייען און אַפּלאָדירט אויפדאָסניי דער פרוי.

ער האָט עס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען: זיי האָבן אים נישט געוואָלט לאָזן קומען צום וואָרט. אָבער ער האָט געשמייכלט.

נאָכדעם האָט די אַרטיסטין אַ ווונק געטון מיט דער האַנט, דאַן זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. און זי האָט געבעטן — פאַר אים. דאָס איז נישט גערעכט — מ'דאַרף זיין יושרדיק — אין דאָזיקן לאַנד פון פרייהייט און גערעכטיקייט — מ'דאַרף אים אויך לאָזן רעדן.

ווידער האָבן זיי גענומען פּאַטשן מיט די הענט.

ווי קלוג זי איז, האָט ער געטראַכט, און ווי זיכער אין איר זיך!

דערנאָך זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. איצט האָט ער געקענט אָנהויבן.

ער האָט גערעדט פריי, פרייער ווי תמיד. ער האָט נישט געמאַכט קיין שום גוטן וויץ און נישט געזאָגט קיין שום שיין וואָרט וועגן דער דאָזיקער הערלעכער אַמעריקע. ער האָט גערעדט געשיקט און פליסיק, אין פולן באַוווסטזיין פון איטלעכן וואָרט און זיין ווירקונג. ער האָט גערעדט אַזוי גוט ווי די דאַמע—

און זיכערער נאָך—

ער האָט געפילט, אַז דאָס מוז קומען. איצט אפשר — אָדער אין די נאָענטסטע זאַצן. איינמאָל האָט עס געמוזט קומען—

דאָס, וואָס זי האָט נישט געהאַט. דאָס' וואָס ער האָט היינט געהאַט פאַרלוירן און עס צוריק אָפּגעפונען אין דעם קוש פון דער גרויסער פרוי. דאָס, וואָס ס'האָט די פילקעפּ'גע בעסטיע דאָרט אונטן געמאַכט מילד און העפלעך, ווי אַ קעצעלע וואָס פרעסט געלאַסן פון דער האַנט אַרויס און לעקט די שפּיצרוט —

דאָס וואָס ס'האָט אים געגעבן די מאַכט איינצוהאַמערן זיינע געדאַנקען אין דער חיהס געהירן און דעם גלויבן אין דעם אויגנבליק, אין דער חיהס צויטיקער ברוסט.

איצט האָר ער גענומען שליידערן זיינע געדאַנקען אין דער מאַסע. ס'האָבן זיך אַ שאָט געטון שאַרפע, געשליפענע און שיינע ווערטער אויפן המון. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל — דאַן האָט זיך ברייט אויפגעפראַלט דאָס אייזערנע טויער פאַר דעם לייכטן קלאַפּ פון זיין צויבער־שטעקעלע.

און די חיה פון די פינפטויזנט קעפּ האָט דאָך געהאַט אַ גרויסע נשמה. און געווען איז די נשמה מעכטיק און ברייט ווי אַ טעמפּל — איז ער אַליין אַריין דורך דעם אייזערנעם טויער. פאַרשיכורט פון דעם ברענענדיקן שטורקאַץ, וואָס ר'האָט געהאַלטן אין דער האַנט, האָט ער אים אַ שליידער געטון טיף אין טעמפּל אַריין; דאַן האָט ער אויפגעפלאַקערט.

איצט האָט ער שוין מער גאָרנישט געזען: זיין אויג האָט זיך געבאָדן נאָר אין רויטן. בלוט, האָט ער געטראַכט, בלוט. ער האָט געשפּאַנט דורך דעם פלאַמענדיקן ים — שרייענדיק, לאַכנדיק, ווי אַ נביא —

דאָס איז אים געבליבן, בלויז דאָס. זיינע אייגענע ווערטער האָט ער נישט געהערט, און אויך נישט דעם שטורעם פון דער מאַסע, בעת ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט נישט געהערט די ווערטער פונם ריכטער, און אויך נישט דאָס צעשראָקענע שלוס־וואָרט פון דער ענגלישער פרוי. נישט דאָס היילן און קלאַטשן און שרייען צום סוף — וואָס איז געווענדעט געווען צו אים — צו אים און זיין ענין. ער האָט נאָר געזען די פלאַמען און דאָס גאַנצע בלוט —

*

*

הינטער די קוליסן איז ער געשטאַנען מיט דער שטאַרקער זינגער'ין. „צי ווינט איר אויך אין ריטץ?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. „טאָ עסן מיר צוזאַמען אָוונט־ברויט!" האָט זי פאָרגעזעצט. „און —"

ער האָט אָנגענומען איר האַנט און איר אַ קוש געטון. „יאָ״, האָט ער געזאָגט, „כ׳וועל דאָס טון״. ער האָט געקוקט אויף אירע אויגן — און זיי זענען געווען ווארעם און גוט. ווייך און גע־היימנישפול צוגלייך, ווי אַ קאַמין־פייער.

ער האָט זי ראַש באַגערט, פונקט ווי ער האָט געפילט, אַז זי האָט אים געוואָלט — און דאָס האָבן גערעדט זיינע אויגן. און אירע האָבן געענטפערט: היינט באַנאַכט.

זי האָט אָנגענומען זיין אָרעם און זיך צוגעטוליעט צו אים.

דאַן האָט זי זיך צעלאַכט: „איך טרינק תמיד אַ גלעזל באָרדאָ פאַר יעדן אויפטריט. טייל מוזן האָבן שאַרטרעז, מאַנכע ביר אָדער עפּעס אַנדערש! אָבער איר?! — טאָ ווינטש איך אייך באַר, אַז איר זאָלט תמיד געפונען אַזאַ גוטמוטיק שעפּעלע ווי איך!״

דער אַלטער הער האָט געלאַכט, אויך דער רעדאַקטאָר און די איבעריקע, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום. טעוועס האָט געשי־פּאַסט: „סעקט האָט ער באַקומען — אַ פולע פלאַש! יענץ ווירקט שוין נישט אויף אים!״

ער האָט זיך פאַרנייגט: „שיינע פרוי — שוין־זשע איז אייער קוש נישט בעסער ווי שאַמפּאַניער־וויין?״

זי האָט פאַרצויגן די ליפּן. „לאָזט־זשע דאָס געמאַך—דאָס פּאַסט אייך כלל נישט!״ זי האָט אים אַריינגעצויגן אין די וויטערדיקע קוליסן׳ און שטיל געזאָגט: „צי מיינסטו, אַז כ׳ווייס נישט וואָס דו האָסט געוואָלט?—נאַט זעט!״ זי האָט אים דערלאַנגט איר נאָזטיכל—און ס׳איז געווען פאַרפלעקט פון בלוט.

ער האָט שטאַר געגאַפט אויפן טיכל. דאָס — דאָס האָט ער געוואָלט.

זי האָט געשעפּטשעט: „דו האָסט מיר מיין ליפּ צעביסן! איך וועל עס דיר אָפּצאָלן — היינט באַנאַכט!״

„— און דער שמאראגד פארבארגט אין זיך די קראפט פון ...יבן אין קאמף קעגן די שונאים“.

ראבאנוס מאורוס, ערציביסקופ פון מאינץ (A. D. 7[illegible]6 — 856)

זיי האָבן אים גוט און פעסט געהאלטן אין ניו-יאָרק — ער איז געווען אין סאַמע מיטן פון דער דייטשישער אַרבעט. באַגינען — גאַנץ פרי, פלעגט דער סעקרעטאר ברענגען די פּאָסט, און זי אים פאָרגעלייענט. ער האָט דיקטירט בריוו, דערנאָך אַרטיקלען פאַר צייטונגען און צייטשריפטן. — און באַזוכערס, איינער נאָכן אַנדערן, דעם גאַנצן לאַנגן טאָג. אינאָוונט רעדעס — אין דער שטאָט, אויף דער פּראָווינץ, ווו מ'האָט נאָר געדאַרפט.

מ'האָט אים צוגעשיקט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן נישט געוואָלט, אַלץ וואָס ס'איז געווען אַביסל דראַסטיש און שווערלעך. אויך אַלץ, וואָס ס'איז געווען עטוואָס געפערלעך, וואָס ס'האָט זיך געקענט ערגיצוווּ אָנשטויסן. אויבן אָדער אונטן, אָן די רויע קאַנטן פון געזעץ. וואַשינגטאָן, בויגנדיק זיך אין ליבע-קריכערישן יראת-הכבוד פאַר ענגלאַנד, פול מיט קנאַהדיקן האַס קעגן אַלץ וואָס האָט אויסגעוויזן דייטשיש, האָט אויסגעשפּינט פון די מיליאָנען פּאַראַגראַפן פון אומזיניקע געזעצן אַ פּאַרוויקלטע נעץ, האָט פאַרוואָרפן אומעטום פאַסטקעס, תמיד גרייט צו פאַנגען אַ פּאָר אָרעמע דייטשן, וועלכע האָבן געוואַגט צו אַרבעטן לטובת זייער לאַנד. און האָט מען איינעם געכאַפּט, — סאַרא בהלה, סאַרא ויצעקו אין

אלע בלעטער, ווידער א דייטשישער פארברעכער, א פארשווערער, א מלוכה־פאררעטער, באמבען־ווארפער און מערדער! און הגם דאס פארברעכן האט זיך ארויסגעוויזן אלס גאנץ קליין, בעת ס׳איז ענדלעך געקומען פאר די געשווירענע: עפעס א קליינטשיק, קינ־דיש, שוין פונלאנג פארגעסן פאראגראפל איז געווארן אנגעגריפן, אבער פונדעסטוועגן האט מען דעם שולדיקן פארהאלטן, און אים פארמשפט אויף לאנגע יארן תפיסה.

דא איז געווען אן ארט, וואס ער האט געקענט אויספילן, דאס איז געווען קלאר. ער האט נישט געהאט קיין געשעפטן, איז נישט געווען קיין סוחר, קיין פאבריקאנט; ער איז געווען אומאפ־הענגיק, פריי, און נישט געוווסט פון קיין שום איינזעעניש. דאס איז געווען געפערלעך, געוויס, אבער צי דען איז דארט, אויפן פראנט, געווען ווייניקער געפערלעך? — און ווייטער: גראד פאר אים איז עס נישט געווען אזוי שלעכט. ער איז נישט געווען קיין דייטש־אמעריקאנער, ווי סרוב אנדערע, ער האט נאר געדארפט קענען איין פליכט: לאיאליטעט, די לאיאליטעט לגבי דייטשלאנד. און ער האט געהאט גוטע באקאנטע, פריינט — אויך אויף דער אנדערער זייט; יענע וואלטן געקענט ארויסהעלפן אין א נויט.

„איך וועט גארנישט געשען!" האט געלאכט דער לאנגער טעהעס. „איך נישט! מ׳וועט אייך נישט לאזן פאלן!"

„אזוי גוט ווי יעדן אנדערן", האט געענטפערט פראנק ברוין. „ווער זאל עס מיר העלפן?"

„ווער?" — האט אויסגעשריגן דער רעדאקטאר. „אלע! אלע קענען אייך פערזענלעך פון פאריז און יאקאהאמא! זיי ווייסן טאקע נישט עפעס באשטימטס וועגן אייך — אבער זיי ווייסן, אז איר זענט עפעס אזוינס, און אז איר האט עפעס א נאמען. אבער דאס איז גענוג! — אלע וואלטן זיך איינגעשטעלט פאר אייך אין אייער פראצעס — מ׳וואלט אייך קוים אויפגעזיינגען צוויי יאר, דאן ווען איך וואלט באקומען פערציק! און דידאזיקע צוויי יאר וואלט איר אויך נישט אפגעזעסן! — א געוואלטיקע רעקלאמע וואלט עס פאר אייך געווען — דאס איז זיכער!"

פאר זיין טיר האבן געוואכט טאג און נאכט דעטעקטיוון־ארעמע, געבעכדיקע אגענטן פון עפעס א פריוואט־געזעלשאפט, וואס האבן איצט געארבעט אויפן ענגלישן חשבון, ארעמע, אויסגעהונ־

גערטע טייוולאָנים, וואָס זענען געווען צופרידן, אַז זיי האָבן געכאַפּט אַ שאַנס און געקענט אַ פּאָר דאָלער פאַרדינען. ער האָט מיט זיי באַלד געשלאָסן באַקאַנטשאַפט, געקויפט זיי פּאַפּיראָסן, איינגעלאַדן זיי צום וויסקי, פריער איינעם און דערנאָך דעם אַנדערן. און אינגיכן האָבן זיי זיך שוין באַצויגן צו אים אַזוי, ווי ער האָט עס געוואָלט. זיי זענען אים שוין מער נישט נאָכגעקראָכן אומעטום, און זענען געווען זייער צופרידן, ווען ער האָט זיי יעדן טאָג אויפגעשריבן, וואוהין ער איז געגאַנגען און געפאָרן. אַזויערנאָך האָבן זיי זיך איינגעשפּאָרט די רייזע־הוצאות, וועלכע זיי האָבן שפּעטער גאַנץ שיין אָפּגערעכנט דער געזעלשאַפט. טראַמווייען, אונטערערדישע באַנען, אָמניבוסן און טאַקסיס — דאָס איז געווען אַ גאַנץ היפּשער פאַרדינסט. און זייער באַריכט איז תמיד געווען אין בעסטן אָרדנונג, אַלץ האָט געשטימט אויף אַ האָר — אחוץ ווען ער פלעגט אַמאָל האָבן עפּעס צו טון, וואָס זיי האָבן נישט געברויכט צו וויסן, דעמאָלט איז דאָס נישט געשטאַנען דערין. אָבער דאָס איז געווען גאַנץ זעלטן. אויך וועגן זיינע באַזוכערס האָבן זיי געקענט טיילמאָל באַריכטן, אַלץ וואָס געווען ס׳איז גאַנץ אומשולדיק, האָבן זיי זיך געגנוי דערוווסט. אַזויערנאָך זענען זיי געוואָרן זיינע פריינט און מיטהעלפערס, וועלכע זענען תמיד גרייט געווען צו טון, וואָס ער האָט נאָר פאַרלאַנגט, וועלכע האָבן אים באַוואַכט, ווי ס׳איז געווען זייער אויפטראַג, ווי טרייע הינט זענען זיי געלעגן פאַר זיין טיר, און וואָלטן אים זיכער געוואָרנט פאַר יעדער סכנה.

מ׳האָט אים צוגעשיקט פאַרשידענע מינים מענטשן, מיט וועלכע מ׳האָט גאָרנישט געקענט אָנהויבן, דערפינדער, פאַנטאַסטן, מענטשן, וואָס האָבן געהאַט משונהדיקע אידעען, אָדער ווילדע, וואַנזיניקע געדאַנקען. משוגעים מיט גרויסע הערצער און קליינע קעפּעלעך, און דאַן ווידער שווינדלער און פּראָוואָקאַטאָרן. אַלץ האָט מען אים אונטערגערוקט. ער איז געווען דער אומפאַראַנטוואָרטלעכער.

ס׳איז געקומען אַן אַלטער מאַן, וועלכער האָט געהאַט דערפינדן אַ מין פּולווער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן, בעת ער איז געווען נאַס. ער איז אַריינגעלאָפן אין באָד־צימער, אָפּגעלאָזט אַ פולע וואַנע מיט וואַסער און אַריינגעשאָטן דערין זיין פּולווער. „אַנו,

פרווט נאָר צו פאַרלעשן!" האָט ער טריומפירנדיק אויסגעשריגן. „פרווט נאָר!"

ניין, פאַרלעשן עס האָט פראַנק ברוין נישט געקענט. ער האָט אָפּגעראַטעוועט, וואָס ר'האָט נאָר געקענט, און געלאָזט ווייטער ברענען, וואָס ס'האָט געוואָלט, דאָס באַדמאַנטל און האַנטוכער. „טעלעפאָנירט גלייך!" האָט געמעקעט דער אַלטער. „רופט אַרויס די פייערלעשער! כי, כי! זיי וועלן אויך נישט קענען פאַרלעשן".

פראַנק ברוין האָט שטאַרק נישט קיין חשק געהאַט אַרויסצורופן די פייערלעשער. „פאַרלעשט־זשע איר עס אַליין!" האָט ער געזאָגט. אָבער דאָס איז טאַקע געווען די מעשה: אפילו דער דערפינדער אַליין האָט עס נישט געקענט פאַרלעשן.

„און דאָס איבער לאָנדאָן!" האָט ער געקוויִקעט, „א צענטויזנט טאָן פון מיין פולווער איבער דעם נעפּל־פייכטן לאָנדאָן — פון די צעפּעלינען אַראָפּ! איך מוז זיין דערביי!"

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, און צוגערופן זיין כעמישן זאַכקענער. יענער האָט דערקלערט, אז דעמדאָזיקן פולווער קען מען שוין פונלאַנג און אז מ'קאָן אים זייער לייכט פאַרלעשן, מיט וואַסער טאַקע נישט, אָבער מיט פאַראַפין־אייל אָדער באַפּט.

„א שאָד דאָס באַדמאַנטל", האָט ער געזאָגט.

און דער אַלטער האָט אויסגעשפּיגן. „וואָס גייט מיך אָן אייער באַדמאַנטל? לאָנדאָן וויל איך, לאָנדאָן!"

מ'האָט צו אים געבראַכט אונטערוואַסער־שיפלעך, וועלכע זענען דורכגעשווימען, אויפן פּאַפּיר, אין משך פון א וואָך דעם אַטלאַנטיק אַהין און צוריק. און טאָרפּעדן, זעלטענע, ווונדערבאַרע, מיט וואָס אַמאָל פרישערע צויבער־מעלות. שפּאָט־ביליק, אַלץ אויס ליבע צום אַלטן פאָטערלאַנד: בלויז א קליינער אַדרויף פון א פּאָר מיליאָן. מאַשינען־געווער, וואָס זאָל צעשלאָגן גאַנצע רעגימענטן, גיגאַנטישע האַרמאַטן, וואָס זאָלן אַוועקבלאָזן יעטוועדן פּאָרט כהרף עין. און אויך געוואַלטיקע אַעראָפּלאַנען, וועלכע —

„ווי אַזוי זאָל איך זיי אַריבערטראַנספּאָרטירן?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

מילא, דאָס איז שוין געווען זיין זאַך. זיי זענען געווען דערפינדער, און נישט קיין עקספּעדיטאָרן. ווען ער וואָלט עס שטאַרק

געוואָלט, וואָלט ער עס דורכגעפירט — פאַרשטייט זיך, דאָס איז גאַנץ זיכער! אָבער ער האָט עס טאַקע נישט געוואָלט —

איינער, מיט געלע האָר און שטעכעדיקע אויגן, האָט אים געבראַכט אַ פּלאַן פון אַ גרויסער מאַשין. צוויי אָדער דריי אומגעהויערע, ריזיקע מאָטאָרן, וועלכע מ'דאַרף נאָר איינמויערן ערגיץ אין אַ דייטשישן באַרג-גראָבן. דער מאַן איז לאַנגזאַם אַרומגעגאַנגען, איבערן צימער טריט בײַ טריט, קלוג און באַדעכטיק. די באַן, יאָ, — דאָרט הינטן אין עק, נישט אמת? — נאָר מיט צען הייזער אָפּגערוקט — און דאָ ציטערן די ווענט! דאָס איז עס! און זיין ריזן-מאַשין וועט אויסאיבן אַזאַ ציטערניש, וואָס וועט גאַנצע שטעט אומוואַרפן — אַ הערלעכע ערד-ציטערניש, ווען און ווו ס'וועט אים געפעלן. אויס איטלעכן פון זיינע מאָטאָרן זענען אַרויסגעגאַנגען די געוואַלטיקע כוואַליעס, אומשולדיקע, גאַנץ געלאַסענע, אַזוי לאַנג ווי זיי בלייבן פאַר זיך אַליין. דאָרט אָבער ווו די כוואַליעס טרעפן זיך צונויף און קרייצן זיך, דאָרט מוז עס אויסברעכן — אָט! אויף דעם פּאַפּיר האָט ער אָנגעצייכנט די ליניעס, איינע, נאָך איינע און ווידער איינע: און דאַן ווערט פון פּאַריז אַ חורבה.

דער געלער איז געווען אַביסל מבולבל און נישט גאַנץ זיכער בײַ זיך. „אפשר איז דאָך פאַראַן עפּעס אַ חסרון דערין", האָט ער גערעכנט. „אָבער איך האָב עס נאָכאַנאַנד דורכגעאַרבעט אין משך פון גאַנצע דרייסיק נעכט, און כ'האָב נישט געקאָנט געפונען דעם פעלער".

ער האָט אים פרעגנדיק אָנגעקוקט.

„איך ווייס נישט", האָט געענטפערט פראַנק ברוין.

דער אַנדערער האָט גענומען זיינע פּאַפּירן, האָט געקוקט אויף די צייכענונגען, גענישטערט צווישן די אַלע חשבונות, אַ סך זייטן מיט ווילדע צאָלן. אַ צעשראָקענער האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

„הער דאָקטאָר", האָט ער געפליסטערט, „צי גלויבט איר דערין?"

פראַנק ברוין האָט געזאָגט: „יאָ, איך יאָ! דאָס איז אַזוי גרויס — און אַזוי שיין — דערפאַר גלויב איך דערין. מיט פעלערן — אָדער אָן — איך גלויב דערין".

דער געלער האָט צונויפגעוויקלט זיינע צייכענונגען. „שרעק-

לעך איז עס. שרעקלעך. אפשר האָב איך מיך פאָרט פאַררעכנט. — דאַן איז אויס מיט אַלעמען".

„לאָזט מיר איבער, כ'בעט אייך, דידאָזיקע פאַפירן", האָט געזאָגט פראַנק ברוין. „איך וועל עס געבן אונטערצווזוכן".

אָבער דער אַנדערער האָט נישט געוואָלט. ער האָט אים פאָרגעלייגט געלט — אָבער אומזיסט.

„ניין", האָט ער געזאָגט. „ס'איז נישט צוליב געלט. איך האָב מיר מיין אויסקומעניש — צוועלף דאָלאַר א וואָך. אויב מיין חשבון וועט שטימען, דאַן זאָל עס מיין פאָטערלאַנד האָבן — אַזוי — אָן געלט. אָבער כ'וויל עס פריער נאָכאַמאָל דורכאַרבעטן — אפשר איז עס פאָרט פאַלש".

„און אויב עס איז ריכטיק?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

דער אַנדערער האָט געזאָגט: „דאַן ברענג איך עס ווידער אַהער. אָדער — אָדער — איך — הענג מיך אויף".

דאַן איז ער אַוועקגעגאַנגען. ער האָט נישט אויפגעגעבן זיין נאָמען און נישט קיין אַדרעס. ער איז מער נישט געקומען.

* *

*

און די אַנדערע לייט זענען געקומען, די גאָר ווילדע. די וואָס האָבן געוואָלט דעראָבערן קאַנאַדע מיט צוועלף שווערטן און זעקס ביקסן, וועלכע האָבן געוואָלט אונטערלייגן דינאַמיט אונטער די געביידעס און בריקן! די וואָס האָבן געוואָלט מיט פלי־אַפאַראַטן איבער די אַמוניציע־פאַבריקן אַריבערפליען און זיי מיט גראַנאַטן אינדערלופטן אויפרייסן. טייל ערלעכע לייט מיט וואַרעמע הערצער, וועלכע זענען גרייט געווען אַלץ צו טון און אוועקצוגעבן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַר דייטשלאַנדס - וועגן. און ווייטער פּחדנישע אוואַנטוריסטן און אַגענטן, באַצאָלטע און נישט באַצאָלטע, וועלכע האָבן אים געוואָלט אַריינכאַפּן אין זייער נעץ אַריין.

איינער איז געקומען, וועלכער האָט גאָרנישט געוואָלט, נאָר בלויז רעדן. א ווינער איז ער געווען, אַן אָרעמער נפש, וועלכער האָט געגרימפּלט אויף אַ פידל. ער האָט אויפגעוויקלט א פּאַקעט, אַרויסגענומען הונדערטער אויסשניטן פון צייטונגען. אַלץ פרעכע

שקרים און מיאוסע רכילות אַקעגן דייטשלאַנד און עסטרייך-אונ־גארן, אַקעגן ווין און בערלין און די צוויי קייזערס.

„וואָס זאָל איך טון דערמיט?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„אָטאָ־דאָ — דאָ", האָט אויסגעשריגן דער מוזיקער. „הערט זיך נאָר איין —"

„איך ווייס אַלצדינג", האָט איבערגעריסן פראַנק ברוין. „דריי און צוואַנציק בלעטער מוז איך לייענען טאָג-טעגלעך! — זאָגט־זשע מיר, וואָס קאָן איך פאַר אייך טון?"

דער ווינער האָט גענומען רעציטירן: „אונדזער אָרעמער קייזער, פראַנצל, איז אַזוי אַלט און קראַנק. זיין פרוי האָבן זיי אים דערמאָרדעט און אויך זיין איינציקן זון. און איצט דעם טראָן־יורש און —

זיצט ער נעבעך אַליין אין זיין שלאָס, גאַנץ אַליין, און וויינט. די רוסן ברענען די דערפער אין בוקאָווינע און אין גאַ־ליציע, די סערבן רייסן זיך אַריבער איבער דעם דונאַי, פון אומעטום אַנטלויפט מען פאַר דער מאכט פון טאָפּעלן אָדלער. אַזוי שטייט אין די בלעטער.

און דער אָרעמער פראַנצל איז אַזוי קראַנק און אַזוי אַלט, זיצט אין שענברונער שלאָס, גאַנץ אַליין און וויינט. וויינט — דורך די גאַנצע צייט, וואָכן און חדשים —

ווען מ'זאָל אים עפּעס קאָנען אַהינשיקן, וואָס זאָל אים דער־פרייען דאָס האַרץ! אַז דער ליבער, אַלטיטשקער האַר זאָל כאָטש אַמאָל קענען אַ לאַך טון!

צי ווייסט ער נישט אַמאָל? עפּעס אַן עקסטראַ זאַך — עפּעס אַזוינס, וואָס קיין אַנדערער האָט נישט?

ניין, פראַנק ברוין האָט אויך נישט געוווּסט.

אָבער, אויב מ'זאָל פאָרט עפּעס געפינען — צי וואָלט ער עס געקענט איבערשיקן? מיט דער זיכערקייט, אַז די ענגלענדער וועלן עס נישט צוגנבענען?

אַ געשאַנק פאַרן קייזער? אָ, יאָ, דאָס וואָלט מען געקאָנט! דאָס האָט ער צוגעזאָגט.

„איך וועל שוין עפּעס אויסזוכן!" האָט געזאָגט דער פידלער. — דאַן איז ער אַוועקגעגאַנגען.

אין אַ וואָך שפּעטער האָט אים פראַנק ברוין געזען אין

דער פּאָליציי־קאָמענדע: מ׳האָט אים געהאַט אַרעסטירט פאַר אַ גנבה. ער איז געוואָרן פאַרהערט, גאַנץ שאַרף — דאַן האָט ער אויך זיין נאָמען אויפגעגעבן אַלס עדות.

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר איז אויף אים אַרויס: „נו, דערציילט־זשע, וואָס ווייסט איר וועגן דעם? מיר האָבן שוין אויף אייך לאַנג א חשד! איר זענט פאַרמישט אין יעטווידער דייטשער פאַרשווע־רונג! איר האָט אויך מסתּם דאָ צוגעהאָלפן בײַ דעמדאָזיקן נאַ־רישקייט: איר האָט געוואָלט די חיה אַריבערשיקן!”

ער האָט געלאַכט מיט אַ גוט, אירלענדיש געלעכטער.

„וואָס פאַר אַ חיה?” האָט געפרעגט פראַנק ברוין. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט געהאַט צו טון מיט אן אירלענדער. דאָ האָט עס נישט געקענט ווערן אזוי געפערלעך.

„דעם היפּאָפּאָטאַם!” האָט אויסגעשריגן דער קאָמיסאַר.

ער האָט געשריגן און געלאַכט, און דער פידלער האָט גע־ווײנט און געשלאָכצט. עס איז נישט געווען גאַנץ לײַכט די מעשה אַרויסצוברענגען.

אַזוי איז עס געווען:

דער אָרימער מוזיקער איז אַוועק אין צענטראַל־פּאַרק, צו דער מענאַזשעריע — פּאַרטאָגס, ווען ס׳איז נאָך געווען גאַנץ טונקל. האָט אַריבערגעקלעטערט איבער די אייזערנע קראַטן צו די היפּאָ־פּאָטאַמען, פאָטער, מוטער און דריי־חדשימדיק זשרעבעקל האָט ער געוואָלט צוגנבענען און לעבעדיקערהייט איבערשיקן צו דעם קייזער. דער ליבער, אַלטיטשקער האַר מוז זיך אַ ביסל צעשטרייען.

אָבער די היפּאָפּאָטאַמען פון צענטראַל־פּאַרק האָבן אַ זייער גראָבע הויט און האָבן נישט קיין שום געפיל פאַרן גאָלדענעם האַרץ פון דעם ווינער. אָ ניין, סענטימענטאַל זענען זיי נישט. גוטמוטיק אפשר — אָבער ווען מ׳וויל בײַ זיי אַוועקרויבן זייער פּרינצל, דאַן ווערן זיי בייז. זיי האָבן אויפגעהויבן אַזאַ מוראדיק זעברילן און אַזוי אויפגעריסן די מײַלער, אַז ס׳איז דעם אָרימען פאַרשוין באַפאַלן אַן אימה און ס׳האָט אים שוין אינגאַנצן באַנג געטון די מעשה. דאַז האָט ער גענומען שרייען און הויך צו יאָמערן — גאָט צו דאַנקען! דאָס האָט אים אָפּגעראַטעוועט. אַזיסטן וואָלט ער שוין געווען — אַלס קרבן פאַרן קייזער — צעקוועטשט, צע־

ביסן און צעמאַלט דורך די צוויי חיות, — אַזוי אַרום איז ער אָנ־געקומען צו דער פּאָליציי.

דער קאָמיסאַר האָט אים געלאָזט באַטראַכטן דורך אַ פּאָר דאָקטוירים, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז ער איז גייסטיק קראַנק און דאַן האָט ער אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי.

דער קאָמיסאַר איז געווען אַן אירלענדער און האָט ליב געהאַט די דייטשן. ער האָט זיי באַוואונדערט.

„נאָר איין זאַך קענען זיי נישט" — האָט ער געזאָגט. „לגמרי נישט — דאָס דאַרפן זיי זיך לערנען בא אונז! — אַלס פאַרשווערער זענען זיי די גרעסטע שלימזלן, און טויגן זיך לחלוטין נישט דערצו!"

*

*

די פּאַרסטין האָט ער שוין מער נישט באַגעגנט. ער האָט אָנגע־קלונגען צו איר, זי איז אָבער נישט געווען אינדערהיים; האָט ער איבערגעגעבן דעם דינסטמיידל זיין נאָמען און דעם נומער פון טע־לעפאָן. ער האָט געוואַרט, אָבער די זינגערין האָט צו אים נישט געקלונגען. נאָר אין דער אָפּערע האָט ער זי געזען, אויף דער בינע. ער האָט איר אַריינגעשיקט בלומען אין דער גאַרדעראָב, גרויסע אָרכידעען. און אויך זיין וויזיט־קאַרטל מיט אַ פּאָר ווערטער. דער דינער איז צוריקגעקומען און געמאָלדן:

„זי האָט געהאַלטן די בלומען פאַר איבעריק און זיי אוועק־געוואָרפן אין ווינקל אַריין".

שלעכטע שטימונג, האָט ער געטראַכט, בינע־פּאַרדראָס. אָבער ס'האָט אים פּאָרט געקרענקט. — פאַרוואָס עפּעס? צי האָט ער זי באַליידיקט? — און מיט וואָס אַזוינס?

ער האָט נישט געקענט דערגיין. — אָבער איינמאָל איז געקומען צו גיין לאָטע. זי האָט צומאָל נישט אויסגעטון דעם פּעלץ, אָנגעכאַפּט זיין האַנט און אים גלייך מיטגענומען אין איר אויטאָ. בעת ער האָט געוואָלט עפּעס רעדן, האָט זי אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויף די ליפּן — אַ פיינע, ווייכע, לעדערנע הענטשקע, וואָס האָט געשמעקט פון פּערפום.

„פרעג נישט מער!" האָט זי געזאָגט. „איך וויל דיך — ווי כ'האָב דיך תמיד געוואָלט — אויך אַזוי —"

ער האָט איבערגעחזרט: „אויך אַזוי!? וואָס הייסט עס? — צי ביסטו אייפערזיכטיק, לאָטע? און ווער האָט עס דיר דער־ציילט — וועגן דער זינגערין?"

אַ ניין, זי האָט קיינזאַך נישט געוווּסט. אָבער איצט האָט ער געמוזט דערציילן אַלץ און גאַנץ גענוי. זי האָט זיך אייגע־האָרכט שטיל, לייכט אָטעמענדיק.

„ווי אַזוי ביסטו אַוועק פון איר?" האָט זי אים געפרעגט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שאַרפן, פאָרשנדיקן בליק, ווי אַ קלוגער דאָקטאָר. „צי האָסטו זי געקושט — צום אָפשייד?"

ער האָט זיך צעלאַכט. „אוועקגעלאָפן בין איך, לאָטע! איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — בעת זי איז געשלאָפן — און בין אַוועקגעלאָפן. אַזוי ווי באַ דיר, לאָטע!"

„צי האָסטו זיך מיט איר שפּעטער געזען?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. האָט געזאָגט, אַז ער האָט צו איר געקלונגען, האָט איר בלומען געשיקט. — „דאָס איז זיכער; זי האָט מיך געוואָלט אין יענער נאַכט. — אָבער עס זעט אויס, אַז מער האָט זי שוין נישט געוואָלט וויסן פון מיר".

פרוי וואַן נעס האָט אָפּגעזיפצט. עטוואָס שפּאָטיש און דאָך מיט מיטלייד. זי האָט געזאָגט. „איך קען זיך דאָס פאָרשטעלן".

ער האָט נישט פאַרשטאַנען. „וואָס אַזוינס?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ וואַרעמען בליק און מיט גרויס ליבע. זי האָט אַראָפּגעצויגן איר הענטשקע און אַריינגערוקט איר קליין הענטל אין זיינע הענט אַריין.

זי האָט געזאָגט: „דו דאַרפסט נישט האָבן קיין אַנדערע פרוי, קיין שום אַנדערע, דו הערסט? איך בלייב דיינע — נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם!"

ער האָט פעסט אָנגענומען איר הענטל. ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געוואָלט לאַכן, אָבער ר'האָט נישט געפונען דעם טאָן.

„וואָס איז דען?" האָט ער אויסגערופן.

דאָן האָט זי געפרעגט; „צי ווייסטו עס נישט?"

ער איז געוואָרן בייז. „אָבער קיינזאַך נישט, אַבסאָלוט גאָרנישט! ווען דו וואָלסט סוף כּל סוף געוואָלט אַזוי גוט זיין און מיר דערקלערן —"

אירע פינגערשפּיצן האָבן געפּולסירט, ער האָט גאַנץ גוט געשפּירט, ווי איר בלוט האָט געשלאָגן, אַזוי לייכט און וואַרים, אין זיין הויט. אין וואַרימע פּאַליעס, קליינע, שנעלע פּאַליעס.

„דו ווייסט עס נישט?!" האָט זי איבערגעחזרט. „גוט — גוט!" און פּלוצלינג; „צי ביסטו נאָך אַזוי מיד — אין דער לעצטער צייט?"

איר פּולס האָט אים פעסט געהאַלטן, — דורכגעשטראָמט אים מיט ווייכער לוסט. זי האָט עס גוט באַמערקט און נאָך שטאַרקער געפּרעסט זיין האַנט.

„מיד!" האָט ער געענטפערט. „אַ ניין — איצטער נישט, ווען דיין בלוט שלאָגט הייס אָן מיין קערפּער". — ער האָט געשעפּטשעט: „גלייך ווי ס'וואָלט געוואָלט אַריינדרינגען".

זי איז צוגעשטאַנען: „אָבער אַזיסטן — צי ביסטו מיד? זאָג, מיין פריינט".

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. האָט בלויז געשפּירט, געשפּירט. ער האָט געמורמלט: — אַזיסטן? — אָך יאָ — אַמאָל — טיילמאָל".

און לאָטע לעווי האָט געזאָגט: „איך וויל דיך היילן, דו ווייסט? און — תּמיד אויפסניי! — איך בין דיין וויין — טרינק!"

* *

*

זי איז געלעגן אויף אירע קישנס אין דעם פורפורנעם קי-מאָנאָ. זיינער איז געווען פּיאָלעט, און ער איז געזעסן פאַר איר מיט פאַרלייגטע פיס. האָט געריכערט קליינע יאַפּאַנישע פּיפּקעס, גאַנצע טוצן. איין צי, איינער נאָך — און דערנאָך דאָס הילכיקע אָפּקלאַפּן אָן דעם בראָנזענעם ראַנד פון אַש-בעכער. און ווידער — קליק! — און נאָכאַמאָל.

כלערליי צירונג איז געלעגן פאר איר — אַזויפיל צירונג. רינגלעך און קייטלעך, בראָשן, אָרעם־בענדער און אויערינגלעך. דיאַדע־מען, קלאַמערס און נאָדלען. גאָלדענע פושקעס און איינגעפאַסטע אין עמאַליע, לויזע שטיינער, פערל און געממען. זיי האָבן זיך גע־שפּילט מיט זיי.

„קום אַהער, מיין פריינט", האָט זי געזאָגט. „איך וויל דיך באַצירן. מאָרגן דאַרפסטו רעדן אין קאָרט־טעאַטער, דאָס וועט דיר געבן גליק. גיב אַהער דיין האַנט".

זי האָט אַרומגעזוכט צווישן אירע רינגען, גענומען אַן אינ־דישן, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן אַקוואַמאַרין. אָבער זי האָט אים צוריק אוועקגעלייגט.

„דעם?" האָט זי געזאָגט צווייפלדיק. „ניין, דעם נישט. העל־גרין אָבער ער שטעכט נישט, ווי ס'טוען דיינע אויגן, בעת עס באַווייזט זיך אין זיי אַ געלער שיין, אָנשטאָט דעם בלאָען". — זי האָט גענומען אַן אַנדערן רינג, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגע־פינקלט אַ בעריל, „אָט־אָ־דעם נעם. ער איז פונקט אזוי דיין שטיין, ווי יענער".

„ניין", האָט ער געזאָגט. טאָפּאַז איז מיין שטיין, איך בין געבוירן געוואָרן אין נאָוועמבער".

זי האָט זיך צעשמייכלט. „דו ביסט זיך טועה! — דיין שטיין איז דער סקאָרפּיאָן — דו שטעכסט". זי האָט פּלוצלינג אַ ציטער געטון און געוואָרן כמעט ערנסט, בעת זי האָט אַרויפגעזעצט דעם רינג אויף זיין פינגער. „תמיד טרעפט עס צו", האָט זי געפּליס־טערט „און אומעטום — מערקווירדיק".

„וואָס טרעפט עס צו?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט אָפּגעווונקען. „אַ, גאָרנישט, גאָרנישט! דיין שטערן־חיה שטעכט פונקט ווי דו".

ער האָט זי פאַרחידושט אָנגעקוקט. „איך שטעך?"

זי האָט געגלעט זיינע פינגער. „יאָ, יאָ! דאָס טוסטו, דו מוזט עס טון, מחמת אזוי שטייט אין דיינע שטערן". זי האָט אַרום־געזוכט צווישן אירע קאַמעען, אויסגעקליבן אַ קליינע, אין וועלכער ס'איז געווען אויסגעקריצט אַ סקאָרפּיאָן. „לייג עס אריין אין קע־שענע. פאַרליר עס נישט. דאָס וועט דיך מאַכן שטאַרק".

זי האָט אים געוויזן דעם שטיין, דאָרט איז געשטאַנען אַ קליינע "J" אונטער דעם שטערן־בילד.

וואָס באַטייט דאָס?" האָט ער געפרעגט.

"יוסף", האָט זי געזאָגט, "דאָס ביסט דו". זיינע אויגן האָבן די אָנגעקוקט פרעגנדיק, און זי האָט געענטפערט. "יאָ, יוסף, דער שטאַרקסטער פון די צוועלף ברידער. דער וואָס האָט געהאָלפן זיין פאָלק — אין פרעמדן לאַנד. דאָ — אין אַמעריקע — דו — דיין דייטשישן פאָלק. נעם־זשע עס צו!*

ער האָט זיך צעלאַכט. "יוסף — איך?! אַזוי גוט בין איך עס בייגעשטאַנען דיין רייך?"

אָבער זי האָט נישט מיטגעלאַכט. זי האָט שטאַר געקוקט פאַר זיך און געשוויגן אַ לאַנגע ווײַלע. דערנאָך האָט זי פּאַמעלעך געזאָגט: "ווידער שטימט עס, און תמיד אַזוי, אין אַלעם, וואָס ס'האָט אַ שייכות מיט דיר". זי האָט צוגעטראָגן די קאַמעע צו די ליפּן און זי געקושט. "בעת איך האָב זי געהייסן אויסשניצן, האָב איך כסדר געטראַכט וועגן דיר. שוהם הייסט דער שטיין פון שבט יוסף. דאָס איז דער בעריל און אויך דער נאָוועמבער־שטיין, דער שטיין פון סקאָרפּיאָן — דערפאַר האָב איך געגעבן דיין שטערנבילד יוספס צייכן". זי האָט אים דערלאַנגט די קאַמעע, און ער האָט זי צוגענומען. "היט זי גוט אָפּ", האָט זי פאַרגעזעצט, "היט זי גוט אָפּ! — איך האָב זי דעמאָלט געלאָזט אויסשניצן צוזאַמען מיט עלף אַנדערע שטיינער — אין ווענעציע. בעת דו ביסט פון מיר אַנטלאָפן צום דריטן מאָל"

ער האָט געפּרוווט צו שפּאַסן: "צי בין איך טאַקע געווען אַזוי צניעותדיק? — צי האָב איך דיר נישט אַמאָל איבערגעלאָזט מיין מאַנטל?"

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן. "דיין מאַנטל טאַקע נישט, אָבער דיין גאַרטל האָסטו פאַרגעסן. — ווילסטו אים זען? — און צניעותדיק? אָך, איך ווייס נישט, צי דו ביסט נישט אומשולדיק — אפילו אין דיינע ווילדסטע זינד?"

זי האָט גענומען אין האַנט אריין דאָס גאָלד און די שטיינער, האָט אַרויסגענומען שטראַלנדיקע שמאַראַגדן, אין רייפן און אין רינגען איינגעפאַסט. און זי האָט פאַרגעזעצט. "צניעותדיק — דאָס איז — אומבאַוווסטזיניק! דו ביסט אומבאַוווסטזיניק".

„איך בין נאָך צופיל באַוווסטזיניק — האָט ער געענטפערט.
זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין, דו ווייסט נישט, וואָס דו טוסט; דיינע נערוון טוען — און דיין מוח ווייסט נישט דער־פון. דו אַנטלויפסט פאַר זיך אַליין, בעת דיין מוח שפּירט נאָך נישט, וואָס מיט דיר געשעעט. אַזוי איז עס — און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס דו בלייבסט תּמיד יונג. זי האָט זיך לייכט צע־לאַכט, און דאָס האָט געקלונגען ווי דער קלאַנג פון אַקאַציע־בליעכץ.

„דו ביסט נישט קיין פּרוקפּערער, קיין באַפּרוכטנדיקער, דו נישט! דו ביסט ערד, ביסט פרוי און מוטערלייב. אַלץ נעמסטו אויף, אַלץ באַפּרוכטעט דיך, ליבנדיק און מיט כּוח, מיט דיין ווילן און קעגן אים. ווי די ערד ביסטו".

ער האָט געזאָגט: „די ערד איז אַן אַלטע זונה".

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אָ, יאָ — אַזוי ווי דו. — און זי איז פּאָרט אומשולדיק איטלעכן ייִנגן פרימאָרגן — ווי דו!"

„ביסט דו בכן די זון" — האָט ער געזאָגט, און ס'האָט געקלונגען פייערלעך און שפּאַסיק צוגלייך. „שטראַל־זשע", האָט ער געזונגען, „וואַרעם, באַפּרוכפּער!"

זי האָט געהאַלטן שמאַראַגדן אין ביידע הענט, געוויגן זיי אַרויף און אַראָפּ.

„די זון", האָט זי אָנגעהויבן, „די זון? — ניין. — די לבנה אפשר. זי שאַפט צופלייץ און אָפּפלייץ, זי גיסט אַריין בלוט אין דער ערד. און דאָס דאַרפסטו טאַקע, דו קינד פון דער ערד".

זי האָט אים געוויזן די גרינע שטיינער. „קוק, ווי זיי בליצן! איך האָב זיי געקויפט אין קאַלאַמבאַ, בא מאַהאָוועד באַכיר, וועגן וועמען דו האָסט מיר דערציילט. הער סידניי וואַן נעס האָט פאַר זיי באַצאָלט, מיין מאַן, דערפאַר בין איך געשלאָפן ביי אים אין יענער נאַכט".

זי האָט געוואַרט מיט האַלב־געשלאָסענע אויגן, און זעענדיק דאָס לייכטע צוקן פון זיינע נאָזלעכער, האָט זי געזאָגט: „טוט דאָס דיר וויי?" און זי איז צוגעשטאַנען: „יאָ? — יאָ? קרענקט עס דיך? איך האָב מיך פאַרקויפט צו אים — איינמאָל און נאָכאַ־מאָל — גאַנץ אָפט! אָ, ער איז געווען אַן אָרנטלעכער בירגער — ער האָט געגלייבט, אַז ער קויפט זיין ווייב, האָט צומאָל נישט גע־

זאָט, אַז אַ זונה ליגט אין זיינע אָרעמס. אָבער דו זאָלסט עס וויסן — דו! דיין געליבטע בין איך געווען — דיין פרוי — מתחילת אָן. און איך בין געשלאָפן מיט אים — אַ זונה — רייך און גרויס — אָבער פאָרט אַ זונה — פאַר בריליאַנטן און גאָלד! דו האָסט מיך געמאַכט פאַר אַזעלכע — דו —! האָסטו עס געוואָלט — ? אַ, ניין! דו ווילסט גאָרנישט — דו האָסט עס געלאָזט אַזוי געשען. עס האָט דיך טאַקע געאַרט, ווי געטון, געמאַכט דיר בלוטיקע ווונדן — און דאָך, דאָך — עס האָט דיך געררייצט, געקיצלט, ווי די שמיץ פון פרויען־הענטלעך. צי איז עס נישט אַזוי? אפשר וועט עס דיר אַמאָל צונוץ קומען צו אַ געדיכט — אפשר גאָר אַלס וויץ אָדער אַלס פּאַראַדאָקסאַלער געדאַנק. דאָס איז גענוג פאַר דיר, דאָס אַליין. און דערפאַר גייסטו־דורך — און דו באַמערקסט עס נישט — דורך אַלע ענויים און יסורים, און טרעטסט מיט אַ לייכטן טריט איבער גוססדיקע נפשות. אָ! דו זייער אומשולדיקער!”

זי האָט אַוועקגעוואָרפן די שטייגער, און אַראָפּגעריסן פון זיך מיט ביידע הענט דעם קימאָנאָ. זי איז געזעסן אויף די קישנס, הויך אויסגעגלייכט אין דינעם העמדל באַזוימט מיט שפּיצן.

„ציר מיך אויס”, האָט זי געלאַכט. „נעם די שמאַראַגדן. נאָר די שמאַראַגדן און נישט קיין אַנדערע. מיינע שטיינער. און ציר מיך אויס”.

ער האָט איר אָנגעטון די רינגען אויף די ראָזיקע פינגער, און די גרינע בענדער אויף די נאַקעטע אָרעמס. גרויסע אויערינגען האָט ער איר אַריינגעשטעלט אין די אויערלעפּלעך. האָט איר פאַרלייגט אויפן האַלז די שמאָלע קייט, און נאָך צוויי לענגערע, ברייטערע דערלעבן, וועלכע זענען אַרונטערגעפאַלן איבערן נאַקן און ברוסט. האָט איר אַרויפגעזעצט די שטראַלנדיקע שמאַראַגדן־קרוין אויף די רויטע האָר.

ער האָט איר אַראָפּגעצויגן די שיך און די זאָקן. האָט איר אָנגעטון די גרינע רייפן אויף די פיס, און רינגלעך אויף ביידע גרויסע פינגער.

„ברענג די קאַראַפקע”, האָט זי געזאָגט, „די גרויסע, געשליפענע — קרעם דע מענט”.

ער האָט זי געבראַכט און אָנגעפילט די גלעזער. „ט־ינק אויס!” האָט זי געלאַכט. „דאָס איז גרין — גרין ווי נאַסע לאָנקעס

אין אַ יוני־פרימאָרגן. דאָס איז מיין לבנה — ווען דער קרעבס הערשט אין צאָדיאַק*). גרין — פיל־אָן נאָכאַמאָל און טרינק! — גרין ווי דער שטיין פון מיין חודש: דער שמאַראגד. דאָס איז דער ברקת, דער ערשטער פון דער צווייטער ריי אין מיין פלאַט און צוגלייך דער שטיין פון מיין אַלטן שטאַם: ס'איז דער שטיין פון שבט לוי".

זי האָט אַוועקגעשטעלט איר גלעזל, האָט בענומען אַ גרויסע פושקע פון גינגאָלד, מיט סאַפירן באַזעצט. האָט זי אויפגעעפנט, אַרויסגענומען אַ זעלטענע פּלאַטע. פּירעקיק איז זי געווען, אַ טפח די הויך און אַ טפח די ברייט. די פלאַטע איז געווען פון אַלטן גאָלד, ציזעלירט מיט זילבער און קופּער, אַ גאָלדענער רינג איז געווען אויף יעדן עק פון דעם שילד און פון ביידע אויבערשטע רינגען זענען אַראָפּגעפאַלן קליינע גאָלדענע קייטלעך. איינס האָט אויסגעזען אַלט, אָבער דאָס צווייטע איז געווען בפירוש נאָכגעמאַכט ערשט מיט עטלעכער יאָר צוריק. און זיי זענען אויך געווען די שמאָלע, בלאָ־גרינע זיידענע בענדער. צוויי פון זיי האָבן זיך פאַרענדיקט מיט גאָלדענע קייטלעך, ביידע אַנדערע זענען געווען באַזעצט מיט צוועלף פאַרשידנפאַרביקע שטיינער.

פיר שורות, און צו דריי שטיינער אין אַ שורה, אָבער איט־לעכער שטיין האָט געטראָגן אין העברעישע אותיות די נעמען פון יעקבס קינדער. „דאָס איז אָניקס, דער יהלום" האָט זי דער־קלערט, „דער יולי־שטיין פונם לייב: זבולון פירט אים. און ראובן האָט דעם אודם, דעם וואָס מיר רופן־אָן קאַרנעאָל, אים שיצט די יונגפרוי. בנימין האָט באַקומען ישפה, דעם יאַספּיס און דעם באַראַן. גד די צווילינגען און דעם שבו, דעם אַגאַט. שמעון האַלט די וואָגשאָל, אים באַצירט דער כריזאָליט — — פטדה הייסט ער. — אַך, מיין פאָטער פלעגט עס מיר גאַנץ אָפט ווייזן — אין אַן ערב יום־טוב, אַזוי איז שוין געווען זיין מנהג צו פייערן יום־טובים".

פראַנק ברוין האָט געקוקט פאַרחידושט: „דיין פאָטער? און איך האָב כלל נישט געוווּסט, אַז ער האָט זיך דאָרט געזאָרגט וועגן יידישע ענינים!"

זי האָט זיך צעשמייכלט. „דאָס האָט ער טאַקע נישט געטון — געוויס נישט. ערשט איך האָב דאָס געטון — ווייל דו האָסט עס

---

*) חיות־קרייז פון די הימלישע מזלות. —

מיך אויסגעלערנט — און ווייל דער קרעבס איז מיין שטערן-חיה, וואָס לויפט צוריק אין דעם ווייטן עבר. מיין פאָטער — אָט דידאָזיקע פּלאַט איז געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט אים אינטערעסירט אין יידנטום — און נאָר צוליב די שטיינער, און נישט צוליב ירושלים. — מחמת דאָסדאָזיקע, זעסטו, איז אַ היילקטום״.

זי האָט אויפגעהויבן די גאָלדענע פּלאַט, האָט זי אַרויפגעלייגט אויף איר ברוסט אונטער די שמאַראַגד-קייטלעך, האָט אים געהייסן צושנירן די בענדער איבער די אַקסלען און רוקן. זי האָט אראָפּגעצויגן דאָס העמדל: נייגעריק ווי צוויי ווייסע קעצלעך האָבן אַפּערגעקוקט אירע ברוסטלעך אויף די בונטע שטיינער.

„אַ היילקטום״, האָט זי זיך צעלאַכט, „ווען — ס׳זאָל נאָר זיין עכט! און אפשר איז עס עכט, ווער קען עס דען וויסן? אַ סך הונדערטער יאָרן האָט זיך דאָס געפונען אין דעם טאַטנס משפּחה, און געוואַנדערט מיט איר צוזאַמען איבער גאַנץ אייראָפּע. — וואָס וואָלט געזאָגט די איסט-סייד, ווען מ׳וואָלט דאָרט געוווּסט, אַז דאָס געפינט זיך איצט אין הודסאָן: חושן המשפט! גיב נאָר אַ טראַכט: צוויי מיליאָן יידן לעבן דאָ און קיין איינער ווייסט נישט וועגן דעם!״

„וואָס איז דאָס דען אייגנטלעך?״ האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

זי האָט געפויקט מיט די ראָזיקע נעגל אויף דער פּלאַטע. „אַ היילקטום״, האָט זי איבערגעחזרט, „אַ גרויס היילקטום! דאָס איז דער חושן פון כהן-גדול! — ווי קליידט עס מיר?״

„עס שיינט מיר״, האָט ער געזאָגט, „אַז עס ברענגט דיך נישט אַריין אין קיין זייער הייליקער שטימונג — דיין גרויס היילקטום״.

„ניין״ — האָט זי זיך צעלאַכט, דאָס טאַקע נישט. איך בין פון כוהנים-שטאַם און דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט: גייסטלעכע צווישן זיך! אָבער אפשר. —״ זי איז פּלוצלונג ערנסט געוואָרן און איר הויכע קלינגנדיקע שטים איז געוואָרן טיפער — „אפשר, ווייסטו, איז דידאָזיקע זאַך נאָך העכער! — איך האָב דורגעשטודירט אַלץ, וואָס כ׳האָב נאָר געקענט געפונען וועגן דעם חושן פון דעם כוהן-גדול — און קיין שום באַשרייבונג שטימט אַלץ נישט מיט מיינעם דאָ. דער מדרש רבה דערציילט וועגן אים און

יוסיפוס פלוויוס. מיין חושן אָבער איז אנדערש". — זי האָט אים אָנגענומען בא דער האַנט, צוגעצויגן אים צו זיך און איר שטים איז אַראָפּגעזונקען אין אַ שטיל שעפּטשען. „קוק, קוק—ער איז קלענער, אַ סך אומאָנזעעוודיקער. נישט אַזוי קאָסטבאַר, אָ ווייט נישט! מיין שטיין, דער ברקת, איז נאָר אַן אָרעמער פעלד־שפּאַט — אָבער ער איז גרין, ווי דער שמאַראַגד. און יהודהס שטיין, דער נפך, איז נישט קיין רובין, טו אַ קוק, אָטאָ דער: אַ ביליקער גראַנאַט איז עס! דאָ איז אַ ברוינער אַגאַט, אַנשטאָט יששכרס סאַפיר, און דאָ אַ מאַלאַכיט אויפן אָרט פונם בעריל. און דאָס באַטייט, מיין פריינט: מיין חושן איז נישט פון צווייטן בית־מקדש, ער האָט נישט באַצירט דעם כּהן־גדול; ער איז דער אַלטער, אוראַלטער חושן, פון וועלכן עס דערציילט די תּורה, דער פון מיין שטאַם־פאָטער: אהרן!"

זי האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַ מאָדנער געצוווּנגענקייט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, גלייך ווי זי וואָלט זיך פון עפּעס מוזן באַפרייען. „און דאַן", האָט ער ראַש געפרעגט, „דער אָדער יענער חושן — וואָס איז די נפקא מינא?"

זי האָט גענומען זיין קאָפּ איןביידע הענט אַריין, אים צוגעצויגן צו זיך אַזוי נאָענט, אַז אירע שמאַראַגדן־אויגן האָבן אַריינגעגליט גלייך אין זיינע. „וואָס איז די נפקא מינא? אָ, אַסך אַ סך, דאַן פאַרבאָרגט מיין חושן אין זיך — און ער אַליין נאָר — דעם אורים־ותּומים"

ער האָט זיך צעלאַכט. „אהא — דאָס — דאָס איז עס! און דו, דו ווייסט, וואָס דאָס איז? זינט דעם הייליקן אויגוסטין האָבן זיך טויזנטער געלערנטע די קעפּ געבראָכן איבער דעם — אָבער קיינער האָט דאָס נישט געקענט פּותר זיין!"

„שווייג!" האָט זי אויסגערופן. „שווייג!" איך ווייס עס נישט — פּונקט ווי ס'ווייסן עס נישט אַנדערע. אָבער צי מאַכט דאָס דעריבער קלענער די זאַך? ווער קען דערקלערן די התגלות פון הייליקן יאָהאַן? און דאָך איז זי דאָ אין אַזויפיל שפּראַכן! צי איך ווייס עס, אָדער כ'ווייס נישט — אַלצייגס — דאָ רוט אַ צויבער אויף מיין ברוסט — דאָ, דאָ — אין אהרנס חושן!"

ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געחוזקט: „אויב — ער איז נאָר עכט!"

זי האָט זיך אויך צעלאַכט, האָט זיך צוריקגעוואָרפֿן אויף די פֿאַרביקע קישנס. האָט אויפֿגעהויבן די לינקע קני און אַריבערגעלייגט דעם רעכטן פֿיס איבער איר. האָט געהוידעט דאָס קליינע פֿיסל אויף און אָפּ אַזוי, אַז די רייפֿן האָבן שטיל געקלונגען און די שמאַראַגדן־רינגען האָבן געפֿינקלט אויף אירע גרויסע פֿינגער.

„אויב ער איז נאָר עכט — אָ, יאָ! אָבער טאַקע דערפֿאַר, וואָס איך ווייס דאָס נישט, און וואָס קיינער קאָן עס נישט וויסן — דאָס מאַכט אים מיר ליב. אַזוי גלייב איך — אָ, טיילמאָל נאָר, ווען כ'בין אַזוי געשטימט! — אַז דאָס איז אהרנס וווּנדער־חושן — און דעמאָלט — איז ער פֿאַר מיר עכט! צי ווילסטו וויסן זיין געשיכטע? אין מיין קאָפּ שטייט זי געשריבן און ווייטער אינערגיץ נישט. אין ערשטן בית־המקדש איז ער געלעגן זינט אהרנס טויט, און האָט געטון ווונדער, געגעבן באַשייד, ביז צו דער צייט, ווען בעל איז געוואָרן שטאַרקער ווי יהוה. קיין בבל האָבן געצויגן די בני־ישראל אַלס געפֿאַנגענע שקלאַפֿן און צוזאַמען מיט זיי אַלע אוצרות פֿון דעם צעשטערטן בית־מקדש — בלויז דידאָזיקע קליינע פּלאַט איז איבערגעבליבן; זי איז אַוועקגעגנבֿעט געוואָרן פֿון דעם פֿיינט און איז פֿאַרגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות פֿון טעמפּל דורך די פֿרומע האַנט פֿון איינעם פֿון מיינע אבות. דאָס פֿאָלק ישראל איז צוריקגעקומען, האָט אויפֿגעבויט דעם צווייטן בית־מקדש, געשאַפֿן אַ נייעם חושן, אַ גרעסערן, אַ פּרעכטיקערן, ווי אָטאָ־דער דאָ. אָבער שפּעטער האָט מען געפֿונען דעם אַלטן אונטער די חורבות, מ'האָט איינגעאָרדנט אַ גרויסן דאַנק־פֿעסט, און פֿאַרבאַהאַלטן אים אין משך פֿון גאַנצע יאָרהונדערטער אין ארון הקודש פֿון טעמפּל. ביז טיטוס האָט חרוב געמאַכט ירושלים, און מיטגעשלעפּט קיין רוים אַלע אוצרות פֿון בית־מקדש. דאָרט איז ער געלעגן — אַזוי דערציילט יוסיפֿוס — אין דעם קאָנקאָרדיע־טעמפּל, וואָס וועספּאַסיאַן האָט אויפֿגעשטעלט. גענזעריך, דער וואַנדאַלן־קעניג, האָט איינגענומען רוים און אַריבערגעשלעפּט די אַלע אוצרות קיין אַפֿריקע אַהין. בעת די רויבער־מלוכה פֿון די רויטהאָריקע העלדן איז אונטערגעגאַנגען, האָט בעליסאַר זיך אַוועקגעלאָזט מיטן גרויסן זאַקרויב קיין ביצאַנץ, און קייזער יוסטיניאַן האָט

אוועקגעשטעלט די יידישע אוצרות אין די זאַקריסטיע פון דער האַיאַ-סאָפיאַ. דערנאָך אָבער האָט ער זיי צוריקגעשיקט קיין ירושלים, און מהאָט זי אויפבאַהאַלטן אין דער הייליקער קבר-קירך. — דאָס אַלץ האָב איך געלייענט אין פּראָקאָפּיוס, ווו ס'ווערט געשילדערט די וואַנדאַלן-מלחמה".

„נאָך אַ גאַנץ ווייטער וועג פון דאָרטן ביז מאַנהעטן", האָט ער געזאָגט.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. יאָ, גאַנץ ווייט — אַהין און צוריק — ווי דער וועג פון די יידן! כּוֹרֵי דער צווייטער, דער פּערסישער קעניג האָט איינגענומען ירושלים; ער האָט פאַרשלעפּט אַלצדינג, וואָס דער טעמפּל האָט פאַרמאָגט, קיין קטעסיפאָן, אין דער שטאָט פון די רייכסטע אוצרות, וואָס די וועלט האָט ווען געזען. אָבער נישט לאַנג איז דאָרט געבליבן מיין חושן. אָמאַר, דער אַראַבער, האָט צעקלאַפּט די סאַסאַנידן-מלוכה אויף שטיקער, האָט איינגענומען די הויפּטשטאָט און צוזאַמען מיט איר דעם רי-זיקן זאַקרויב. צי ווייסטו, אַז מ'שאַצט זיין פאַרנומענעם רויב אין דאָזיקן איינעם טאָג אויף העכער טויזנט מיליאָן? אָבער מיינע אָרעמע אַלטע שטיינער האָבן נישט קיין סך בייגעטראָגן דערצו. — דאָס איז ס'לעצטע, וואָס כ'האָב געקענט געפינען אין דער געשיכטע. דאָך איז עס גאַנץ מערקווערדיק, מיין איך. די פאַרע-רער פון בעל האָבן צוגענומען אהרנס חושן, דערנאָך די רוימער, די וואָטאַן-קינדער, די אַריאַנער און ווידער אַנאַסטאַזיאַנער. די פייער-פאַרערער פון זאַראַטוסטראַ האָבן אים צוגערויבט און ענד-לעך מחמדס ווילדע מדבר-פעלקער. און תמיד האָט ער זיך אַלץ אומגעקערט צוריק צום יידישן פאָלק. הער-זשע ווייטער — אָמארס זין האָבן זיך צעטיילט מיט דעם קעניגרייך און אויך מיט די אוצ-רות. הייליק איז געווען דערדאָזיקער קליינער חושן בײַ די מוסול-מענער, פּונקט ווי ער איז געווען בײַ די יידן — אַזויערנאָך האָט אים עפּעס אַ פירשט, אָדער אַ פעלדמאַרשאַל מיטגענומען קיין מצרים. שפּעטער איז ער אָנגעקומען קיין שפּאַניע, געלעגן בײַ-האַלטן אין קאָרדאָווע, אין די שאַצקאַמערן פון די אָמאַיאַדן. דער-נאָך האָבן אים איבערגענומען די קאַטוילישע מאָנאַרכן: איזאַבעלע און פערדינאַנד, בעת אַלהאַמבראַ איז געפאַלן. — זיי האָבן זיכער נישט געלייגט קיין גרויסן אַכט אויף די אָרעמע שטיינער, אפילו

ווען זיי וואָלטן געוווּסט, וואָס זיי באַטייטן. און אַזויערנאָך האָט דעם חושן באַקומען עפּעס אַ הידאַלגאָ, און בײַ אים אָדער בײַ זיינע קינדער האָט עס אָפּגעהאַנדלט אַ יידישער לייבדאָקטאָר, אַ ספּרדישער ייד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מלומד און פיל קריסטלעכע לעבנס אָפּגעראַטעוועט. אַלס דאַנק דערפאַר האָט ער נישט געדאַרפט דינען פאַר קיין ברענענדיקן פאַקל בײַ דעם שייטערהויפן, איז בלויז געוואָרן זייער גנעדיק אויסגעטריבט און ווי אַן אָרעמער בעטלער פון לאַנד אַרויסגעטריבן. אָבער אהרנס חושן האָט ער מיטגענומען, קיין אַמסטערדאַם, אָדער קיין האַמבורג אפשר! — און אַזויערנאָך האָט אים שפּעטער באַקומען איינער פון מיינע עלטער-זיידעס, אַ דייטשישער ייד, ווייל מיין פאָטערס משפּחה זענען אשכנזים. און אַזוי איז ער ענדלעך אָנגעקומען צום ערשטן מאָל, אין דעם יענקי-לאַנד. מיט אַ האַלבער דייטשקע. דאָ זאָל ער העלפן, אויב ער קען עס — דיר און מיר — אַלעם, וואָס ס'איז יידיש, און אַלעם, וואָס איז דייטשיש אויך. און ער וועט עס טון — פאַרלאָז זיך דערויף!״

זי האָט גערעדט מיט אַ געהויבענער שטים, וועלכע האָט געקלונגען זיכער און קלאָר. דערנאָך, אַנידערקניענדיק, האָט זי אויפגעהויבן די פלאַט מיטביידע הענט, צוגעפירט זי צו די ליפן און זי געקושט — מיט פרומקייט כמעט.

ער האָט געחוזקט: „ווי אַ נביא! אָבער פאַרגעס נישט, אַז דאָס זענען געווען מענער און דו —״

„און דבורה?״ האָט זי אויסגערופן. — „אַ פרוי ווי איך! אירע הענט האָבן געטריפט פון בלוט און איר האַרץ איז געווען פול מיט שנאה קעגן די פיינט פון איר פאָלק. ווי מיינס״

זיינע ליפן האָבן זיך עטוואָס פאַרצויגן. „דו!״ האָט ער געזאָגט, „דו? בלוט-געמיש — לאָטע לעווי!״

„און טאַקע דערפאַר!״ האָט זי אָפּגעענטפערט. „אַזויערנאָך קאָן איך טאָפּל פילן. מיט מיין פאָטערס פאָלק, וועלכעס מ'פאַרפייניקט צום טויט אין פוילן און אין רוסלאַנד — און מיטן פאָלק פון מיין מוטער, וואָס קעמפט מיט זיינע לעצטע כוחות אַקעגן דער גאַנצער וועלט״.

ער האָט גוט אָפּגעפילט, וואָסערן ערנסט זי האָט אַריינגעלייגט אין אירע ווערטער — און טאַקע דערפאַר האָט עס אים גע-

רייצט. און ער האָט געזאָגט מיט א ביטולדיקן טאָן: „דאָס איז סענטימענטאַליזם — וואס קומט בירושה אָדער דורך דערציונג!"

„ניין", האָט זי אויסגערופן, „ניין! ס'איז גאָרנישט געווען קיין יידישס אין מיין פאָטער, וועלכער איז שוין, אגב, געווען לאַנג געשמדט, איידער איך בין נאָך אויף דער וועלט געקומען. גאָרנישט, אַחוץ נאָמען און נאָז. נישט קיין ליבע — האָס צו אָלעם, וואָס ס'איז יידיש — דאָס האָב איך פון אים געירשנט. און באַקומען דורך דערציונג? אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אין בערלין? דו וויסט עס צומבעסטן, דו, וואָס האָסט מיר אייבער אַליין נאָר געזאָגט, אַז איך בין אַ יידישקע! דו, האָס האָסט דערוועקט אין מיר דאָס יידישקייט — און מיך ערשט געמאַכט פאַר אַ יידין!"

שפּאָטנדיק האָט ער געפרעגט: „האָב איך דיך אפשר אויך פאַר אַ דייטשקע געמאַכט!"

אָבער זי האָט געענטפערט רויק און זיכער: „ניין, דאָס האָט געמאַכט די מלחמה! איך בין דאָס, וואָס כ'בין: בלוט-געמיש. אָבער איך האָב מיין פאָטערלאַנד, האָב מיין פאָלק — צוויי פעלקער — אויב דו ווילסט!"

ער האָט אָנגעגאָסן פולע גלעזלעך. „טרינק, לאָטע, טרינק! פאַר דיין פאָטערלאַנד!"

זי האָט געענטפערט: „און פאַר דיינס!"

„איך האָב נישט קיין פאָטערלאַנד", האָט ער געזאָגט, הויבנדיק מיט די אַקסלען. „אַלץ וואָס איך רעד און טו — איז נאָר אַ שפּיל, לאָטע. אַרבעט — באַוועגונג — חשק צו אַוואַנטורעס! אָבער גלויבן — און ליבע צו מיין לאַנד? ניין — ניין!"

„דו האָסט עס פאַרלוירן", האָט זי געזאָגט, „אפשר האָסטו עס קיינמאָל נישט געהאַט. איך וויל דיך אַהיינפירן".

ער האָט זיך צעלאַכט. „דער וועג איז וווייט, לאָטע, ווי דער וועג פון דיינע שטיינער".

אָבער זי איז צוגעשטאַנען. „און פונדעסטוועגן וועסטו גיין מים אים — מיט מיר!"

און ווידער האָט געקלונגען אין איר שטים דערדראָזיקער באַצווינגנדיקער טאָן.

ער האָט אָנגעפילט זיין קליינע פיפקע, און זי פאַררויכערט, האָט געטון אַ שטאַרקן ציִ, און אויסגעקלאַפּט זי אין דעם בראָני

זענעם אש-בעכער. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן. „איך וועל נישט גיין מיטן דאָזיקן וועג — קיינמאָל. דו ביסט גערעכט. איך האָב קיינמאָל נישט געקענט דאָס, וואָס מ׳רופט אָן פאָטערלאַנד. אָבער איך האָב עס געזוכט, זייער הייס געזוכט. געזוכט מיט מוח און מיט האַרץ איבער דער גאָרער וועלט. אָבער ס׳איז שווער צו געפינען דאָס, וואָס ס׳איז נישט פאַראַן. אַסך קלוגע לייט האָבן עס געזוכט דורך אַלע צייטן — און קיינער האָט עס נישט געפונען. נאָר שוטים האָבן געזו.ל.מט וועגן עפּעס אַ נעפּל-האַפט לאַנד״.

„ווער האָט עס געזוכט, ווער?״ האָט זי געפרעגט. „ווער האָט עס אַזוי הייס געזוכט און דאָך נישט געפונען?״

ער האָט געענטפערט: „איך קען דיר אויסרעכנען אַזויפיל נעמען, וויפל דו ווילסט, און נישט פון אַבי וועמען! וואָס איז געווען פאַר פרידריך דעם גרויסן דאָס פאָטערלאַנד? אַ לעכער-לעכער שפּאַס! ער, וועלכער האָט קוים געקענט דייטש, גערעדט און געשריבן פראַנצויזיש, ער, וועלכער האָט נישט געוואָלט צו-נעמען לעסינגען פאַר קיין ביבליאָטעקאַר, נאָר עפּעס אַן אומגע-בילדעטן פראַנצויזישן מאָנאַך! דערדאָזיקער קלוגער האָהענצאָלער, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין בלוטיקן וויץ, אַז ער האָט באַשאַפן די „Nation Prussienne!“ און לעסינג האָט געזאָגט, דער דייטשישער לעסינג; „איך האָב פון דער ליבע צום פאָטערלאַנד קיין שום באַגריף נישט, זי שיינט מיר העכסטנס צו זיין אַ העראָאישע שוואַכקייט״. — און זיין פריינט ניקאָלאַי, וועל-כער האָט טאַקע נישט געהאַט קיין טאַלאַנט, אָבער דערפאַר אַ שאַרפן שכל, שרייבט; „דייטשישער נאַציאָנאַלער גייסט איז אַ פּאָ-ליטישער אומזין!״ — צי ווילסטו שטאָלצערע נעמען? געטע? ער, וועלכער האָט באַוווּנדערט נאַפּאָלעאָנען, האָט געשריבן אין זיינע „קסעניען״: „אייך צו בילדן אַלס נאַציע, אַזוי האָפט איר, דייטשן — אָבער אומזיסט!״ — און נאָך פיל שאַרפער און שטאַרקער האָט געשריבן אייער שיללער צו יאַקאָבי: „ס׳איז דאָס רעכט און די פליכט פון די פילאָזאָפן און דיכטערס צו קיין שום פאָלק נישט צו געהערן!״ — אָט דאָס, דאָס, לאָטע, האָט געזאָגט דער דייטשיש-סטער פון אונזערע דייטשישע דיכטער — אָ, און דו גלייבסט נישט, ווי זייער דייטשיש דאָס איז!״

זי האָט לייכט געוויגט מיטן קאָפּ אַהין און אהער. „ס'איז עכט דייטשיש! פונקט אַזוי ווי ס'איז געווען עכט יידיש — בעת מיין פאָטער האָט זיך — געלאָזט אָפּשמדן!"

ער האָט נישט פאַרשטאַנען איר אַרויספאָדערנדיקן פּאַראַדאָקס — און דאָס האָט בא אים אָפּגענומען די זיכערקייט.

„וואָס זאָל דאָס באַטייטן?" האָט ער א פרעג געטון.

„אַך, גאָרנישט!" האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל. „זאָג מיר נאָר — זינט ווען גלייבסטו אין אויטאָריטעטן? דו, פראַנק ברוין?" און היות ווי ער האָט געשוויגן, האָט זי פאַרגעזעצט: „לע־סינג, שילער, געטע, פרידריך דער גרויסער! — זאָג מיר נאָר, צי פאַררופסטו זיך נישט אַמאָל אין דיינע פאָלקס־רעדעס אויף דידאָ־זיקע נעמען? שוין־זשע זאָל איך אַ טעות האָבן, מיין פריינט — מיר שיינט, אַז כ'האָב עפּעס געהאַט געהערט אַזעלכעס!? און דאַן האָסטו געזאָגט אינגאַנצן עפּעס אַנדערש, נישט אמת? — ענטפער־זשע!"

ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געזוכט עפּעס אַן ענטפער.

„פאַר דער מאַסע", האָט ער אויסגעבאָמלט, „פאַר דעם פּלעבס —"

„אָבער יאָ, יאָ, מיין האַר און רבי! יאָ! — און מיינסטו, אַז איך געהער דאָס אַזוי שטאַרק צו דער מאַסע, אַז דו קענסט מיך אויך מכבד זיין מיט אַזעלכע טיפע חכמות? מיר — וואָס כ'בין געווען דיין שילערין — און זיך אויסגעלערנט דענקען און פילן — נאָר דורך דיר?— מיר?" ברייט אויפגעעפנט זענען געווען אירע אויגן — געבלישטשעט גרין און אַרויספאָדערנ־דיק, ווי אירע שטיינער. „וואַך אויף, מייסטער", האָט זי אויסגע־רופן. „וואַך אויף!"

ער האָט זיך אָנגענומען באַם שטערן און אים גענומען האַרט רייבן; ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געוואָלט אַוועקווישן עפּעס אַ קאָשמאַר. „דו ביסט גערעכט", האָט ער געזאָגט. „איך וועל עס אַוועקוואַרפן. נאַריש מאַכט מיך דאָס אַלץ און קינדיש ס'מוז אַן עק נעמען".

„וואָס?" האָט זי געפרעגט.

„די אַרבעט מיינע", האָט ער געזאָגט, „מיין אַזויגערופענע דייטשישע אַרבעט".

זי האָט אָנגענומען זיין האַנט, געזאָגט שטיל און ערנסט „ניין, ניין, מיין פריינט, דו וועסט זי ווייטער טון — און מער

נאָך ווי ביזאַהער. דו מוזט אַרבעטן, דו דינסט אַ גרויסן געדאַנק און אַ גרויסן גלויבן — וועלכער ברויך דיך צו האָבן.

ער האָט לייכט אָפּגעזיפצט: „דאָס וועט מיך אָבער רויִנירן".

אָבער זי האָט געזאָגט: „דיך — ניין! מיך אפשר!" זי האָט נישט געוואַרט אויף זיין פראַגע. „אָ, דו וועסט עס פאַרשטיין, שפּעטער אַמאָל. נישט מיין געלט — אָ, ניין! איך גיב מער, און פיל טייערערס ווי געלט — כדי דיך צו מאַכן שטאַרק פאַר דיין אַרבעט!" ווידער האָט זי אָפּגעשניטן זיין פראַגע. „איך וועל עס נישט זאָגן, ניין! — אָבער הלמאי איך טו עס, דאָס וועל איך דיר יאָ זאָגן".

זי האָט געגלעט מיט דער האַנט זיינע בלאָנדע האָר, אים לייכט אָפּגעווישט זיין פייכטן שטערן. „הער, מיין ליב ייִנגל, הער זיך איין. איך בין דיין כלה און דיין מוטער, בין דיין געליבטע און דיין שוועסטער אין דערזעלבער צייט. און איך בין דיין נביאהטע אויך. איך וויל דיך מאַכן שטאַרק און גרויס — אַזוי דאָס וועסטו זיין, ווען כ'וועל דיך מאַכן פאַר אַ דייטש. מחמת איך ווייס עס זיכער: דאָס וועט דיך דערהויבן — ווייט, ווייט איבער דיך אַליין".

ער האָט געחוזקט. „פּרווו - זשע, אויב דו קענסט עס".

„איך קען עס", האָט זי געזאָגט מיט פולער זיכערקייט, „איך אַליין. איך קען דיך מאַכן דייטשיש". איר האַנט האָט געציטערט, זי האָט אָפּגעלאָזט זיין קאָפּ, און אַנגעמענדיק די שטיינער פון איר חושן, האָט זי געזאָגט מיט אַ קליינגנדיקער, כמעט נביאישער שטים: „א י ך ה אָ ב א צ י י כ ן".

זיין בליק האָט געפרעגט: „דו?"

און זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ — איך אָ, דאָס איז לגמרי נישט קיין געהיימע זאַך, קיין מיסטעריע! דאָס וואָס איך ווייס, איז באַוווסט אַ סך מענטשן, מיליאָנען אפשר, זינט דרייטויזנט יאָר און מער! אָבער קיינעמען איז עס נישט איינגעפאַלן און קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם זין — קיין שום ייִד און קיין שום דייטש נישט. איך האָב עס אויסגעפונען, איך אַליין!"

ווידער האָט זי אויפגעהויבן איר פינקלדיקן חושן, און געגלעט מיט צערטלדיקע פינגער די שטיינער. „די צוועלף שבטים

האָבן געלאַגערט אין דער מדבר, איטלעכער באַזונדער פאַר זיך, און דאָך אַלע פאַר איינעם אין קאַמף קעגן די איבערמעכטיקע שונאים, וועלכע האָבן זיי אַרומגערינגלט. פונקט ווי די דייטשן היינט — די בייערן און זאַקסן און פרייסן און עסטרייכער. און פונקט ווי ס'האָבן פאַר דידאָזיקע שבטים פאַרויסגעשיינט זייערע פענער, שוואַרץ-ווייס און גרין-ווייס, שוואַרץ-געל און בלוי-ווייס — אַזוי האָט יעדער איינציקער שבט פון די בני ישראל איינגעפירט זיין אייגענעם פאָן. רויט האָט געוויייעט איבער די געצעלטן פון ראובנס קינדער, הימל-בלוי איבער יהודהס, ווייס איז געווען זבולונס פאַרב, שוואַרץ — יששכרס, איינפאַרביג איז געווען די לייוונט פון אַלע זיינע פענער — און בלויז איין שבט, איין איינציקער נאָר האָט געהאַט אַ בונטע פאָן".

„וועלכער?" האָט ער געפרעגט.

„וואַרט אַ ווײַלע", האָט זי געזאָגט, „וואַרט! בעת דאָס צוגעזאָגטע לאַנד איז געוואָרן איינגענומען און מהאָט עס פונאַנדערגעטיילט צווישן די שבטים, אין צוועלף גלייכע חלקים, האָט דאַן דער שבט יוסף, דער גרעסטער פון די ברידער, באַקומען צוויי חלקים. צו איינעם פאַר איטלעכן פון זיינע בײדע זין, פאַר אפרים און מנשה. האָט בכן געמוזט אַן אַנדער שבט לײדיק אַרויסגיין, דאָס איז געווען מיין שבט: לוי. ער איז געווען דער כוהנים-שבט, געווען געזעצט איבער אַלע אַנדערע און געוואָרן דער צעמענט פון די בני-ישראל. און אָט דער שבט איז עס געווען, דער שבט לוי, וועלכער האָט שוין אין דער מדבר אַרויסגעהאָנגען דעם דרייפאַרביקן פאָן. קענסטו די פאַרבן? שוואַרץ — ווייס — רויט!"

„דאָס איז נישט אמת!" האָט ער אויסגערופן.

„דאָס איז אמת", האָט זי אָפּגעענטפערט. „איך וועל עס דיר ווייזן אין ספר מדרש רבה, אָך, אין צענדליקער אַלטע כתבים! שוואַרץ, ווייס און רויט איז לויס שטאָלצע פאָן — דרייִמאָל מיינע — און דיינע צוגלייך! אַ סך מענטשן האָבן עס געוווּסט, געלייענט עס אין משך פון טויזנטער יאָרן. אָבער קיינער האָט נישט געזען דעם באַטייט דערפון: איך האָב אים צום ערשטן אויסגעפונען און גאַנץ אַליין — ווייל מיין הארץ קלאַפּט אונטער אהרנס חושן, וועלכער אַנטהאַלט דעם אורים-ותומים".

זי האָט אים צוגערוקט איר גלעזל און ער האָט עס אָנגע־
פּילט מיט פּליסיקן שמאַראַגד, זי איז אויפגעשפּרונגען און אויס־
געשטרעקט דעם נאַקעטן אָרעם. „שוואַרץ־ווייס־רויט האָט גע־
פּלאַטערט הויך אין דער מדבר איבער אַלע אַנדערע פענער פון
ישראל! וואָס וואָלט ביסמאַרק געזאָגט, ווען ער וואָלט דאָס
געוווּסט, ער, וועלכער האָט בעת דער גרינדונג פון דער נייער
מלוכה דווקא דידאַזיקע פאַרבן אויסגעוויילט, און נישט שוואַרץ־
רויט־גאָלד. און וואָס וואָלט געזאָגט לאָרד ביקאָנספעלד, זיין
גרויסער בן־דור, דער ייִד דיזראַעלי! ער, וועלכער האָט דאָס
צום ערשטן אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז בלויז צו צוויי נאַציעס
געהערט די וועלט: צו די גערמאַנער און ייִדן, צוביידע ענג
צווישן זיך פאַראייניקטע פעלקער. אין מיינע אָדערן פליסט אַדורך
דאָס צונויפגעמישטע בלוט: איך בין דייטשקע און ייִדישקע צו־
גלייך. און איך האָב געפונען דעם באַטייט פון דער שליחות פון
מיין פאָלק אין דערדאָזיקער צייט — לאַנג לעבן זאָל מיין
דייטשיש — לאַנג לעבן זאָל מיין ייִדיש פאָלק! לויט שטאָלצע
פאָן פירט זיי — ביידע פאַרייניקט — דורך אַלע מדברות —
אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד אַריין — דאָס איז; די הערשאַפט
איבער דער וועלט! דערפאַר — דערפאַר — האָב איך מקריב
געווען דיין און מיין לעבן!"

זי האָט אויסגעליידיקט איר גלעזל מיט איין שלוק — האָט
עס אַ שליידער געטון גאַנץ ווייט פון זיך. און זי איז געבליבן
שטיין, דערהויבן, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס — ווילד, האַלב־
נאַקעט, עקסטאַטיש און אומבאַוועגלעך.

„דבורה", האָט ער געשעפּטשעט, „דבורה!"

זי האָט אַ ציטער געטון, די קניען האָבן זיך איר גענומען
וואַקלען, אירע אָרעמס זענען אַרונטערגעפאַלן און זי איז צוריק־
געזונקען אין די קישנס. זי איז געבליבן ליגן מיט געשלאָסענע
אויגן, שווער אָטעמענדיק, און אַ שטאַרק ציטערן האָט דורכגע־
שוידערט איר לייב.

און אונטער אהרנס אוראַלטע שטיינער זענען אַראָפּגעפאַלן
הייסע טרערן אויף אירע זיסע ברוסטן.

* *

*

אין דער פאַרנאַכטלעכער טונקלקייט איז ער געגאַנגען דורך דעם מעדיסאָן-סקווער אין ניו-יאָרק, דאָרט, ווו בראָדוויי און די פינפטע עוועניו קומען זיך צונויף. דאָרט הינטן האָט זיך דערהויבן דאָס מעכטיקע „ביגלאייזן“, די ביידע ריזן-גאַסן צעשניידנדיק ווי מיט דער שאַרף פון אַ מעסער — די איינציקע אפשר געבליבענע פון דערדאָזיקער געוואַלטיקער שטאָט, וואָס האָט אַן אייגענעם, שטאַרקן געדאַנק. אונטער דעם קאַלטן שניי-שטורעם איז ער געקראָכן לענגויס די מויערן פון די הייזער, בראָדשענדיק טיף אין ווייסן שניי. אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען דער גריכישער טעמפּל פון אויבערגעריכט און דער אנדערער פון דער פּרעסביטעריאַנישער קירך אויף פיר הויכע, מעכטיקע מירמל-שטיין-זיילן. אָבער ביידע בנינים דערדריקטע, צעקוועטשטע דורך די וואָלקן-קראַצערס, אָפּגעשמאַקטע, ביליקע געבייען, אַבי הויך, אַבי ריזיק, וועלכע האָבן צוגעדריקט, ווי דער בבל-טורעם, אַלץ אַרום, וואָס האָט נאָר געהאַט סטיל, פאָרם און פאַרב.

דאָ, אויפן ראָג פון דער דריי און צוואַנציקסטער גאַס, האָט געשריגן, איינגעטוליעט אין אַ טויער, אַ יידיש יינגל, וואָס האָט פונאַנדערגעטראָגן זיינע יידישע בלעטער: „וואַרהייט“, „פאָרווערטס“, „צוקונפט“, מעכטיקע צייטונגען פון דעם מזרח-קוואַרטאַל אין דער יידישער שפּראַך, וועלכע האָבן געהאַט אַ טיראַזש פון הונדערטער טויזנטער. ער האָט געקויפט אַ פּאָר בלעטער, געלייענט די שרייענדיקע איבערשריפטן: „הינדענבורג גיט די פּאָניעס זייער טעגלעכע פּאָרציע!“ — „די דייטשן גיבן דעם גרויספירשט פּעטש!“

„פּאָניעס“ — דאָס זענען געווען די מאָסקאָוויטן און זיי האָבן עס באַקומען די פּעטש. דער עולם האָט צעכאַפּט די בלעטער. נישט געקוקט אויף דער שטורעמדיקער שניי-זאַווערוכע. און ס'האָבן געיובלט די מיליאָנען פון דעם ניו-יאָרקער געטאָ.

ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָס איז בלויז געווען זייער שנאה, זייער משוגענער שנאה צו דעם מערדערישן רוסלאַנד, וואָס האָט זייערע פאָטערס און ברידער, זייערע מוטערס און

שוועסטערן אויסגעשאָכטן ווי די שעפּסן אין שעכטהויז, ביין, מיט נאַהייקעס, ווי די קרעציקע הינט, זיי צום טויט פּאַרפּייניקט.

אַלע — ווי איין מאַן — זענען זיי געשטאַנען אויף דער זייט פון די דייטשן, — ס'איז נישט געווען קיין איינס פון די־דאָזיקע בלעטער, וואָס זאָל נישט קעמפן אָפן פאַר דער דייטשי־שער זאַך — אָ, אַנטשידענער נאָך, ווילדער און ריקזיכטסלאָזער ווי די דייטשישע צייטונגען אין לאַנד.

ער האָט זיך מיט גרויס מי דורכגעקעמפט אַ וועג דורך דער שניי־זאַווערוכע, קווער איבערן פלאַץ. ער האָט גענומען אונטערברומען עפּעס אַ מעלאָדיע פון אַן אַלט גאַסנלידל, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין. ער האָט געזוכט די ווערטער — ס'האָט דאָך געמוזט זיין עפּעס אַזוינס, וועלכעס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דעם, וואָס ס'האָט אים אָקאָרשט באַשעפּטיקט — מיט יידן און מיט דייטשן. דאַן איז אים געקומען אויפן זכרון, לאַנגזאַם, שורה בא שורה — ערשט מיט דעם ריטם האָט ער אָפּגעפונען אויך די ווערטער, וואָס זיין צונג האָט זייער שווער אַרויסגעשטאַמלט:

Ti Kolinski židi
Krestány vrazdeji!
Holku podrezali
Kry jé vycedili
Do vody hodili!“ *)

יאָ, דאָס האָט ער געהערט אַזוי אָפט זינגען אויף דער טשעכישער ערד, פּונקט ווי היינט ווערט אויף אַלע גאַסן און אין אַלע לאָקאַלן, אויף קאַטאַרינקעס און גראַמאַפאָנען, אויף קלאַווירן און פידלען, פון מוזיק־באַנדעס און מענטשלעכע גאָרגלען, געזונ־

*) פון קאָלין די יידן,
האָסן די קריסטן!
האָבן אַ שיקסל בעקוילעט
דאָס בלוט פון איר אויסגעצאַפּט
און זי אין וואַסער אריינגעוואָרפן!

נען, געפייפט און געשפילט, אומעטום, באטאג און באנאכט דאס מלחמה־ליד פון די אליאנטן: „Tiperary" און ווידעראמאל „Tiperary".

„Tiperary" — דאס שלאכט־ליד פון די אליאנטן, און פארשטייט זיך — פון אלע יענקיס קעגן דייטשלאנד. זיי האבן עס געזונגען, ווייל ס'איז געווען אין דער מאדע — אבער אויך צוליב זייער ליבע צו ענגלאנד, רוסלאנד און פראנקרייך, כדי זייער שנאה צו דייטשלאנד צו געבן א הויכן אויסדרוק. פונקט אזוי ווי דאס טשעכישע פאלק האט געזונגען זיין האס־און העץ־לידל קעגן די יידן.

אזוי האט געפילט דאס פאלק, אזוי און נישט אנדערש! און ס'האט נעגלייבט מעלזן־פעסט אין אלע מעשיות פון עלילת־דם — דערהרגעט אים צום טויט, דעם ייד!

וואס — וואס האט דא געוואלט לאטע לעווי — מיט איר גרויסן בונד, מיט איר שטאלצן חלום וועגן ליבע און פארברידער־רונג? שטותים זענען דאס געווען, קינדישע נארישקייטן!

— אבער ניין, ניין! נישט מיט די קריסטן — מיט די דייטשן אליין האט זי געוואלט די יידן פארבינדן. די יעניקע אבער וואס האבן דאסדאזיקע לידל געזונגען זענען געווען נישט קיין דייטשן, נאר טשעכן, סלאוון, פונקט ווי די פאגראם־באנדעס פון דעם צאר. זענען דען נישט באלד אינאנהויב מלחמה די טשעכישע פאלקן אריבערגעלאפן צום פיינט צוזאמען מיט זייערע פענער? זיי האבן געהאסט די דייטשן נישט ווייניקער ווי די יידן.

אבער די יידן זענען תמיד געווען הייסע פארטיידיקער פון דייטשלאנד. זיי האבן זיך געהאלטן פאר דייטשן און געקעמפט פאר דייטשלאנס זאך: לויס קינדער פאר שווארץ־ווייס־רויט! יידן און דייטשן קעגן גאנצן סלאווענטום — איז דען דאס נישט געווען דער טעגלעכער געשריי פון די צייטונגען — דער הייסער ווונש פון די מיליאנען פון ניו־יארקער געטא. יידן אלס דייטשן — אלס איין גלייכבארעכטיקטער שטאם אין דייטשנטום, ווי דער שוואב און פראנק, ווי דער שטייערמארקער און טיראלער — צי איז דאס נישט געווען לאטע לעוויס נביאישער חלום? דא, אויף דער עלט־סטער פאזיציע פון דער דייטשישער קולטור, איז מקוים געווארן דערדאזיקער טרוים אסך יארן פאר דער מלחמה.

און ווידער: שוין-זשע האָט עס נישט אויסגעזען, ווי אַן אוראַלט-וואָרט וואָלט צום צווייטן מאָל מקוים געוואָרן — גרעסער, שטאַרקער ווי דאָס ערשטע מאָל? דעמאָלט, אין דער קליינער פּאַלעסטינע, האָט שבט לוי נישט באַקומען קיין נחלה, ער איז געוואָרן צונויפגעשמאָלצן צווישן אַלע שבטים און געבילדעט איר גוטן צעמענט. שבט לוי, ווען מען פאַן ס'האָט געפלאַטערט אין דייטשישע פאַרבן. צי האָט עס ווידער געקענט אַזוי ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט? ישראל אַ דייטשישער שטאַם, וואָס שמידט צונויף ענגער און פעסטער די גערמאַנער!?

אַ פרעמדער עלעמענט?! אַ שטיק אַזיאַטישע ראַסע?! אָ, דאָס האָט אים כּלל נישט אָפּגעשראָקן! דידאָזיקע שטותערייען פון ראַסן-פראַגן האָט ער שוין לאַנג פון זיך אָפּגעטרייסלט, ווי דעם שטויב פון די שיך, נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק! דאָס איז געשען אין משך פון יאָרהונדערטער מער ווי איינמאָל — און וואָס ס'איז אַמאָל געשען, קען ווידער פּאַסירן. אין נײַנטן יאָרהונדערט איז דאָס מעכטיקע כאַזאַרן-פאָלק אין קרים איבערגעגאַנגען צום יידנטום; און ס'זענען היינט נישט פאַראַן קיין בעסערע יידן ווי דידאָזיקע בלאָנדע, בלאָ-אויגיקע קאַראַימען פון דרום-רוסלאַנד. אָך — מעגלעך איז עס געווען, דערין איז גאָר קיין ספק נישט.

און דאַן — דאַן?

דייטשלאַנד, דאָס ציון פון ישראל — און דאָס צוגעזאָגטע לאַנד איז געווען די וועלט.



האָט געזאָגט רימילדע, די בת־מלכה:
„אין די וועלט פאָר״.
בלייבט דיר בלאַנק מיין שפּיגעלע,
בין איך דיר טריי ביז גאָר.
ווייזט עס דיר טריבן שיין,
ד׳מיין געדאַנק געווען נישט ריין.
טראָגט עס בלוט־רויטן פלעק,
טאָ נעם אַ פּרוי אויפסגיי:
ס׳איז מיין מיידלשאַפט אוועק,
כ׳בין דיר געווען אומטריי!״
די באַלאַדע וועגן הירן־האָרן און מאַיד רימילדע (XIV י. ה.)

„צוויי טורקוסן אָבער — וואָס מ׳רופט teuxhitl — האָבן זיי געגומען צמעט אומגעשליפענע און אין זילבער איינגעפאַסטע פאַרבונדן מיט זילבערנע קייטלעך. און האָבן זיי געטראָגן איבער דער לינקער היפט, בעת זיי פלעגן אַרומ־רייזן איבער מדינות, אַלס סגולה קעגן גזלנים״.
זשואַן דע גאַלדאָס (XVI י. ה.)

דער סעקרעטאַר האָט אים אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין דעם לעדערנעם שיידל.

„ניין", האָט געזאָגט פראַנק ברוין, „לייגט אים צוריק אַוועק. ער איז מיר כּלל נישט נויטיק". דערנאָך דאָט ער זיך אַ ווײַלע געישובט, געהאַלטן דאָס געווער אומאַנטשלאָסן אין דער האַנט. „אָדער — איך וועל עס אים אפשר געבן אַלס מתּנה, ער וועט עס האַרציק אויפנעמען". אָבער ווידער האָט ער זיך געקווענקלט אַ ווײַלע. „ניין — דעם נישט. דאָס איז אַ רעוואָלווער פון דער דײַטשישער אַרמעע — זאָל מען נישט זאָגן, אַז מיר פירן אַריבער געווער דורך ריאָ-גראַנד. אַלץ וואָס די מעקסיקאַנער באַקומען, שטעלן זיי צו די יענקעס אַליין — טאָ זאָלן זיי פון מיר באַקומען אַמעריקאַנישע סחורה! דאָרט, אין דעם אונטערשטן שופלאָד אין דאָ געצייג „סמיטס" און „וועטשאָנס", נעמט באַלד מיט אַ האַלבן טוץ. און פאַרגעסט נישט די פּאַטראָנעס, פינף שעכטלעך אויף יעדן רעוואָלווער".

זיי האָבן אײַנגעפּאַקט די רעוואָלווערן, די האַנט-וואַליזע איז געוואָרן גאַנץ שווער.

„צי זאָל איך רופן אײַערע פרײַנט?" האָט געפרעגט דער סעקרעטאַר. „זיי ווילן זיך מיט אײַך געזעגענען".

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ, רופט זיי אַרײַן! — צי זענען זיי באַשטעלט?"

„אַלע דרײַ!" האָט געשמייכלט דער סעקרעטאַר. „עס וועט זײַן אַ גאַנץ רירנדיקע סצענע". ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט אַוועקגעמאַכט די פאָרהאַנג און אָראָפּגעווינקען מיט האַסטיקע זשעסטן.

דאָס איז געוועזן אַ ייִנגער דײַטש, אַ שלאַנקער און בלוּיאויגיקער, פון קוים דרײַ און צוואַנציק יאָר. אַ שטייערמאַרקער, אַ גאַנץ קלוגער ייִנגערמאַן, פעיִק און געשיקט צו אַלץ, וואָס מ'האָט געדאַרפט. אַביסל צעפאָרן און איבערפלעכלעך, ווען די מיידלעך פלעגן אים פאַרדרייען דעם קאָפּ. אָבער ער פלעגט זיך קענען צונויפנעמען, ווען ס'איז נאָר נויטיק געוועזן, און זיך אַרויסדרייען פון דער קריטישסטער לאַגע — און דאָס האָט מען טאַקע דאָ באַדאַרפט. ערנסט ראָסיוס האָט ער געהייסן, ער איז געהאַט אַנטלאָפן פון גימנאַזיע, האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין דרײַ ערדטיילן אַלס זשורנאַליסט און דאַלמעטשער, אַלס מאַטראָז און

שטייערמאַן — אַלס שלעפּער אויך, ווי ס'האָט זיך געמאַכט. ער איז אָנגעקומען אין די שטאָטן, פּונקט ווי טויזנטער אַנדערע.

איינמאָל איז ער געקומען צו פראַנק ברוינען און אים פאַר־געלייגט זיין אַרבעט.

„רעקאָמענדאַציעס?" האָט אים פראַנק ברוין געפרעגט אויס־רגילות. דאָס איז געווען זיין ערשטע פראַגע בײַ איטלעכן באַזוי־כער; ער פלעגט דאַן נעמען די בריוו, האָט זיי נישט געלייענט, אָבער ר'האָט אין זיי אַריינגעבליקט, און געלאָזט דעם אַנדערן רעדן. דאָס האָט אים געגעבן צייט, זיך צו מאַכן אַ בילד פון דעם גאַסט.

„דאָ!" האָט דער יינגערמאַן האַסטיק געענטפערט. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ שטויס פּאַפּירן, און זיי אים דערלאַנגט. דאָס זענען געווען לי־רישע לידער. אַ געציקלטע אונטערשריפט איז געשטאַנען אונטער יעדן פון זיי און עפּעס אַ דאַטע.

פראַנק ברוין האָט געברומט; „פיינע רעקאָמענדאַציעס צו אַלדי טייוואָל!" אָבער ער האָט פאָרט איבערגעלייענט. די לידער זענען געווען שלעכטע, אומרייפע און מיט אַ בייגעשמאַק. און דאָך — ווי נישט ווו — איז געווען עפּעס אַ קלאַנג, אַ קורצער זאַץ — עפּעס אַ וואָרט נאָר, וואָס האָט געלאָזט דערקענען דעמדאָזיקן חברהמאַן, ערנסט ראָסיוס, און ווייטער קיינעם נישט. עפּעס אַן „אפשר" האָט אַרויסגערעדט פון דידאָזיקע פּערזן.

„וואָס קענט איר?" האָט ער געפרעגט.

דער יינגערמאַן האָט געענטפערט: „אַלץ, אָדער גאָרנישט — ווי חער ס'וויל. איך קאָן אַלץ — און קיינזאַך נישט ווי געהעריק".

דאָס איז אים געפעלן. ער האָט זיך צעלאַכט. „פונמיינע־וועגן קענט איר דאָ פאַרבלייבן, אויב איר ווילט".

איז ער אַלזאָ פאַרבליבן.

די דעטעקטיוון זענען אַריינגעקומען; זיי זענען געווען זייער איבערגעשראָקן זעענדיק די אָפענע קופערטלעך. ווען ער פלעגט אַמאָל אָוועקגעפאָרן אויף אַ צוויי דריי טעג בלויז, האָט ער נאָר מיטגענומען די גרויסע לעדערנע וואַליזע. אַ פאָר מאָל, באַלד מתחילת, האָט אים איינער פון די לייט באַגלייט; שפּעטער האָט ער נאָר געזאָגט, וואוהין ער פאָרט און ווו ער וועט רעדן. דאַן זענען

זיי שוין גאַנץ דרייסט געבליבן אין ניו־יאָרק, און האָבן נאָר מיט־גענומען זייער באַריכטן.

אָבער דאָכמאָל האָט עס אַנדערש אויסגעזען. „ווי לאַנג וועט איר זוימען אין וועג?" האָט דער מאָגערער פּאַרשוין געפרעגט מיט אומצוטרוי.

„אַ חודש און אפשר זעקס וואָכן". האָט ער געענטפערט.

אָ, אַזוי לאַנג? פאַרוואָס עפּעס? און ווהין פאָרט ע־ דאָס?

ער מוז זיך אָפּרוען, דאָס איז אַלץ. ער מוז זיין אַליין און אַרבעטן פאַר זיך. ער פאָרט אַרויס צום ים.

אָבער זיי האָבן אים קיין וואָרט נישט געגלייבט. אָ, זיי האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען — מער נאָך ווי ער האָט געמיינט! קיין קאַנאַדע וויל ער פאָרן, דאָס איז זיכער. ער וויל אויפרייסן אין דער לופט אַן אייזנבאַן־בריק, צי עפּעס אַנדערש. די צייטונגען זענען פול דערמיט. אַ פּאָר מאָל איז עס נישט געלונגען — אָבער מ'קאָן גאַנץ גוט די דייטשן — זיי וועלן עס ווידער פּ־ווון און נאָכאַמאָל, ביז —

דער קליינער, דיקער דעטעקטיוו האָט אויפגעהויבן די לע־דערנע וואַליזע — שווער, זייער שווער. „דינאַמיט?" האָט ער גע־פרעגט נישט דרייסט.

דאַן האָבן זיי אים גענומען בעטן, באַשווערן אים, אַז ער זאָל זיך אַליין שוינען, למען השם. דער קייזער וועט זיך אָן אים אויך אָן עצה געבן! דאָס איז פּשוט אַ פאַרברעך, אַזוי לייכטזיניק איינצושטעלן דאָס לעבן. אויב מ'וועט אים כאַפּן, וועט מען אים גלייך דערשיסן אַלס שפּיאָן —! זיי וואָלטן זיך דאָס קיינמאָל נישט מוחל געווען, ווען זיי וואָלטן אים נישט געווען פריער געוואָרנט — זיי האָבן אים אַזוי ליב —

„און אייער גוט פאַרדינסטל!" האָט ער זיך צעלאַכט.

מ'האָט אָנגעקלאַפּט. דער אַלטער דינער האָט געמעלדעט דעם ברויוטרעגער. „פירט אים אַריין אין פאָדערשטן צימער", האָט ער באַפוילן. ער האָט זיך געווענדט צו זיין סעקרעטאַר. „צי וועט איר דאָ דערליידיקן מיט דידאָזיקע לייט?" האָט ער גע־פרעגט אויף דייטש.

„איך וועל זיך שוין אָן עצה געבן", האָט געענטפערט דער אַנדערער.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב און פאַר־שלאָסן הינטער זיך די טיר. ער האָט צוגענומען זיין פּאָסט, קווי־טירט די רעקאָמענדירטע בריוו. ער האָט געזאָגט דעם בריווטרעגער, אַז ער פאָרט אַוועק אויף אַ פּאָר וואָכן צום ים, און אים איבער־געלאָזט אַ פולמאַכט פאַר זיין סעקרעטאַר. דאָס איז אפילו נישט געווען איינגאַנצן אין אָרדנונג, אָבער עטלעכע דאָלאַרן האָבן עס באַלד געכשרט.

דערנאָך איז געקומען אַ שיק־יינגל און געבראַכט אַ גרויסן בוקעט פון רויטע רויזן מיט אַ בריוועלע. פון איווי דזשעפערסאָן איז עס געווען, פון דער קליינער בלאָנדער איווי דזשעפערסאָן, מיט וועלכער ער האָט גענומען פלירטעווען שוין זינט אַ פּאָר חדשים. ער האָט געקענט איר פאָטער און איר מוטער — זי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פינפטער עוועניו און ער — אין וואָלסטריט.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס פּאַפּיר פון די רויזן — און עס האָט געשמעקט יינג און גוט, ווי דער פרישער קערפּער פון איוויס אַכצניעריקן נאַקן. ער האָט געשמייכלט — די רויזן זענען געווען א גוטער סימן. ער האָט זי גוט געהאַט אין האַנט, און מיט איר צוזאַמען אויך איר פאָטער און מוטער — וועלכע האָבן שוין גע־מוזט טון, וואָס זי האָט געוואָלט, דאָסדאָזיקע צעפּיעסטעטע, קאַפּריזנע, איין־און־איינציק קינד. צוזאַמען מיט זיי אָבער — צוואַנציק פאַמיליעס, מער נאָך — דאָס איז געווען אַ גוטער רוקן־שוץ, ווען ס'זאָל אים פאָרט עפּעס געשען דאָרטן. ער האָט זיי אַלע געהאַט אין דער האַנט — קעגן זייער געפיל — נאָר מיט דער איינציקער קאָרטע: איווי.

איר אויפנאַמס־טאָג איז עס געווען. אין פעברואַר, אין טאָג אין וועלכן זי איז אַריינגעפירט געוואָרן אין די וועלט, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען אַלץ, וואָס האָט נאָר אין ניו־יאָרק אָנגעהערט צו דער ערשטער געזעלשאַפט — אָ, צו דער גאָר ערשטער טאַקע. שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אים דער אַלטער דזשעפערסאָן דערויף איינגעלאַדן — אין אַ גאַנץ לייכטער פאָרם אפילו, פלוי־דערנדיק מיט אים: דערויף מוזט איר אַריבערקומען! און פראַנק ברוין האָט—אויכעט אַזוי—געענטפערט: אוודאי! דערויף קום איך

איצט איז ער דאָרט געווען, געווען אין ניו־יאָרק. דער לאַנגער טעוועס האָט אים איינמאָל אינדערפרי געבראַכט די צייַ־

טונגען, וועלכע האָבן אַלע אין יענעם טאָג געגעבן דער בלאָנדער איוויס ריזיקן פּאָרטרעט. איווי דזשעפּערסאָן איז געווען צרייַנגעפירט אין די געזעלשאַפט — אָך, דאָס איז געווען וויכטיקער, ווי אַלע שלאַכטן אין פּוילן און אין פראַנקרייך.

„צי האָט איר נישט אַמאָל געזאָגט, אַז איר קענט די דזשעפּערסאָנס?" האָט געפרעגט דער זשורנאַליסט. „האָט איר זיי שוין באַזוכט?" פראַנק ברוין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

„טאָ מוזט איר אַהינגיין — היינט נאָך!" און ער האָט נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער איז מיט אים צראָפּגעגאַנגען אויף וואַלסטריט צו דער אַלטער ביוראָ פון דער דזשעפּערסאָן-באַנק. „דאָ אַריין, דאָקטאָר!" האָט ער אויסגעשריגן:

ער האָט געוואַרט אינדרויסן, געלאָפן אויף און אָפּ מיט לאַנגע טריט. ביז פראַנק ברוין איז אַרויסגעקומען. „נו — וואָס-זשע?" האָט ער געפרעגט. „האָט ער אייך איינגעלאַדן?

„יאָ", האט ער געענטפערט, „אָבער נישט גאַנץ גערן".

דער זשורנאַליסט האָט גע קרייעט; „איך שטעל מיר דאָס פאָר! ער נעמט נאָר אויף אַליאַנטן — מוניציע-מענטשן און הלוואות-לייט! איר זענט דער איינציקער דייטש — גאַנץ זיכער!" ער האָט זיך געריבן די הענט פאַר נחת. „הער דאקטאר, איר מוזט אָנהויבן אַ פלירט מיט איווי דזשעפּערסאן אויפן גאָר גרויסן שטייגער. — אפּשלאגן אַלע אירע פאַרערערס! מחמת דאָסדאָזיקע נקבהלע האַלט אין איר הענטל גאָר אַ סך פעדים — אָדער זי וועט זיי בקרוב האַלטן, הגם זי ווייסט נאָך איצט אַליין נישט דערפון! פאַר איר איז עס — באַ היינטיקן טאג — מסתם גאַנץ גלייכגילטיק: בריטיש אָדער דייטש! — איר מוזט זי געווינען! די קליינע קען אונז — אָדער אייך — אַמאָל שטאַרק נוצלעך זיין."

און ער האָט גענומען רעדן וועגן דער גרויסער דזשעפּערסאן-באַנק און איר הינטערקוליסן-אַרבעט — ווי דער אַלטער בערזע-בער — און זיין פרוי נישט ווייניקער וואָלטן אַלץ געטון צוליב אַ שמייכל פון זייער בלאָנד טעכטערל.

„פונוואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

טעוועס איז געבליבן שטיין, געפּאַכט מיט דעם לאַנגן אָרעם אינדערלופטן. „אויף וואָס-זשע בין איך פּאָליטישער פּרעסע-מענטש

אין ניו־יאָרק שוין זינט דריי און צוואַנציק יאָר? דאָרטן באַ אייך מוז מען קענען די מאַכט — דאָ — פאַמיליעס!״

פראַנק ברוין האָט באַקומען אַן איינלאַדונג. ער איז אַהינגעגאַנגען צוליב טעוועסן, און נאָכמער ווייל לאָטע וואָן נעס האָט אים דערצו געשטויסן. „ער האָט רעכט, טעוועס״, האָט זי געזאָגט. „גיי און ווייז, וואָס דו קענסט. נעם זי — גיב איר די ערשטע קושן״.

„קושן — אָן געפילן!״ האָט ער צוגעוואָרפן.

„פהי!״ האָט זי געמאַכט. „וואָס האָט דען איינס מיטן אַנדערן? קושן זענען קושן — מיט געפיל, צי אָן דעם״.

דאָס איז נישט געווען אַזוי שווער, דאָ צו געווינען דאָס פרויען־האַרץ. עטלעכע פראַנצויזישע באַנקירן און דיפּלאָמאַטן, אָבער אַלטע; גאַנץ אַמיזאַנטע, אָבער לחלוטין אומפּעיקע... איטאַליענישע קינסטלער, מאַלערס און זינגערס, אַלע פון צווייטער קלאַס, באַרעדעוודיקע און באַדינערישע צוגלייך. ווייטער עטלעכע ענגלענדער, מיט זייער גוטע מאַנירן, רויקע און קאַלטע, וואָס האָבן אפילו געווײַלט די דאַמען, אָבער אָן וויץ, זייער העפלעך און פריינטלעך, אָבער כסדר מיט דעם באַליידיקנדיקן זשעסט: „ווי פיין ס׳איז פון מיין זייט, וואָס כ׳בין אַראָפּגעקומען צו אייך״.

און אַמעריקאַנער, נאַטירלעך, אַסך אַמעריקאַנער.

יינגע בחורים, וווּקסיקע, געזונטע, גרויסע און קרעפטיקע, דידאָזיקע זין פון די ערשטע הייזער — וואָס פאַר אַ קעגנזאַץ צו יענע מיליאָנען אויסגעדאַרטע, מיט איינגעפאַלענע ברוסטן און באַקן, וועלכע די אונטערערדישע באַן האָט טאָג־איין, טאָג־אויס אויסגעשפּיגן פון אונטער דער ערד אויף דער ליכטיקער שיין אַרויס! — דאָס זענען געווען סטודענטן, וועלכע האָבן געקענט שיפן זיך און רייטן, באָקסן זיך און פאָרן מאָטאָציקל, שפּילן פוטבאָל און זענען צוגלייך געשיקט געווען אין האָקי ווי אין טעניס. און וועלכע האָבן — אָן שום ספק — געטראָגן זייער פראַק אַזוי לייכט, ווי זייער ספּאָרט־העמדל, קיין יידן זענען דאָרט נישט געווען — קיינער און קיינע. דער דייטשישער קייזער האָט געמעגט איינלאַדן דעם הער באַלין צום פרישטיק, און דער קעניג פון ענגלאַנד דעם סיר ערנסט קאַסעל! דאָס איז אָבער געווען אַן אַמעריקאַניש הויז — איינס פון די ערשטע. גיכער וועט שוין דער רוסישער צאַר פאַרבעטן באַראָן גינצבורגן אויף טיי, אָדער מיטן הער מאַנדעלבוים

שפילן אין ברידזש, איידער דער רייכסטער ייד זאָל באַטרעטן די שוועל פון דאָזיקן הויז! דאָ איז ער אָנגעגאַנגען כמעט פּאָר אַ מצורע — אפילו ער, אַ דייטש.

איוּוי דזשעפּערסאָן איז דאָ געשטאַנען לעבן אירע עלטערן, מיט אַ גרויסן בוקעט פון ווייסע אָרכידעען אין אָרעם. זי האָט אויפגענומען, געשאָקלט העכער פּירהונדערט הענט און איטלעכן געזאָגט אַ ראַשע פראַזע. ער האָט זיך גאַנץ שטאַרק פאַרשפּעטיקט. האָט זיך פאַרנייגט און אָנגענומען איר האַנט. ער האָט געוווּסט, פון איירעפּע נאָך, אַז זי פאַרשטייט דייטש — האָט ער אַלזאָ גערעדט צו איר אויף זיין שפּראַך. איר פאָטער האָט עס גלייך דערהערט, און אַראָפּגעלאָזט די נאָז — האָט צוגעוואָרפן דער פרוי אַ צעשראָקענעם בליק. דערנאָך האָט ער אים באַגריסט זייער קאַלט, אויף ענגליש. ער האָט אָפּגעענטפערט העפלעך און קורץ. און ווענדנדיק זיך צום מיידל האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער: „צי זאָל איך רעדן ענגליש?“ — אייער פאָטער גייט־אויס פאַר פחד, אַז עמיץ רעדט דייטש אין זיין הויז“.

„ס'איז היינט מיין טאָג“, האָט זי געענטפערט גרייזיק, אָבער אויף דייטש. „איר קענט רעדן דייטש“.

„אַ דאַנק!“ האָט ער געזאָגט און געוואָלט אַוועקגיין. אָבער זי האָט אים פאַרהאַלטן בכיוון און אָפּן. אָ, זי איז שוין איצט גע־ווען דערוואַקסן, געווען „אין דער געזעלשאַפט“, פון היינט אָן, אומ־אָפּהענגיק פון יעדן און דערעיקרשט פון אירע עלטערן. דאָס האָט זי געמוזט אַרויסווייזן — און דאָ איז געווען די ערשטע געלעגנ־הייט.

און — בלויז כדי עפּעס צו רעדן — האָט זי געזאָגט. „איטלעכער זאָגט מיר עפּעס אַ קאָמפּלימענט מכּוח מיין אויס־זען — נאָר איר קיין איין וואָרט נישט! ווי געפעל איך אייך?“

ער האָט זי אָנגעמאָסטן מיטן אויג, אַ צענטל סעקונדע. „גוט!“ האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט. „זייער גוט! נאָר — נאָר אייער שטוב־מיידל איז אַ געגנזל“.

„פאַרוואָס?“ האָט זי געפרעגט.

ער האָט פאַרצויגן די ליפּן. „איר האָט אַ טשיריקל — דאָ אויפן אַקסל — אַ קליינטשיקס נאָר. צוואָס־זשע זענען פאַראַן פלעסטערלעך אויף דער וועלט?“

זי איז רויט געוואָרן — אונטער שמינקע און פודער — ער האָט דאָס גוט באַמערקט. איר באַליידיקטער און געקרענקטער בליק האָט אים געטראָפן — און איז אַריבער אויפן אַקסל. זי האָט צונויפגעביסן די ציין —

„אָ!״ האָט זי געפּליסטערט.

זי האָט זיך גלייך אויסגעדרייט און אים געלאָזט שטיין. האָט אויסגעשטרעקט איר שלאַנקע האַנט צו אַן אַנדערן.

ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך פאַרלוירן צווישן דעם עולם. ער האָט זיך איבערגעלייגט — איין רגע נאָר האָט ער גע־צווייפלט — דערנאָך האָט ער צופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט געטראַכט: „ס'איז פּאַרט גוט געווען. צווייהונדערט מענער האָבן איר געגעבן די האַנט און געזאָגט דאָסזעלבע. מיך וועט זי געדענקען״.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ערגיץ בײַ אַ טיש, הינטן אין דעם גאָטישן שפּייז־זאַל. האָט געגעסן עטוואָס, געטרונקען, גערעדט מיט העכסט גלייכגילטיקע מענטשן. איז דערנאָך אַריבערגעגאַנגען מיט זיי אין ווינטערגאָרטן, שפּעטער אין באַל־זאַל אַריין. ער איז געשטאַנען אין אַ זייט גאַנץ אַליין און זיך צוגעקוקט.

יאָ, טאַנצן האָבן זיי געקענט, די דאָזיקע אַמעריקאַנישע יונגען. איינטאָניק, תמיד דאָס אייגענע, אָן אַ פּיצל גשמה, אָן יעטוועדן געפיל, אומענדלעך לאַנגווייליק — אָבער געשיקט, אומ־דערמידלעך און שעהנלאַנג.

ער איז געשטאַנען און געוואַרט. ער האָט זי געזען פאַרביי־גיין עטלעכע מאָל. זי האָט געקוקט אויף אים, אָבער זי האָט זיך צו אים נישט געווענדט. טיילמאָל, ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּאָר מינוט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי איר בליק וואָלט אַהינגעבלאָנדזשעט צו אים — צוערשט אַרויספאָדערנדיק, דערנאָך באַליידיקט און ווידער אַרויספאָדערנדיק. הלמאַי קומט ער נישט אַהער זי פאַרבעטן צום טאַנצן? אָבער ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, זיך צוגעקוקט און געוואַרט. שטאַלץ און עטוואָס פאַרלאַנגווייליקט.

אָ ניין, ער האָט עס נישט געטון בכיוון. ער האָט סתם אַזוי געוואַרט. ער האָט געטראַכט: אפשר וועט זי צוקומען.

זי האָט ווידער פאַרבייגעטאַנצט לעבן אים. — מיטאַמאָל האָט די מוזיק אויפגעהערט. דורכגייענדיק מיט איר פאַרטנער, איז זי געבליבן שטיין און זיך געווענדט צו אים.

„נאַט, טוט אַ קוק!" האָט זי געזאָגט.

אַ קליינטשיק, שוואַרץ פלעסטערל האָט געקלעבט אויף איר אַקסל.

„דאָס איז פיין!" האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר איר פאַרטנער, אַ הויכן סטודענט. זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט. האָבן זיך מכבד געווען מיט פאַפּיראָסן. דער־נאָך האָט זי אָנגענומען פראַנק ברוינס אָרעם און זיך געזעגנט מיטן סטודענט.

„צי טאַנצט איר נישט?" האָט זי געפרעגט.

„ניין", האָט געזאָגט פראַנק ברוין.

זי האָט ווידער אָנגעהויבן: „איך בין אַביסל מיד — ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט אייז, קומט מיט מיר!"

איצט איז געווען די געלעגנהייט. אָבער ס'איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, און ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נאָר געטראַכט: „ווען טעווס וואָלט מיך איצט געזען! — אייזל! וואָלט ער גע־זאָגט, גולם!"

אָבער זי האָט נישט גערוט. „לאָמיר רעדן ענגליש, בעת מיר זענען אַליין. אַזוי איז מיר לייכטער",

ער האָט לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „ווי איר ווילט".

ווידער אַ פויזע. ער האָט איר געבראַכט אייז, זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט בײַ אַ קליין טישל, גאַנץ אין עק. און ווידער האָט ז' אָנגעהויבן. „אַזוי האָב איך זיך מיר אייך פאָרגעשטעלט — פאַר־שלאָסן אין זיך. טיילמאָל אַזוי — און טיילמאָל אַנדערש".

„פאָרגעשטעלט זיך — ווען?" האָט ער געפרעגט!

„נעכטן" האָט זי געלאַכט. „העכער אַ שעה צייט האָבן זיי זיך געטאַמפּערט, פּאַפּאַ און מאַמאַ, וועגן אייך.—איר זענט אַ געפערלעכער מענטש. איר זענט אַ פאַרשווערער".

„איך", האָט ער געזאָגט, „איך בין אַ גאַנץ אומשולדיקער מענטש".

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין", האָט זי אויסגערופן, „דאָס זענט איר טאַקע נישט. אונזער הויז־ווירטין איז פון ווין

— זי ווייסט וועגן אייך. די מאמאַ האָט זי אויסגעפרעגט. און זי האָט מיך געוואָרנט פאַר אייך".

ער האָט זי אָנגעקוקט. „און?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט זיך צעלאַכט: „דערפאר זיץ איך טאקע דאָ".

ער האָט נישט געענטפערט. האָט געקוקט אויף איר לאַנג און שטיל. זי האָט גערעדט און גערעדט, אָבער ער האָט נישט געהערט. זי איז געווען טונקל-בלאָנד, אירע האָר זענען געווען פארקעמט אויף אַהינטער אין גרויסע כוואַליעס. די ברעמען האָבן אויסגעזען אַביסל צו שטאַרק — אָבער די אויגן אַליין זענען געווען גרוי און שיין, און די נאָז שמאָל און פיין געטאָקט. און אַ נערוועז צוקן אין די נאָזלעכער. דאָס מויל קליין, די אויבערשטע ליפ בויגנארטיק געפּאָרמט, אַביסל צו קליין דער האַלז, עטוואָס שמאָלע אָרעמס און אַ בוזעם האָט זי געהאַט נאָך אַ גאַנץ פלאַכן. זי איז געווען יינג, אַ זיך פונאַנדערבליענדיקער קנאָספּ.

„וואָס קוקט איר זיך אַזוי איין?" האָט זי אויסגערופן. „רעדט עפּעס".

נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן האָט ער געזאָגט: „איך בין געקומען אַהער — צוליב אייך".

זי האָט זיך הויך צעלאַכט.

„צוליב אייך —" האָט ער איבערגעחזרט.

עמיצער איז גראָד אונטערגעקומען און זי פאַרבעטן צום טאַנצן.

„איך גיי אַוועק", האָט ער זיך אָנגערופן, ווי ער וואָלט געהאַרט אויף ענטפער.

זי איז אויפגעשטאַנען, אים דערלאַנגט די האַנט, און זי האָט געזאָגט: „קומט צו גיין אויף טיי — אַרום — אַרום — איבערמאָרגן!"

* * *

ער האָט גענומען אין האַנט אַריין די רויזן — איטלעכס שטענגל אַ מעטער די לענג — „American Beauties"

ער האָט איינגעזויגן אין זיך זייער ריח — האָט זיי אַוועק־

בעלייגט פאַר זיך אויפן טיש. ער האָט געגומען איר בריוול און עס אויפגעריסן.

— ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף טיי צו איווי דזשעפערסאָן. ער איז געווען אַליין מיט איר—בלויז איינמאָל איז די מוטער אַריינגעקומען, אויף עטלעכע מינוט נאָר. ניין, ער האָט איר נישט געפּראָוועט קיין קאָמפּלימענטן, נישט געווען צו איר צוקערדיק און ליבנסווירדיק.

אָבער זיינע גרינע אויגן האָבן זי פאַרכישופט — טייל מאָל, ווען ס'איז גראָד געווען זיין טאָג — און דערדאָזיקער טאָג איז געווען זיין גוטער טאָג. ער האָט מיט לייכטע פינגער געגלעט איר האַנט און אָרעם.

— ער איז געוואָרן אַ גוטער פריינט אין דאָזיקן הויז. ער פלעגט אהינגיין צוויי, דריימאָל אין וואָך. ער איז געגאַנגען מיט איר אין די אָפּערע, פלעגט אַרויסרייטן מיט איר אויף אַ שפּאַציר. — צו אָפט, האָט ער געטראַכט. זי נעמט מיר אָפּ צופיל צייט. אָבער זי האָט געזאָגט: „צו ווייניק! איר זענט מיין באַי — און איר מוזט יעדן טאָג קומען".

זי האָט געמוזט האָבן איר באַי ווי איטלעכע דאַמע פון דער ניו-יאָרקער געזעלשאַפט — דאָס איז געווען אַ באַשטימטע זאַך. אָבער זי, איווי דזשעפערסאָן, האָט זיך אויסגעקליבן אַ דייטש — אין אַזאַ צייט. איר פאָטער איז געווען אויפגעבראַכט דערפון, און נאָכמער די מוטער. אָבער דערנאָך האָבן זיי זיך מאָדנע שנעל צוגעוווינט דערצו. און פרוי אַליציע דזשעפערסאָן — איר באַי איז געווען דער ענגלישער גענעראַל-קאָנסול — האָט ערקלערט איטלעכן, וואָס האָט נאָר געוואָלט וויסן — אַז אין דאָזיקן שריט פון איר טאָכטער זעט זי בלויז סטיל, מוט און דרייסטקייט.

נאָכמער, זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו אים האַרציק באַציען און אים אויפגענומען זייער גוט און פריינטלעך — דאָס האָט אַלץ געמאַכט די קליינע איווי.

איינמאָל בלויז האָט די מוטער איר געפּרוּווט צו מאַכן אַ פאַרוואָרף.

„צי מוז עס דען דווקא זיין אַ דייטש?"

„זאָל איך אפשר נעמען אַן איטאַליענער?" האָט די טאָכטער אָפּגעענטפערט. „און מיך מאַכן צו לייטיש געלעכטער?"

ניין, ניין, קיין „דאַגאָ" נישט. אָבער ס'זענען דאָך דאָ אַזױפיל ענגלענדער, קאַנאַדער, פראַנצױזן און בעלגיער, אויך אַ פּאָר רוסן. מחמת, אַז ס'האָט נישט געקענט זיין קיין אַמעריקאַנער, דאָס איז געווען קלאָר. איזוי האָט אינסטינקטיוו אָפּגעפילט אַן אומצו־טרוי און ווידערווילן לגבי די מענער פון איר לאַנד, פונקט ווי ס'שפירן דאָס פיל דאַמען פון דער גרויסער ניו־יאָרקער געזעל־שאַפט.

אָ, יאָ, וואָס שייך זייער באַרוף — מיליאָנען צו מאַכן, אויף טויזנטער וועגן — זענען זיי געווען אויסגעצייכנטע לייט. אָבער אַלס מענער? — קיינער פון די דאַמען האָט עס נישט אַרויסגע־רעדט — און דאָך איז עס געהאַנגען אומעטום אינדערלופטן. זיי זענען געווען אַנדערש מיט אַמעריקאַנער — אנדערש מיט פרעמדע. דאָ האָבן געציטערט די נאָזלעכער, און די אויגן האָבן בענומען גלאַנצן.

עפּעס האָט זיי געפעלט, דידאָזיקע אַמעריקאַנישע מענער — אַלעמען כמעט. זיי זענען געווען פון גוטן האָלץ — טייל ווי אויס בראָנז אָדער מירמלשטיין. זיי זענען געווען גוט געקליידט און פיין געוואַשן, האָבן געהאַט מוסקלען און אָדערן. און דאָך —

זיין פריינט, דער אַמבאַסאַדאָר פון שפּאַנישן קאָנסולאַט האָט עס גוט אויפגעכאַפּט: „No tienes cojones"

דאָס איז עס געווען, גאַנץ זיכער, דאָס אַליין. און די פרויען האָבן עס גוט אָפּגעפילט — באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק. אַסעקסועל זענען זיי געווען — אָדער אפילו מאַסטורבאַנטן פון יינגערהייט אָן — אָן געפיל, אָן רעגונג, אָן בלוט. — נאָך ווייני־קער: אָן חושים.

און ווייטער: אַזוי אומגעבילדעט זענען זיי געווען, אַזוי אָן וויסן. די דאַמע פון דער געזעלשאַפט איז געשטאַנען פיל העכער. זי האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויפן אַמעריקאַנישן מאַן — אָבער דער אייראָפּעער איז געשטאַנען מיט איר אויף איין מדרגה — אָדער נאָך העכער ס'רוב.

און דאַן — און דאָס איז געווען פיל מער — ער האָט איר געגעבן דאָס, וואָס די אַמעריקאַנער רופן־אָן: „Thrill*)" —

*) עראָטישער רייץ.

און "Thrill" — דאָס איז אַ רעגונג, אַ גרויסע אָדער אַ קליינע, אַ קיצל אין בלוט און אין די נערוון — עפּעס אַזוינס וואָס האָט אויפגעשמיסן די חושים. און דאָס האָט נישט געגעבן קיין שום אַמעריקאַנער.

— ער האָט געלייענט איווּיס בריוו — דריי זייטלעך – מיט גרויסן, שפּיציקן שריפט. זייער מיאוס איז עס פון זיין זייט, וואָס ער גייט אַוועק, זייער געמיין! הלמאַי פּאָרט ער נישט מיט זיי אַרויס קיין ניו־פּאָרט? און זאָל ער זיך נישט איינרעדן, אַז זי וועט נישט דערגיין, וואָס ער נעמט פאַר! זי וועט עס שוין אַרויס־באַקומען — און ווען ס׳זאָל איר אַפילו קאָסטן טויזנט דאָלער! — און זי שיקט אים נישט קיין קוש — ניין, דאָס טוט זי נישט!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָפּגעשריבן. וויבאַלד זי וועט נאָר מאַכן דעם מינדסטן שריט אים נאָכצופאָרשן, דאַן וועט זי אים שוין מער קיינמאָל פאַר די אויגן נישט אָנזען.

ער האָט אַ יסוד דערצו. — און אויב זי איז קלוג — וועט זי עס באַגרייפן. ער דאַנקט פאַר די רויזן — די וועט ער מיטנע־מען מיט זיך. ער וועט אינגיכן צוריקקומען. און שיקט איר קושן — זיבן קושן און נאָך איינעם צו.

ער האָט אַריינגעלייגט דאָס בייגעלע אין אַ קאָנווערט, אָנ־געשריבן דעם אַדרעס, און אַריינגערופן זיין סעקרעטאַר. ראָסיוס איז אַריינגעקומען מיט די דעטעקטיוון — די האָבן זיך פריינט־לעך באַגריסט און געפרייט זיך.

„נאַט, זעט!״ האָט אויסגערופן ערנסט ראָסיוס, „רויזן און אַ קליין בריוול״.

דער קליינער דיקער דעטעקטיוו איז צוגעגאַנגען צו פראַנק ברוינען: „ווילט אייך גוט, דאָקטאָר! און כ׳בעט אייך — איין רויז צום אָנדענקען — כ׳וויל זי מיטברענגען מיין פרוי!״

פראַנק ברוין האָט גענומען די רויז און זי צענומען אויף דריי גלייכע חלקים. — און זיי פונאַנדערגעטיילט צווישן די דריי לומפּן.

„צי האָט איר אויך אַ פרוי?״ האָט ער געפרעגט דעם מאָ־גערן.

„ניין״, האָט ער געענטפערט, „אָבער איך קען אַ מיידל״...

דער סעקרעטאַר האָט אים שנעל אונטערגערוקט אַ טשעק.

„שרייבט אונטער", האָט ער געזאָגט, „דרייהונדערט דאָלער פאַר דידאָזיקע לייט".

ער האָט אונטערגעשריבן זיין נאָמען, דערלאַנגט איינעם פון זיי דאָס פּאַפּיר. דערנאָך האָט ער איטלעכן געשאָקלט די האַנט, געזאָגט דריימאָל: "So long„ —

„דאָס איז זייער ביליק!" האָט ער אויסגערופן, בעת די דעטעקטיוון זענען שוין געווען אינדרויסן. „ווי אַזוי האָט איר דאָס געמאַכט?"

ראָסיוס האָט זיך צעלאַכט: „אַ שאָד כ'לעבן, וואָס איר האָט אַוועקגעגעבן אַלע רויזן. איר האָט מיר אויך געקענט איבערלאָזן אַ פּאָר פאַר מיין כלה".

„נאָך אַלץ דיזעלבע?" האָט ער געפרעגט.

דער יונגערמאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. „אַן אַנדערע — זינט אַ וואָך צייט! — אָט — די רויזן טאַקע — דאָס איז עס געווען! איך האָב די חברה־לייט אויסגעטראַכט אַ מעשה: אַז איר פירט אַ ליבע — אַ גאַר געהיימע, פאַרשטייט זיך! און אַז איר זענט אַוועק מיט דער דאַמע אויף אַ קליינע לוסט־רייזע! דאָס איז זיי איינגעגאַנגען — און די רויזן האָבן נאָך פאַרשטאַרקט זייער גלויבן. און ענדלעך די הונדערט דאָלער פאַר יעדן —"

* * *

פראַנק ברוין האָט זיך צעשיידט מיט זיין באַגלייטער אין מאָנטרי. זיי האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז יעדער וועט אַרבעטן אויף אייגענער האַנט. פראַנק ברוין איז געבליבן אין טאָריאָן באַ די מעקסיקאַנער. ער האָט פאַרבראַכט אין דעם לאַגער, געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט די אָפיצירן, געשמועסט און געפּ וידערט דעם גאַנצן לאַנגן טאָג. ער האָט געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך כלערליי שפּילצייג, פּאַפּיראָסן, וואָס האָבן געמאַכט פייערקונצן, שוועבעלעך, וואָס האָבן עקספּלאָדירט און נאָך אַזעלכע גייסטרייכע שפּאַסן. ער האָט עס אַוועקגעשענקט די אָפיצירן. ער האָט געקענט די מעק־

סיקאנער! ווי די קינדער האָבן זיי זיך געפרייט און געלאַכט, זיי, ווען מען שמוציקע פינגער ס'האָבן געטריפט מיט מענטשלעך בלוט.

ער האָט זיך גאַנץ לייכט דערוווּסט באַ זיי וועגן אַלצדינגי. אַנאַרכיע האָט געהערשט אין דידאָזיקע קעפּ, פּונקט ווי אין גאַנצן לאַנד.

אין איין פּרט נאָר זענען אַלע געווען איינשטימיק — איט־לעכער זעלנער, פון גענעראַל ביז צום לעצטן מיליטיר־אָנטרייבער, יעדער אויבסט־הענדלער און אַדוואָקאַט — איטלעכע פּרוי פון דער סעניאָרע ביז צו דעם גאָסנמיידל — אין דער שנאה, אין דער טיף־איינגעוואָרצלטער שנאה צו די יענקיס.

אַל־דאָס של עכטס האָט געשטאַמט פון די אַמעריקאַנער. מיט זייער געווער און געלט איז געפאַלן דער מעכטיקער דיאַץ, דורך זיי איז געפאַלן מאַדעראָ און גיוטערעז און הוערטא. און די קאַראַנצא־לייט, וואָס האָבן מיט זיי געקעמפט, האָבן אויך געהאַט אַמעריקאַניש געלט און געשאָסן מיט יענקי־קוילן.

און זיי, די לייט פון פאַנטשאָ ווילי, זיי אויך נאַטירלעך. און דאָס איז עס טאַקע! זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אויפ־געפרעסן, געמאָרדעט זיך, געבערענט און גערויבט — צום שאָדן פון אַלעמען און צום נוצן פון איינעם נאָר, דעם יענקי, דעם אַמעריקאַנער.

דער איינציקער אויסוועג פאַרן דאָזיקן בלוטנדיקן און צע־פליקטן אויף שטיקער לאַנד איז געווען די מלחמה מיט דעם אומ־פאַרשעמטן, חוצפהדיקע יענקי, וועלכער האָט אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט אַ תל געמאַכט פון דאָזיקן שיינעם, רייכן און בליענ־דיקן לאַנד.

אָ, ווען ס'וואָלט נאָר עמיצער געוואָלט קומען און זיי פירן — אין איין אויגנבליק וואָלטן זיך פאַרייניקט די לייט פון קאַפּאַטי און ווילי, קאַראַנצא און דיאַץ, און אַלע, אַלע פון סאָנאָראַ ביז יוקאַטאַן.

דער אַמעריקאַנער, דער אומברחמנותדיקער שונא, האָט זיי געוואָלט באַרויבן און באַגנבענען, ווי ער האָט אַמאָל אוועקגע־רויבט קאַליפאָרניע, ניי־מעקסיק, טעקסאַס און אַריזאָנע. אָבער ער איז געווען צופיל פּחדניש, כּדי איינפאַך עס צוצונעמען. האָט ער עס געמאַכט הינטן אַרומעט, האָט אונטערגעהעצט איינעם אַקעגן אַנ־

דערן, האָט זיי געלאָזט זיך אויסקוילן קעגנזייטיק. אין משך פון א סך יאָרן. און דערנאָך, ווען אין גאַנצן לאַנד וואָלט שוין נישט געווען קיין איין מאַן, וואָס זאָל קאָנען טראָגן א ביקס, דעמאָלט ערשט וואָלט געקומען דער העלדישער יענקי צו באַרויקן דאָס לאַנד, וואָלט גענומען, וואָס אים וואָלט געפעלן! — אַזוי איז געווען די פּאָליטיק פון דעם יענקי!

זיי האָבן אָנגעגאָסן דעם אַגאַווענישן שנאַפּס אין גרויסע גלעזער, געשלאָגן מיט די פויסטן אין טיש אַריין, געשפּיגן און געמאַכט קולות. דאָ און דאָרטן האָט עמיצער געשלאָכצט. — „אָ, ס'וואָלט שוין געווען גלייכער, אַז די יענקיס זאָלן ענדלעך קומען, וואָלט כאָטש גענומען אַן עק צו דעם אַלעם". עמיץ האָט געקרעכצט, פּונקט ווי אַן אָקס, בײַ וועלכן די שאַרפע קלינג פון עספּאַדאָ שטייט הויך צווישן די הערנער, וועלכער ליגט אויף די קני און וואַרט־אָפּ מיט בענקשאַפט דעם האַסטיקן גענאָדן־שטויס פון דעם פּונטילעראָ.

אין דאָ האָבן געשריגן די ניו־יאָרקער: „די דייטשן העצן אונטער די מעקסיקאַנער אַקעגן די שטאַטן". „די דייטשן?! מיין גאָט! דאָ האָט נאָר איינער געהעצט: און דאָס איז געווען דער יענקי.

* *
*

דעם צווייטן זונטיק איז ווילאַ אַריינגעריטן. די שטאָט איז געווען יום־טובדיק אויסגעפּוצט, אָפּגעבלאַקירטע טעפּיכער זענען אַראָפּגעהאָנגען פון די פענסטער און פאַרביגע בעט־קאָפּעס. אויך עטלעכע פענער האָבן געפלאַטערט צווישן זיי.

דער עולם איז געבליבן אין די הייזער, אָבער פיל גאַסן־מיידלעך האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די פענסטער און טירן. האָבן אָפּגעענטפערט מיט געלעכטער אויף די זאַפטיקע שפּאַסן פון די אַריינמאַרשירנדיקע מענער. די זענען געריטן און געלאָפן דורך די גאַסן אָן שום אָרדענונג — צעבראָכן און צעבעטלט, מיט ביק באַוואָפנט, אַלע אין זייערע רייזיקע, שפּיציקע הי...

פראַנק ברוין איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן און אַראָפּגעקוקט. מיטאמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. „אַריין!“ האָט ער אויסגערופן, און זיך אויסגעדרייט.

ס׳איז אַריינגעקומען אַן אָפיציר, אַ הויכער מיט אַן אָדלער־נאָז. פראַנק ברוין האָט באַמערקט, אַז ער ווייניקסטנס איז געווען גלאַט אָפּגעראַזירט.

„כ׳בעט מיר צו אַנטשולדיקן“, האָט ער געזאָגט גאַנץ העפלעך. „איך מוז אייך אַרעסטירן“.

„ווער זענט איר?“ האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„איך בין דעם גענעראַלס אַדיוטאַנט!“ האָט אויסגערופן דער אַנדערער. „עס טוט מיר זייער לייד — אָבער כ׳מוז אייך אָפּפירן אין תפיסה אַריין“.

„ווער האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל?“ האָט פאַרלאַנגט פראַנק ברוין.

„איך אַליין“, האָט געענטפערט דער אַדיוטאַנט. „איר זענט אַ פרעמדער, געקומען פון די שטאַטן, און האָט נישט קיין שום פאַפּירן. מיר מוזן דעם ענין אויספאָרשן — ביטע, קומט מיט מיר“

פראַנק ברוין האָט גענוי באַטראַכט דעם אָפיציר. ער האָט געטראָגן הויכע לעדערנע קאַמאַשן — געהאַט שטעקן אין גאַרטל דריי רעוואָלווערן; אין דער האַנט האָט זיך געהוידעט אַ קליין עלעגאַנט רייט־בייטשל. קיין ראָק, קיין וועסטל, דאָס בלאָע העמד איז געווען פאַרשטויבט און פאַרשוויצט. ס׳איז געשטאַנען האַלב אָפן — דאַן האָט ער דערזען אַ שטיקל ווייסע וואָל מיט בלאָע שטרייפן.

„אַרבע־כנפות?“ האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

דער פרעמדער איז נשתומם געוואָרן. „דאָס האָט מיך נאָך קיינער נישט געפרעגט אין מעקסיקע!“ ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, זיך אויסגעדרייט צום צימער אַהין, אַז ער זאָל אים גוט קענען אָנקוקן, אין פולן ליכט. „צי זענט איר אויך —?“ האָט ער פאַרגעזעצט. „ניין, ניין — איר זענט אַ דייטש!“

פראַנק ברוין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ, דאָס בין איך טאַקע — און אייער אויספאָרשונג וואָלט איר בעקענט דאָ אָנהויבן. אויב אייך איז ניחא! ביטע, זעצט אייך!“

זיי האָבן זיך ביידע אָוועקגעזעצט, געשמועסט אַביסל, און האָבן זיך שנעל פאַרשטענדיקט.

וואָס ער האָט דאָ געוואָלט? נו, יאָ, באַקענען די שטימונג, דאָ אין לאַנד. — וועלכע שטימונג? פאַר ווילאַ אָדער קאַראַנצאַ — אָדער פאַר וועמען אַנדערש? — ניין, דאָס איז אים גאַנץ גלייכגילטיק — אים אינטערעסירט בלויז איין שטימונג: לגבי וואַשינגטאָן — פאַר אָדער קעגן —?

„איר האָט פיינט די יענקיס?" האָט געפרעגט דער אַדיוטאַנט.

„צי זאָל איך זיי ליב האָבן?" האָט ער אָפּגעענטפערט, דערפאַר, ווייל זייערע קוילן האָבן אָוועקגעלייגט טויזנטער לאַנדסלייט מיינע?"

אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט געזאָגט דער אַדיוטאַנט: „איך בין פון ניו-יאָרק —"

„פון העסטערסטריט?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

דער אָפיציר האָט זיך צעלאַכט. „איר זענט משמעות געניט! פון העסטערסטריט גראָד נישט — אָבער נישט זייער ווייט פון דאָרטן". ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע. „איך בין אַמעריקאַנער בירגער — נאָך ביזן היינטיקן טאָג. און איך בין עס געווען מיט לייב און נשמה — אַלס קינד און דערוואַקסענער. כ'האָב געגלויבט פעלזנפעסט אין פרייהייט גלייכהייט און גערעכטיקייט — אין דעם גרויסן סימבאָל פון ניו-יאָרקער פּאָרט — נישט געקענט קיינזאַך, וואָס איז נישט געווען שטערן און שטרייפן. ביז —"

פראַנק ברוין האָט איבערגעחזרט: „ביז?"

דער אַדיוטאַנט האָט גערעדט ווייטער: „ביז איך האָב איינגעזען, אז דאָס אַלץ איז פּרעכער שקר און געמיינער שווינדל! — זעט איר, הער, איך בין אַ געבוירענער זעלנער — כ'האָב נישט געחלומט וועגן עפּעס אַנדערש. מיין פאָטער האָט זיך מצער געווען, דערפון, אָבער מיין מוטער האָט זיך געפרייט — זי האָט געזאָגט אַז איך האָב אין מיר דאָס בלוט פון די מכבים. איך האָב מיך געלערנט צושניידעריי, אָבער ענדלעך, ווען כ'בין באַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, בין איך אַריינגעטרעטן אין איין-און-זיבציקסטן פרייוויליקן רעגימענט. אומעטום זענען געווען אויסגעהאָנגען די פּלאַקאַטן, אין אַלע עקן האָט מען פונאַנדערגעטיילט אויפרופן; „עס איז די פליכט פון איטלעכן פּאַטריאָטישן בירגער —!" פּאַטריאָ-

טיש בין איך געווען ביז אין די ביינער אריין. מיין חוב איז עס געווען: האָב איך מיך אַלזאָ געמאָלדן צום מיליטער.

ער האָט זיך צעלאַכט, אַ קנאַל געגעבן מיטן רייט־בייטשל אין די לופט. „זיי האָבן מיך באַטראַכט — דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ פּראַכטפולער יונג, מיט וועלכן דער גאַנצער רעגימענט וועט נאָך אַמאָל שטאָלצירן, דערנאָך אָבער — באַלד אין צוויי טעג אַרום — האָט מען מיר דערקלערט, אַז איך בין נישט טויגלעך, קערפּערלעך נישט טויגלעך! איך האָב געהיילט אַ גאַנצע נאַכט — אויפצומאַרגנס בין איך גלייך אַוועקגעלאָפן צו אונזער אַלטן דאָקטאָר, מיך געלאָזט נאָכאַמאָל באַטראַכטן. קיין שום מענטש אין ניו־יאָרק איז נישט אַזוי געזונט ווי איך, האָט ער דערקלערט. איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון מיין שכירות, בין אַוועק צום גרעסטן דאָקטאָר אין דער שטאָט, מיך געלאָזט באַקוקן און באַטאַפּן שעהנלאַנג. אַ היפּש פּעקל פון פּראַכטפולע צייגנישן האָב איך באַקומען — און האָב זיי אַוועקגעשיקט אין רעגימענט אַריין. אָבער ווידער איז געקומען אַן ענטפער: נישט טויגלעך! זיי האָבן מיך נישט געוואָלט, האָבן מיך פאַראַכט — ווייל כ׳בין געווען אַ ייד. זיי האָבן נישט געוואָלט קיין ייד אפילו אַלס פּשוטן זעלנער!”

ער איז אויפגעשפּרונגען און אים דערלאַנגט זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם. „פּרוּווט נאָר!” האָט ער אויסגערופן. פראַנק ברוין האָט געפּרוּווט אָנצונעמען, ווי שטאָל זענען געווען די־דאָזיקע מוסקלען. דערנאָך האָט דער ייד אויפגעהויבן דעם רעכטן פוס. „נעמט נאָר אָן — קיין פעסטערע שענקלען האָט צומאָל קיין פערד נישט”. ווידער האָט ער אים געטון דאָס געפעליקייט, האָט אים אָ־געגנומען באַם פוס, געפּרוּווט דאָס פלייש צו קניפּן. אָבער ס׳איז געווען אוממעגלעך — ס׳איז געווען ווי פון שטיין אויסגעהאַקט.

„אַ ליאַדע קרומער, פּלאַטפיסיקער סוביעקטל הינקט־אַרום מיט דעם ברוינעם אוניפאָרם איבער די ניו־יאָרקער גאַסן”, האָט ער אויסגעשריגן. „אָבער מיך האָבן זיי נישט געוואָלט — ווייל איך בין געמלט! — איך בין געווען — נישט טויגלעך!”

ער האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט אויף דער שטול, אויסגעפייפט הויך אַ פּאָר טאַקטן פון עפּעס אַ לידל. „זיי האָבן מיך געלערנט אין שול, אַז דאָס יענקי־לאַנד איז דאָס הערלעכסטע און פרייעסטע פון דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן מסתּם געטראַכט, אַז

איטלעכער ייד דאַרף זיך פילן גליקלעך און זיין אייביק דאַנקבאַר, ווען ס'טיילט אים אָפּ דער אָקעאַן פון דעם צאַרס נאַהייקע. אָבער מיין פאָטערס וויגעלע איז נישט געשטאַנען אין רוסלאַנד, אויס גאַליציע שטאַמען מיר. זיין ברודער איז געווען רבי — און מאַכנ־דיק אַביסל געלט פון די נאַפט־געשעפטן אונטער דראָהאָביטש, איז ער אַוועק קיין ווין. דאָרט זענען זיינע זין געגאַנגען אין גימנאַזיע, און באַקומען אַ ווייט בעסערע שול־בילדונג, ווי איך האָב עס גע־האַט. איינער איז אינזשעניער, איינער סטודענט אין דער אוני־ווערסיטעט און צוויי, צוויי זענען — לייטענאַנטן! היינט שטייען זיי אַלע פיר אין פעלד, קעמפן קעגן די מערדער פון אונזער פאָלק. דאָס איז בעסער, ווי אין דעם ניו־יאָרקער געטאָ — ווו מיר מעגן בלויז אויפרייסן דאָס מויל!"

ער האָט געפּאַכעט מיטן בייטשל אין דער לופט. „איך לייען אָפּט ניו־יאָרקער צייטונגען, וואָס אַ פריינט שיקט מיר טיילמאָל צו. יעדן טאָג קנעלן זיי עס איין — פונקט ווי אַמאָל אין שול — אַמעריקע איז דאָס פרייעסטע לאַנד אין דער וועלט! דייטשלאַנד און עסטרייך זענען פאַרשקלאַפטע, רעאַקציאָנערע לענדער, די לעצטע און די ערגסטע אויף דער גאָרער ערד. אָבער דאָרט זע־נען מיינע פעטערס אָפיצירן — און דאָ בין איך פאַר זיי צו שלעכט אַלס פראָסטער זעלנער אפילו!"

און ער האָט איינגעבויגן דאָס בייטשל, גלייך ער וואָלט עס ווען אין צווייען צעבראָכן. ער האָט געקריצט מיט די ציין, שווער געסאָפּעט, כמעט געשטיקט זיך. דערנאָך איז ער האַס־טיק אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אים דערלאַנגט די האַנט.

„איר האָט דאָ דערמאָנט, אַז איר קענט מיין שעף". האָט ער אויסגערופן, „גוט! — איך וועל קומען נאָכמיטאָג און אייך אַהינפירן צו אים. און מיר וועלן דאָרט קענען אַביסל פאַרברענ־גען — אויב איר האָט חשק".

פראַנק ברוין האָט אים געדריקט די האַנט. „אייער נאָמען?" האָט ער געבעטן.

דער ייד האָט זיך צעלאַכט. „דע פיעדראָפּערלאַ — ווי גע־פעלט אייך דאָס? פערלסטאָן הייסן מיינע עלטערן אין ניו־יאָרק — פּערלשטיין מיינע פעטערס אין גאַליציען. אָבער רופט מיך פּערל־שטיין — דאָס קלינגט בעסער".

ער האָט שוין געהאַט געעפנט די טיר, אָבער ר׳האָט זיך צוריק אויסגעדרייט: „אָך, כ׳האָב אייך לחלוטין פאַרגעסן צו פרעגן, וואָס איר האָט דאָ בדעה צו טון”, האָט ער אויסגערופן. „אָבער אויב אייער מיסיע איז די, צו העצן אַקעגן די יענקיס — איז עס אַן איבעריקע טירחה! דאָ חלומט קיינער נישט, בײַ טאָג און בײַנאַכט, וועגן עפּעס אַנדערש, ווי פון דער שנאה צו די יענקיס, וואָס האָבן חרוב געמאַכט דאָס לאַנד.

* *

*

פראַנק ברוין איז געבליבן ביזן אָוונט אין זיין אכסניא און געוואַרט. אָבער דער אַדיוטאַנט איז נישט געקומען. האָט ער גע־הייסן אָנזאָטלען זיין פערד, אַרויסגעריטן אין לאַגער אַריין און זיך נאָכגעפרעגט צו ווילקאָס קוואַרטיר. ער האָט זי באַלד געפונ־נען, אין אַ באַזונדערן פּאַוויליאָן האָט געהויזט דער גענעראַל. דער פאַרווילדעטער גאָרטן האָט געשווירבלט און געווימלט פון זעלנער. די זענען געשטאַנען, געזעסן, געלעגן און געזויגן זייערע שטיקלעך פאַפּיראָסן.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף ווילקאָס אַדיוטאַנט, דעם פּאָלקאָווניק פיעדראָפּערלאַ. אָבער קיינער האָט נישט געקענט אַזאַ נאָמען, קיינער האָט אים נישט געקענט געבן קיין שום ידיעות. נייגעריק, גרייט אים אַרויסצוהעלפן, האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אין אַ גרויסן קרייז אַרום זיין פערד.

ווי אַזוי זעט ער דאָס אויס, דערדאָזיקער מאַן?

שלאַנק, הויך, גלאַט ראַזירט, עלעגאַנט, אָפּגעברענט, שוואַר־צע האָר און אויגן —

זיי האָבן זיך געשושקעט אַהין און אַהער — און האָבן נישט געקענט טרעפן.

„אַזאַ נאָז האָט ער”, האָט פראַנק ברוין אויסגערופן און אָנגעצייכנט מיט די פינגער אַ ריזיקן בויגן אינדערלופטן.

דאַן האָבן זיי זיך צעלאַכט, און גענומען אַרומשפּרינגען ווי די חדר־יינגלעך. אָ, דעם קענען זיי גוט, אָ, יאָ, דער מיט דער

גרויסער נאָז: יאָ, בעניאַמינאָ איז עס אוודאי! — און זיי האָבן געגומען שרייען און רופן אַלע מיטאַמאָל: „דאָן בעניאַמינאָ!"

אַלזאָ בנימין הייסט ער — בנימין פערלשטיין, האָט געטראַכט פראַנק ברוין.

דאַן איז אָנגעפֿלויגן אַ פערד פון צווישן די קוסטעס אַפעראיינגאַנצן באַדעקט מיט שוויס. דער רייטער איז אַראָפּגעשפּרונגען, צוגעוואָרפן א זעלנער די לייצעס. „אָך, דאָס זענט איר?" האָט ער אויסגערופן. „איך קום טאַקע פון אייער האָטעל — איר מוזט אַנטשולדיקן, מיר זענען געווען זייער שטאַרק פאַרנומען היינטיקן נאָכמיטאָג".

ער האָט אים אָנגענומען באַם אָרעם און אים צוגעפירט צוווילאַס וווינונג.

„דער גענעראַל איז היינט בייז און זייער שלעכט געשטימט". האָט ער געזאָגט. „די טענצערין ליגט אים אין מאָגן!" ער האָט זיך צעלאַכט, און אַ קאָפּע־געטון אַ שלאָפנדיקן זעלנער, וואָס איז געלעגן אויף די שטיגן. „יאָ, אַ שפּאַנישע טענצערין — אַ פאַרשאָלטענע חיה! זי האָט אונז אַלעמען די קעפּ פאַרדרייט, פאַנטשאַ ווילאַן און מיר און אַלע איבעריקע. קיינעמען באַשענקט זי נישט מיט איר חסד — און איז קאַלט פונקט ווי דאָס אייז־וואַסער, וואָס מ'שטעלט אויף אַלע טישן אין ניו־יאָרק".

פראַנק ברוין האָט זיך אַרומגעקוקט. „נו, דעם אמת געזאָגט, זעט קיינער פון אייך כּלל נישט אויס אויף אַזעלכן, וואָס זאָל ווערן א פרוי לאַנג בעטן".

„דאָס איז טאַקע נישט באַ אונז אין דער מאָדע", האָט געענטפערט דער אַדיוטאַנט. „אַבסאָלוט נישט! אָבער די צווינגט אונז דערצו — דער טייוול ווייסט עס, ווי אַזוי! איטלעכער איז אויף איר אייפערזיכטיק, און אַזוי־ערנאָך איז איטלעכער איר באַשיצער. — אַ שאָד, וואָס איר זענט נישט געקומען מיט אַכט טעג פריער, איר וואָלט נאָך דאַן אָנגעזען אַ גוטן שראַם אויף מיין פּנים, וואָס גאָהיטאַ האָט מיר געגעבן צום אַנדענקען. איך האָב זי אַרומגענומען באַ דער טאַליע — האָט זי מיר אַרויסגעריסן די אייגענע רוט און מיך מכבד געווען. ווילאַ און דאָמינגאָ אין אַלע איבעריקע האָבן זיך אַזש געלייגט פאַר געלעכטער! אָבער איך מעג מיך טרייסטן; זי האָט שוין מער קלעפּ דאָ אין לאַגער

ארומגעטיילט. לא פעגאַנאַ, די שלעגעריין. רופן זי די וועלנער — וועלכע זענען גרייט צו שפּרינגען פאַר איר אין פייער אריין!"

זיי זענען צוגעקומען צו אַ הויכער טיר, פונוואַנען ס'האָבן אַראָפּגעהאָנגען געלע פאָרהאַנגען, דערלעבן האָבן סאַלוטירט עטלע־כע זעלנער. דאָן בעניאַמינאַ האָט אַוועקגעמאַכט די פאָרהאַנגען, און אַריינגעשריגן אַ פּאָר ווערטער אין דעם פולשטענדיק פינס־טערן צימער.

און פון הינטן האָבן זיך דערהערט פאַרשטיקטע קללות, אַ טיף, כמעט אומפאַרשטענדלעך, אָפּגעריסן וואָרטשען.

דער ייד האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די פאָרהאַנג. „קומט", האָט ער געזאָגט, „ס'איז בעסער, אַז איר זאָלט אים היינט צורו לאָזן. ער וועט אייך זיכער איינלאַדן אַהער מאָרגן צום נאָכטמאָל — דאַן וועט ער זיין בּאַ דער שטימונג, און איר וועט קענען מיט אים אַדורכקומען".

* * *

דער אַדיוטאַנט האָט אַ פייף געטון נאָך די פערד. „לאָמיר זיך אַביסל דורכרייטן, איידער די זון גייט אונטער". האָט ער פאָרגעשלאָגן.

זיי זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף זייערע חיות און זיך גע־לאָזט רייטן גאַנץ לאַנגזאַם דורכן גאָרטן. לעבן טויער האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן; דער אַדיוטאַנט האָט געלאָזט רופן עטלעכע אָפי־צירן, און זיי אַרויסגעגעבן אַ פּאָר פאַראָרדענונגען.

פלוצלינג האָט פראַנק ברוינען גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. ער האָט געהערט די שטים פון דעם הויפטמאַן, יעדעס וואָרט און יעדע זילב אַפילו. אָבער ס'איז אים פאָרגעקומען, גלייך ווי יענער וואָלט גערעדט אויף אַ פרעמדער שפראַך, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען. און דערביי האָבן אים פאַרלאָזט אַלע חושים מיטאַמאָל. זיינע פיס האָבן שוין מער נישט אַרומגענומען דעם מעקסיקאַנישן הילצערנעם זאָטל — זיי זענען געהאָנגען אינ־דערלופטן. זיינע הענט האָבן שוין מער נישט געפילט די לייצעס, זיי זענען אַליין אַראָפּגעפאַלן אויפן פערדס האַלז. עס האָט זיך

אים אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט שוין נישט געהאַט קיין טראָפּן בלוט אין לייב, לאַנגזאַם איז ער אַראָפּגעזונקען אויף פּאַרנטצו —

דער אָפיציר איז צוגעשפּרונגען, אים פעסט אָנגעכאַפּט, און אים צוריק אויפגעזעצט. „וואָס איז אייך?" האָט אויסגערופן דער אַדיוטאַנט. „מענטש — ווי אַ חולה מסוכן זעט איר דאָך אויס!"

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — עפּעס אַ לייכטער קאָפּ-שווינדל נאָר — ס'איז שוין אַלץ צוריק גוט.

אָבער דער ייד איז נישט נישט געווען צופרידן. „מיר וועלן אַהיימרייטן צו אייך — דאָס וועט זיין צומבעסטן! — זאָגט מיר נאָר — וואָס האָט איר היינט געגעסן?"

ניין, ניין, זיין מאָגן איז אין דער בעסטער אָרדענונג — היינט און אַלעמאָל.

„צי האָט איר נישט אַמאָל געגעסן עפּעס אַ פאַרגיפטעט מאכל! ווייל דאָן העלפט נישט דער בעסטער מאָגן אפילו! און דאָ בא אונז איז גאַנץ מעגלעך אַזא זאַך — אין היינטי-קער צייט."

פראַנק ברוין האָט לאַכנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער מעג זיין גאַנץ רויק — דאָס איז נאָר אַ לייכטע נערוון-אָפּשוואַכונג, אויף וועלכער ער ליידט שוין זינט עטלעכע חדשים.

„ס'קען זיין, אָדער נישט", האָט געזאָגט דער הויפּטמאַן. איצט זענט איר אונטער מיין השגחה — טאָ לאָזט-זשע מיך זאָרגן דערפאַר".

ער האָט אים געהאָלפן אַראָפּקריכן פון פערד, אַרויפגעפירט אים אין זיין צימער און אים געלייגט אין בעט אַריין. אַוועקגייענ-דיק, האָט ער אָנגעזאָגט דעם זעלנער, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף דער קיך. איבערהויפּט ווען מ'קאָכט פאַר דעם פרעמדן הער.

„גיב אכטונג, אַז מ'זאָל נישט אַריינטון אין עסן, דאָס וואָס קער זיך נישט אַהער. מ'זאָל קאָכן טאָפּעלע פּאָרציעס — און דו וואָלסט אַלץ פאַרזיכן, און אויפעסן פון איטלעכער די העלפט!

„גוט, מיין הויפּטמאַן", האָט געענטפערט דער זעלנער, צו-פרידן פון דעם באפעל.

דערנאָך האָט זיך פערלשטיין געווענדט צום בעל-הבות. „איר האָט געהערט — וואָס איך האָב באפוילן דעם זעלנער! — מיר

האָבן אַ חשד! און איר זענט פאַראַנטוואָרטלעך — איר! אויב ס'זאָל עפּעס געשען — שטעלט מען אייך צו דער וואַנט! היט־זשע אייך!"

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, איז ער האַסטיק אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן און אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין קלאַטשע.

פראַנק ברוין איז אויפגעשטאַנען און צוגעשלאָסן די טיר.

ער איז נישט געווען מיד, ניין. נאָר עפּעס פּוסט, פּוסט — אָ, אַזוי פּוסט! דאָס אייגענע געפיל, וואָס ער האָט געהאַט בעת ער האָט אין פילאַדעלפיע געדאַרפט רעדן אַקעגן דער ליווינגסטאָנ־ דעמאָלט ווען ער האָט געקושט די פאַרסטין —

דעמאָלט — און דערנאָך ווידער, בעת ער איז צוריקגעגאַנ־ גען מיט לאָטען פון דער אָפּערע — און ווידער, בעת ער —

אָפּט, גאַנץ אָפּט אַפילו. אַמאָל שטאַרקער און אַמאָל שוואַ־ כער — אָבער פאָרט נישט אַזוי שטאַרק ווי היינט.

אָבער ער האָט זיך געטרייסט. צי איז ער דען נישט אין משך פון אַ סך וואָכן געווען אינגאַנצן צוריק געזונט? אַזוי געזונט, אַז ער האָט זיך צומאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, וואָס ס'איז איי־ גענטליך געווען די מעשה מיט דערדאָזיקער מידער פּוסטקייט!?

דערנאָך איז אים געקומען אויפן רעיון, אַז לאָטע וואָן נעס האָט אים געגעבן אַ קאָנווערט — בעת ער האָט זיך מיט איר גע־ זעגנט. „דאָ זענען דאָ עטלעכע פּראָשקעס," האָט זי געזאָגט, אין פאַל פון אַ שטאַרקן אַטאַק, זאָל ער נעמען איינעם נאָר — ס'אַנט־ האַלט אַ ביסל סטריכנין — און ער זאָל עס נעמען נאָר דאַן, אויב ס'איז שוין דורכויס נויטיק —

ווו האָט ער עס אַהינגעטון? ער האָט אַרומגעזוכט אין די קעשענעס און געפונען דעם קאָנווערט אין בריוונטעשל. ער האָט אים אויפגעריסן, אַרויסגענומען איין פּאַפּירל, אַרויפגעשיט דעם ווייסן פּול־ ווער אויף דער צונג, און עס אַראָפּגעשלונגען מיט אַ שלוק וואַסער.

און איצט אָפּרוען אַביסל —

דער קאָנווערט האָט זיך אים אויסגעוויזן שווער, ער האָט אויסגעשיט דעם אינהאַלט. פיר פּראָשעקלעך אין פּאַפּיר, דערנאָך אַ בריוו־בייגעלע און, אין וואַטע איינגעוויקלט און אין אַ פיינעם לעדערנעם שיידל, אַ גאָר קליינטשיק טאַשנמעסערל. ער האָט גע־ נומען דעם בריוו און איבערגעלייענט. דאָרט איז געשטאַנען אין לאָטעס ווילדן, געציקלטן כתב: „איך בעט דיך, נעם־צו דאָס מע־

סערל, טראָג עס, מיר צוליב, אין דער לינקער בוזים - קעשענע פון דיין העמד. עס איז גאַנץ ניי און ריין — און דאָס קלינגל איז בלאַנק און אָן א שום פלעק. אויב דו דאַרפסט עס נישט גאָר נויטיק, באַנוץ עס נישט. ברענג-זשע מיר עס צוריק — אַזוי ווי ס'איז. דיר וועט עס גאָרנישט זאָגן, מיר — אַלץ".

ער האָט ארויסגענומען דאָס מעסערל, געעפנט דאָס איינציקע קלינגל. ס'איז געווען פון פלאַטין, און האָט געהאַט פון איין זייט דאָס בילד פון אַ סקאָרפּיאָן, און פון דער צווייטער אַ קרעבס. דאָס פּרעכטיקע, קליינע, שטאָלערנע קלינגל האָט געבליצט אין די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון, און איז געווען אַזוי בלאַנק, אַז ער האָט געקאָנט דערין זען זיין בילד זייער דייטלעך, ווי אין אַ שפּיגל. זייער שפּיציק איז געווען דאָס קלינגל און שאַרף ווי א גאָלמעסער.

וואָס זאָל דאָס באַטייטן? האָט ער געטראַכט. אָבער ער האָט עס פּאָרזיכטיק איינגעוויקלט אין די וואַטע, אַריינגערוקט אין דעם ווייכן שיידל, און עס צוריק אַריינגעלייגט אין די קליינע בוזים - קעשענע פון זיין העמד. אייף דער לינקער זייט, איבער דעם האַרץ.

„יאקוט אַל אקבאר. דאָס איז דער סאַפירשטיין, וואָס לאָזט די אומשולדיקע דורכהאַנדלען ריין דורך אַלע תאוות״.

מאהאָמעד איבן אַל קהאַביב.

דאָס איז געווען דער יום־טוב, ווען מ׳האָט געפייערט דעם געבורטס־טאָג פון הויפּט־קאָמאַנדיר, פראַנץ קאַראַקאָלי. און אין דאָזיקן טאָג איז געווען באַ אים צו גאַסט דאָס מיליטער און די גאַנצע שטאָט דערצו. ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט, האָט געקענט אַהינקומען אויפן פּלאַץ פון אָקסן־קאַמף; אַ גרויס פאָלקס־שפּיל איז היינט געווען. נישט דאָס נאַציאָנאַלע כאַ־יפּעאָ בלויז, פאַרברייטערט איז עס דאָסמאָל געווען, אויסגעפּוצט דורך די רעזשי־קונסט פון דער שפּאַניערין, דער גאָהיטאַ.

די גרויסע אַרענע האָט ווייניק געהאַט געליטן דורך די אַלע קאַמפן, בלויז די זוניקע זייט איז געווען צוזאַמענגעבראָכן. מ׳האָט אָבער זייער טיכטיק געאַרבעט אין די לעצטע וואָכן, און אויפגעבויט גרויסע טריבונעס פאַר נייע טויזנטער. אומבאַשעדיקט איז געווען די שאָטן־זייט. דאָ האָבן באַצירט די לאָזשעס ריזיקע פלאַגעס אין גרין־ווייס־רויט, מעקסיקעס פאַרבן.

דעם דיקטאַטאָרס לאָזשע איז נאָך געווען ליידיק; אין דער שכנותדיקער איז געזעסן פראַנק ברוין צוזאַמען מיט עטלעכע גענעראַלן. און אַרום דעם ריזיקן רונדיקן פלאַץ, וואָס אי געווען אָנגעשאָטן מיט זאַמד, אין פופציק אָדער מער אַמפיטעאַטראַל אויפ־

שטייגנדיקע רייעז, איז געזעסן און געשטאנען דער ווארטודיקער המון. די גאנצע אבענזייט האבן פארנומען זעלנער, מיט פלערליי געווער, ווילדע און עזותדיקע, אפגעריסענע און אפגעשליסענע, צווישן זיי אינדיאנער פון ריינער ראסע, פון דרייסיק שטאמען, זמעט אן א טראפן וויס בלוט. ריזיקע שפיציקע היטלען אומעטום, ברוינברויטע פנימער אונטער זיי מיט די שווארצע פלעקן פון אויגן און דער ברייטער שורה פון בליצנדיקע ציין. אויף ביידע זייטן טויזנטער גאסנווייבער, אין פארביקע, שרייענדיקע טיכער, ארויסגעלאזטע אויף שעהן, אדער אויף א טאג; פלייש, פלייש פאר די גיריקע אויגן פון דער סאלדאטעסקע. ווייטער אין שאטן און אין די לאזשעס, די אפיצירן; צווישן זיי עטלעכע בירגערלעכע פאמיליעס מיט זייערע פרויען — דאס בעסטע פון טארעאן.

קיין געשריי, קיין ליארעם — אלץ איז געווען רויק און שטיל אין געשפאנטער דערווארטונג. די גרויסע אלימפיאדע אין אלטן צירק איז באנייט געווארן צום ערשטן מאל — נאך אזויפיל יארן!

די לייב-וואך האט אריינמארשירט, צוואנציק קרעפטיקע יונגען, זשאקיי-אינדיאנער, בעסטער מאטעריאל פאר קריגסלייט. ביקסן, פיסטאלעטן, סאבליעס און קינזשאלן, פאטראנען-גארטלען ארום דעם לייב און טייל איבער דער ברוסט אין דער פארם פון א קרייץ — מארד-כלי-זין אומעטום, ווו ס'האט זיך נאר געלאזט אריינשטעקן.

דאן האט א שאל געטון א טראמפייטן-סיגנאל, שרעקלעך פאלש, אבער דונערנדיק דורך דעם ברייטן אמפיטעאטער — דאן איז אריינגעקומען ער אליין, דער גענעראליסימוס, דער דיקטאטאר, דער הערשער: פראנציסקא ווילא.

ער, וועמען זיי האבן גערופן מיט צערטלעכע נעמען: פאקא און פאנטשא, פראסקיטא און קוריטא, לאשטשנדיקע חניפה-נעמען פאר דעם שטייף-קלינגנדיקן פראנץ. ער, וועגן וועמען אלע האבן געוווסט, אז ער האט שוין צו פיר יאר אנגעהויבן גנבענען, און צו אכט אונטערגעלייגט זיין ערשטע שריפה און צו צוועלף דעביוטירט אלס רויבער. אז אויפן פערצעטן יאר פון זיין לעבן איז ער פאר באגיין א געוואלדטאט איינגעזעצט געווארן אין תפיסה און איז פונדארטן אנטלאפן, און צו פינפצען יאר איז ער שוין געווען א מערדער. ער, ווילא, וועלכער האט נישט געקענט לייענען,

נישט שרייבן, נאָר קוים דעם פאַרגעשריבענעם נאָמען אָנכשירן, און איז פונדעסטוועגן געוואָרן דער גרויסער, מעכטיקער הערשער. מיט א סטויג מאַיס האָט ער אָנגעהויבן — היינט אָבער האָט ער געמאַכט פון גאַנצע שטעט א באַרג אַש. א הינקעדיקער חזרים-פּאַסטוך, וואָס האָט עדות-געזאָגט קעגן אים, איז געווען זיין ערשטער קרבן — איצט אָבער האָט ער אָפּט אויסגעשאָכטן גאַנצע הונדערטער אין איין טאָג, און מ׳דערציילט—מיט גרויל און דאָך מיט גרויס באַוואונדערונג — אַז ער האָט אין דוראַנגאָ געהייסן אויסשטעלן אין א לאַנגער ריי, מיט די הענט פאַרבונדן אויפן רוקן, הונדערט און דרייאונצוואַנציק געפאַנגענע אָפיצירן פון הוערטאס חיל. דאַן איז ער דורכגעגאַנגען דעם פראָנט, האָט איינעם נאָכן אַנדערן צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו די שלייפן און אים דערשאָסן. הונדערט און דרייאונצוואָנציק — ער אַליין — און אויף איטלעכן איז אויסגעקומען קוים א האַלבע מינוט.

— ווער וואָלט דאָס געקענט דורכפירן אין גאַנץ מעקסיקע? — און ווער אויף דער גאַנצער וועלט אפילו?

ער, נאָר ער אַליין, פאַנטשאַ ווילא —

זיי זענען נישט אויפגעשטאַנען, ווען ער האָט זיך באַוויזן, נישט געפּאַטשט מיט די הענט, נישט געשריגן. — אָבער זיי האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים, זענען געווען ווי פאַרכישופט דורך אים; שווייגנדיק האָבן זיי אים באַוואונדערט. זיי זענען געווען פאַרבלענדט און מיטגעריסן פון זיין ווילדער גרויסקייט.

פראַנק ברוין האָט געטראַכט: „זיי האָבן רעכט. ער איז א טויזנטפאַכיקער מערדער, אַן אכזריותדיקער און רויער רוצח, א מענטשן-קיילער און הלין. ר׳איז רויבער, גנב, אונטערצינדער און שיכּור צוגלייך. אָ, יאָ — דאָס איז ער טאַקע, און ער מאַכט נישט קיין סוד דערפון. אָבער גרויס איז ער אין אַלעם וואָס ער טוט, און שטייגט ווייט אַריבער דעם גאַנצן המון אַרום. ער איז מעכטיק, גרויס — פאַר די קינדער פון דאָזיקן לאַנד.

פאָרנט, אין דער ערשטער לאָזשע, האָט זיך אוועקגעזעצט דער דיקטאַטאָר. ער האָט קיינעמען נישט דערלאַנגט די האַנט, זיך מיט קיינעמען נישט באַגריסט. נישט מיט ביטול — אָבער גאַנץ גלייכגילטיק איז געפאַלן זיין בליק אויף די פאַרביקע מאַסן.

ווידער אַ צעבראָכענער טראַמפּייטן-שאַל — און ס'האָט זיך אָן עפן געטון דאָס קליינע טויער פון דער מזרחדיקער זייט. דער אַלגוואַסיל, אין אַלטשפּאַנישן טראַכט און דעם וועלאַסקועז - הוט אויפן קאָפּ און מיט דער באַצירטער שפּאַדע אין דער זייט, איז אַריינגעריטן אויף אַ שוואַרץ פערד איבערן זאַמד. ער איז געבליבן שטיין פאַרן גענעראַלס לאָזשע, האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און גע-פרעגט מיט אַ שטייפן זשעסט, צי ער דערלויבט אָנצוהויבן דאָס שפּיל.

דאַן בעניאַמינאָ איז געשטאַנען הינטער דעם דיקטאַטאָר, דער האָט אים דערלאַנגט דעם אַלטן, פאַרזשאַווערטן שליסל.

פּאַנטשאָ ווילאַ האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען שטיין, לעבן דעם אַדיוטאַנט, אַ זעלנער מיט אַ קליין קיישעלע. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַר דער אומגעגאָלטער באָרד — דאַן האָט ער צוריקגעגעבן דעם שליסל, אַ ווינק געטון צו דעם זעלנער און זיך צעזעצט ברייט אין זיין פאָטעל.

דער זעלנער איז צוגעקומען, פונאַנדערגעפּאַקט דאָס קוישל, אַרויסגענומען נישט קיין גאָר ריין האַנטוך, און דערמיט אַרומגע-הילט דעם גענעראַלס אַקסלען. דערנאָך האָט ער גענומען זיין מע-שענע שיסל, מיטן קיילעכדיקן אויסשניט פאַרן האַלז, אַריינגעגאָסן אין איר אַביסל וואַסער פון אַ קליין קריגל, האָט אַריינגעטון זייף און גענומען פונאַנדערשלאָגן אַ שוים.

אהאַ — דער הער גענעראַליסימוס האָט זיך געלאָזט ראַזירן.

דער הויפּטמאַן פּערלשטיין איז צוגעגאַנגען צו פראַנק ברוינען, אים דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט שטילערהייט: „געוויינלעך ראַזירט ער זיך אַלע שבת, אָבער נעכטן איז ער געווען אַזוי שלעכט געשטימט, אַז ער האָט אַזש אַ קאָפּע געטון דעם זעלנער און אים אַרויסגעוואָרפן. האָב איך אים היינט מיטגענומען. — איר וועט זען, דער גענעראַל ווערט תיכּף מענטשלעכער, ווען ער איז נאָר פריש אָפּגעגאָלט".

דער זעלנער האָט צוגעשטעלט די מעשענע שיסל אונטערן גענעראַלס האַלז, און אָנגעהויבן אים געלאַסן און גרינטלעך איינ-צווייפן. דער דיקטאַטאָר איז געזעסן רויק — אָבער מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעשטעלט — דער זעלנער האָט געשיקט צוריק-געצויגן זיין שיסל.

„דאָרשט!״ האָט געזאָגט פּאַנטשאַ ווילאַ.

מ'האָט אָנגעפּילט אַ גרויס גלאָז מיט ברודיק־געלן אַגאַוועניש שנאַפּס. ער האָט זיך אויסגעשווענקט דאָס מויל און אויסגעשפּיגן, דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקען אַ צווייט גלעזל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ און האַלב צוגעמאַכט די אויגן. אָבער ווען דער גאָלער איז צוגעקומען מיט זיין שיסל און זיך אָנגעבויגן צו אים, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אָנגעשפּיצט די דיקע ליפּן, און אַריינגעשפּריצט דאָס גאַנצע שווענקעכץ דעם זעלנער אין פּנים אַריין. ער האָט זיך הויך צעלאַכט, געפּלעסקעט מיט די הענט, און געפרייט זיך ווי אַ קליינער קונדס פון דעם געלונגענעם שפּאַס. דער זעלנער האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים און געמאַכט העויות — און אַלע אַרום האָבן געלאַכט, נישט חניפהדיק, נישט קריכעריש און שקלאַפיש — ניין, אָפן, פריילעך און האַרציק: דאָס איז געווען אַ זייער גוטער וויץ, באמת, דאָס האָט מען געמוזט מודה זיין.

דערנאָך ערשט האָט דער גענעראַל אויסגעטרונקען דריי גרויסע גלעזער פון דער ברודיקער משקה, וואָס זיי רופן־אָן „polque״ ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער שטול, צוגעמאַכט די אויגן, און דער זעלנער האָט גענומען זיין פּענזל, געזייפט און געזייפט, גלייך ווי ער וואָלט געהאַט אָפּצוקראַצן אַ גאַנצן פּאָלק סאָלדאַטן. דערנאָך האָט ער ארויסגענומען זיין גאָלמעסער.

אונטן האָט געוואַרט דער שטאָט־שרייבער אויפן פערד, מיטן הוט אין דער האַנט. אויף דער אַרענע זענען געשטאַנען גרייט די פערד און די אָקסן, רייטער און קעמפער — אַרום און אַרום אין דעם ריזיקן צירק האָבן שטיל געוואַרט די געוואַלטיקע, געשפּאַנטע מאַסן. קיין שאָרך אַרום — נאָר אַ קוקן און שווייגן און וואַרטן.

און פּאַנטשאַ ווילאַ האָט זיך געלאָזט ראַזירן.

*

* *

ענדלעך איז ער געווען פאַרטיק, דער גאָלער האָט אים אַביסל באַשפּריצט מיט שמעקעדיק וואַסער, אָפּגעריבן און באַשיט מיט פודער, אַ גרויסע דאָזע פודער, נאָך צוויי גלעזער אַגאַווענישן

בראָנפן, דערנאָך ערשט האָט ער אַ וואָרף געטון דעם שליסל אין זאַמד אַריין.

מיט גרויס מי איז דער דאַרביייניקער אַלגוואַסיל אַראָפּגע־קראָכן פון פערד, האָט אויפגעהויבן דעם שליסל, ווידער אַרויפגע־קלעטערט אויפן זאָטל און זיך אַראָפּגעריטשט פון דער צווייטער זייט אויף דר'ערד. די מאַסע האָט געלאַכט — דאָס איז געווען אַן אוראַלטער וויץ, אַז דער שטאָט־שרייבער האָט געדאַרפט מאַכן דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט נישט געקענט רייטן.

דער אַדיוטאַנט האָט אַ ווינק געטון צו פראַנק ברוינען און אים פאָרגעשטעלט פאַרן גענעראַל. אָבער דער האָט זיך באַלד דער־מאָנט אָן דעם דייטש, וואָס האָט אים מיט עטלעכע יאָר צוריק גע־שענקט דאָס שיינע ציגאַר־טעשל; ס'איז אים ערגיצוווּ נעלם גע־וואָרן, עמיצער האָט עס אים מסתם צוגעגנבעט. אָ, ווען ער וואָלט געקענט פאַקן דעמדאָזיקן חברהמאַן.

פראַנק ברוין האָט געטראַכט: ווי נאַריש, וואָס כ'האָב וועגן דעם נישט אַ טראַכט געטון, אַלמאַי האָב איך נישט מיטגעבראַכט קיין אַנדערס פון ניו־יאָרק? — דאָס איז געווען אַ זילבערן, שרעק־לעך געשמאַקלאָז טעשל, וואָס אַן אַמעריקאַנער האָט אים געהאַט געגעבן מיט עטלעכע טעג פריער, פאַר עפּעס אַ חוב. אָבער די מעקסיקאַנער האָט עס זייער געשטאַכן אין די אויגן, ווייל — אין דער שלעכטער עמאַליע — זענען געווען אויסגעקריצט צוויי נאַ־קעטער פרויען.

ווידער האָט זיך געעפנט דאָס טויער — און ס'האָט געצירט די פייערלעכע פּראָצעסיע אונטער די קלאַנגען פון אַ ליאַרמענ־דיקע מוזיק.

דער אַדיוטאַנט האָט באַמערקט: „געוויינלעך שפּילן זיי נאָר די מאַרסעליעזע, דעם גענעראַלס באַליבט ליד — דאָס אָבער איז לכבוד אייך!"

פראַנק ברוין האָט זיך געמוטשעט גרויס מי געבן אַרויסצובאַקומען דערפון עפּעס אַ מעלאָדיע. „דאָס־דאָ?" האָט ער אויסגערופן. „אָבער דאָס איז דאָך דער שפּאַנישער נאַציאָנאַלער הימן!"

דער אַדיוטאַנט האָט געענטפערט: „אוודאי! אָבער דאָס איז די איינציקע דייטשישע זאַך, וואָס די קאַפּעליע קען שפּילן."

„וואָס הייסט, דייטשישע?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין,

דער אַדיוטאַנט האָט זיך צעלאַכט, אַ צופרידענער מיט זיך. „צי ווייסט איר נישט, ווער ס'האָט דאָס קאָמפּאָנירט? — אָבער איך ווייס! דער פרייסישער קעניג, פרידריך דער גרויסער."

פראַנק ברוין האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט, אָבער דאָן בעניאַמינאָ האָט געשאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ. — „עס איז באמת אַזוי — איר וועט עס געוויר ווערן, ווען איר וועט זיין צוריק אין אייראָפּע. און — גלייבט מיר — דער דאָזיקער קעניג וועט אין גיכן פאַרנעמען אין ווילאַס קאָפּ דאָסזעלבע אָרט, וואָס ס'האָבן ביזאַהער פאַרנומען מאַראַט און ראָבעספּיער."

דורך דער אַרענע פון צירק האָט דורכמאַרשירט דער פאַרביקער צוג. פאָרויס איז געריטן דער שטאָטישער שרייבער אין שוואַרץ־סאַמעטענעם טראַכט, הינטער אים עטלעכע פּיקאַדאָרן מיט לאַנגע לאַנצן און רונדע פילצענע הוטן, וועלכע זענען ענלעך געווען צו דעם גאַלערס מעשענע שיסלען. פאָרויס פאַר די פוס־גייער איז געגאַנגען אינגאַנצן אין ווייסן — אַ מענטש, וואָס האָט פאַרגעשטעלט דעם דאָן טאַנקרעדאָ. צוויי עספּאַדן און אַ האַלב טוץ באַנדעריליערן; אַלע אין שפּאַנישע טאָרעראָ־קאָסטיומען, בלויע, ראָזע, גרינע און פיאָלעטע, מיט זייער פיל גאָלד און זילבער — מיט די פאַרביקע טיכער איבערן לינקן אָרעם. בלויז איינער אין אַ שוואַרצן בגד, דער וואָס האָט געדאַרפט דערלאַנגען דעם לעצטן טויט־קלאַפּ: דער פּונטילעראָ. און ווייטער, אויף פּרעכטיקע חיות, פיר רייטער, אין מעקסיקאַנישער הלבשה: רייזיקע הוטן, לאַנגע לעדערנע הויזן און אומגעהייער גרויסע שפּאָרן. און אומעטום זילבערנע פליטערלעך און באַצירונגען — אויפן געשפּאַן פון די פערד, ווי אויך אויף די קליידער פון די מענער. נאָך זיי, אויף אַ שניי־ווייסן פערד, פון ריינעם אַראַבישן בלוט, איז אַריינגעפאָרן אַ פינפטער רייטער, אין אַ נאָך רייכערן און פינקלדיקערן טראַכט, מיט נאָך אַ גרעסערן הוט און מיט נאָך מעכטיקערע שפּאָרן.

„דאָס איז וואַסקועז קאַברעראָ" האָט געזאָגט דער אַדיוטאַנט צו פראַנק ברוינען. „איר וועט זען, וואָס ער קען".

נאָך אים זענען געגאַנגען די טשולאָס, אַ מחנה לייזיקע לומפּן אין רויטע טוזשורקעס און היטלעך, מיט דער קוואַדריגע מוילטירן, אויסגעפּוצט אין דרייפאַרביקן געשפּאַן: רויט־גרין־

ווייס. זיי זענען געווען אָנגעגרייט אַרויסצושלעפּן פון דער אַרענע די נבלות פון די טויטע פערד און אָקסן.

אָסער דער צוג האָט זיך נאָכנישט געהאַט געענדיקט. היני־טער אַלע מענער איז געגאַנגען, גאַנץ אַליין, אַ שלאַנקע פרוי.

„דאָס איז די גאָהיטאַ", האָט אויסגעשריגן דאָן בעניאַמי־נאַ — „Dolores Echevarria la Pegona!"

זי איז געווען געקליידט ווי אַ טעקסאַנישער פּאַסטוך, נאָר מיט אַ קורצן לעדערנעם ראָק אָנשטאָט הויזן. און איבערן פּנים האָט זי געטראָגן אַ זייער געדיכטן, ברוינעם שלייער.

„צו וואָס די מאַסקע?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

דער הויפּטמאַן פּערלשטיין האָט זיך צעלאַכט: „זי איז ווייַ־סער פון שניי און וויל זיך אויף דער זון די פאַרב נישט פאַר־דאַרבן! דאָס איז דער גאַנצער סוד — בײַ אונז פאַרשטייט דאָס איטלעכער".

דער גאַנצער צוג איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם דיקטאַ־טאָרס לאָזשע. שטייף האָבן זיי אַראָפּגעצויגן די הוטן, דער גענע־ראַל האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ האַנט־באַוועגונג. אָבער בעת ס'איז אַדורכגעגאַנגען די שיינע שפּאַניערין, האָט ער גענומען שטאַרק פּאַטשן אין די פויסטן.

דער צוג איז פאַרבייגעגאַנגען לאַנגזאַם און פייערלעך פאַר די טריבונעס אַרום. און די פרויען און מענער האָבן אים באַגריסט מיט געשרייען און געקלאַטשערײַ. זיי האָבן נאָכאַמאָל פאַרביימאַר־שירט דורך דער מיט, צו דער מזרחדיקער זייט — און זענען אַרויס דורכן טויער.

די טשולאָס האָבן אַרייַנגעקייקלט אַ קיילעכדיקע ווייס־געמאָלטע באַליע, און זי אוועקגעשטעלט פונקט אינמיטן אויפן זאמד, מיט דער דעק אַרויף. דערנאָך איז מיט חשיבותדיקע טריט אַרייַנגעקומען דאָן טאַנקרעדאָ און אַרויפגעשטיגן אויף איר. אַלטשפּאַניש איז געווען זיין טראַכט, אָבער ווייס, אינגאַנצן ווייס, פון הוט ביז די שיך. ווייסע הענטשקעס האָט ער געטראָגן און מיט ווייסן פּודער דאָס פּנים באַשיט. ער האָט פאַרלייגט די אָרעמס אויף די ברוסט — אַן אומבאַוועגלעכע גיפּסענע סטאַטוע.

דאַן האָט מען אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן אָקס אויף דער אַרענע. דער האָט גלייך אַריינגעלאָפירט אויפן זאַמד מיט אַ ווילדן אָנפּראַל, מיט טיף אַראָפּגעזונקענע הערנער. און איז געבליבן שטיין אינמיטן, הארט פאַר דער ווייסער באַליע, נישט רירנדיק זי. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרומגעשנאַפּט — ניין, דאָס איז נישט געווען קיין לעבעדיקס. און ער האָט זיך אויסגעדרייט, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, געשלאָגן מיטן עק און געשאַרט מיט די פאָדערשטע קאָפּיטעס אין זאַמד.

אַזוי פלעגט זיך אָנהויבן איטלעכער אָקסן-קאַמף אין מעקסיקע. איצט אָבער איז געקומען אַ באַזונדערער נומער לכבוד דעם דיקטאַטאָר און צו דער גרויסער פרייד פון זיין פאָלק.

דאָן טאַנקרעדאָ האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס — אָנגעכאַפּט דעם אָקס בײַם ווידל און אים דערלאַנגט אַ פעסטן שטויס מיטן פוס. דער אָקס האָט זיך אומגעקוקט, זייער פאַרחידושט — ניין, אַזוי פאַרהאַלט זיך נישט קיין שום סטאַטוע — דאָ איז פאַראַן לעבן דערין. ער האָט זיך אָפּגערוקט אַ פאָר טריט אַהינטער, און אַראָפּגעלאָזט טיף דעם מעכטיקן קאָפּ. דאָן טאַנקרעדאָ האָט שנעל אויסגענוצט די געלעגנהייט — אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין פאָסטאַמענט — וואָס מיט אַ מינוט שפּעטער האָבן אים שוין דעם אָקס חערנער הויך אינדערלופטן אוועקגעשליידערט. דער אָקס, זעענדיק זיין פליענדיקע סטאַטוע, האָט זיך געלאָזט אין אַ משוגענעם גאַלאָפּ פאָרויס, אָבער דאָן טאַנקרעדאָ האָט זיך זייער געשיקט אַרויסגעדרייט.

„קאַראַמבאָ!" האָט זיך צעלאַכט פאַנטשאָ ווילאַ. „ער האָט אים שיעור נישט אויפגעכאַפּט אויף די הערנער".

און די מאַסן האָבן געררעוועט פון התפעלות.

דערנאָך זענען פאָרגעקומען צוויי אָקסן-קאַמפן. עטלעכע פּיקאַדאָרן זענען אַראָפּגעפאַלן פון זייערע קלאַטשעס, אַ האַלב טוץ פערד האָט מען די בייכער אויפגעטרענט און די געדערים אַרויסגעריסן. דערנאָך דאָס שפּיל פון די באַנדערילערן, וועלכע האָבן — לכבוד דעם דיקטאַטאָר — מיט קורצע, ברענענדיקע באַנדערילעס, וואָס האָבן זיך געצונדן און געפלאַקערט, געמאַכט די שוואַרצע אָקסן נאָך ווילדער ווי זיי זענען געווען! און לסוף די עספּאַדן,

וועלכע האָבן אויסגעפירט זייער מלאָכה גוט און העלדיש, שטרענג און סטילפול, מיט קאַלטע, זיכערע שטויסן,

„אַלץ דילעטאַנטן !” האָט אים דערקלערט דער הויפטמאַן.

„זעלנער ?” האָט ער געפרעגט, „אינדיאַנער ?”

„ניין, קיין איינער נישט פון זיי!” האָט געענטפערט דער הויפטמאַן. „דאָ דאַרף מען שפּאַניש בלוט. אָבער וואַרט אונטער, באַלד וועלן קומען אונזערע אינדיאַנער — קיין סטיל האָבן זיי טאַקע נישט, אָבער דערפאַר מוסקלען און נערוון”.

ער האָט א פּאַך געטון מיט זיין נאָזטיכל, און ס'האָט גענומען גרילצן די הייזעריקע טראָמפּייט.

דאָס כאַריפּעאָ האָט זיך אָנגעהויבן.

די מעקסיקאַנער זענען אַריינגעריטן אויף דער אַרענע. דער וואַסקוועז האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן אַנדאַלוזישן פערד האַרט באַם טויער, די אַנדערע פיר זענען אַריינעשפרונגען אויפן זאַמד. מ'האָט אַרויסגעלאָזט אַ ברוינעם מוסטאַנג, און די אָנטרייבערס האָבן אים אונטערגעהעצט. דאַן האָט זיך וואַסקוועז גענומען יאָגן נאָך אים און פאַרוואָרפן אויף אים זיין פופציקמעטערדיקן לאַסאָ, אַזוי אַז די חיה איז איין אין אויגנבליק אַראָפּגעזונקען אויף די פאָדערשטע פיס. זיי האָבן זי געבונדן און געלאָזט ליגן אין זאַמד־נאָך עטלעכע אַזעלכע ווילדע חיות האָט מען אַריינגעטריבן אויפן פּלאַץ, פּריש פון די אילאַנאָס, פון די ברייטע סטעפּעס פון דוראַנגאָ. און די זענען אויך געפאַלן אונטער דעם שאַרפן ריס פון דעם לאַנגן לאַסאָ. דערנאָך זענען די רייטערס אַראָפּגעשטיגן פון די פערד, צוגעגאַנגען צו די מוסטאַנגען, אויפגעבונדן פאָרזיכטיק די פּעטליעס. האָבן זיי אָנגעכאַפּט באַ די גריוועס, זענען אַרויפגעשפרונגען אויפן נאַקעטן רוקן, בעת די חיות האָבן זיך אויפגעשטעלט. די מעקסיקאַנער זענען געזעסן אויבן, די לינקע האַנט אין דער גריווע, און מיט דער רעכטער שמייסנדיק אָן אויפהער מיט דעם קורצן, זילבער-באַצירטן בייטשל. טייל חיות האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף די פאָדערשטע פיס, אויסגעקרומט די רוקנס און גענומען שפּרינגען אינדערלופטן, אַנדערע ווידער האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דר'ערד און זיך געוואַלגערט ווי יינגע הינטלעך — אָבער די רייטערס זענען פעסט געזעסן אויף די רוקנס, בעת זיי זענען צוריק אויפגעשפרונגען־

אײנע װידער איז אַרומגעיאָגן איבער דער אַרענע, געביסן אויף הינטן, געשטורעמט אַקעגן דער פאַרצוימונג מיטן גאַנצן כּוח, געדרײט זיך אַרום זיך אַלײן און זיך געװאָרפן אויף אַלע זײטן. אָבער די רײטערס זענען דאָך געבליבן זיצן אויבן און אָן אויפהער האָט די בײטש אומברחמנותדיק געסיקעט איבער היפטן און לײב, האַלז און נאָזלעכער. די מיט זילבער באַשלאָגענע לעדערנע פּיס האָבן צוגעפּרעסט די קײַלעכיקע לײַבער װי מיט צװאַנגען, די גרויסע שפּאָרן האָבן אכזריותדיק געשלאָגן אין זײערע בײַכער. װײַסער שוים האָט באַדעקט די מאָרדעס פון די מוסטאַנגען. בלוט האָט געקאַפּעט פון זײערע זײַטן און די ברוינע הויט האָט געגלאַנצט אויף דער זון, באַגאָסן מיט שװײס. ערשט דעמאָלט זענען די חיות געװאָרן שטיל, רויק און געצוימט — זײ האָבן דערפילט אויף זיך דעם האַר. זענען זײ געגאַנגען װי געהאָרכיקע שעפּסלעך, פּאַמעלעך אָדער אין גאַלאָפּ, װי דער רײטער האָט געהײסן.

„דאָס װאָלט איך אויך געקענט", האָט זיך אָנגערופן דאָן בעניאַמינאָ.

די מעקסיקאַנער האָבן אַװעקגעטריבן זײערע צום טויט פאַרמאַטערטע מוסטאַנגען, זיך אַרויפגעזעצט אויף זײערע ראַסאָװע פערד, און װידער גענומען אַרומיאָגן אין אַ קרײַז אַ נײַע חיה. זײ זענען אָבער שנעל אָפּגעשטאַנען — בלויז דאָס אַראַבישע פערד, אויף װעלכן ס'איז געריטן װאַסקועז, האָט אויסגעהאַלטן. און װי אַזױ ער איז דערויף געריטן! קײן אײנמאָל האָבן זײַנע שפּאָרן נישט באַרירט זײַן בויך, די לײצעס האָבן לויז אַראָפּגעהאָנגען אויפן זאָטל, ער האָט נאָר געצמאָקעט מיט דער צונג און פון צײַט צו צײַט אויסגערופן עפּעס אַ מאָדנע װאָרט. און די װײַסע קלאַטשע האָט זיך אויסגעגלײַכט, איז געלאָפן האַרט לעבן דעם מוסטאַנג און אים אָנגערירט מיט די זײַטן. מיטאַמאָל האָט זיך װאַסקועז אַריבערגעבויגן, אָנגעכאַפּט די ברוינע גריװע פון װילדן פערד און אַרויף אויף זײַן רוקן. ער איז געריטן אָן לײצעס, אָן אַ זאָטל און אָן אַ בײַטש — בלויז מיט די אײַזערנע שענקלען. ער האָט געלאָזט דאָס פערד גאַלאָפּירן אַרום דעם רויט געמאָלטן באַריער. ער האָט פּסדר געביטן די חיות, געשפּרונגען פון אײבער אויף דער צװײטער, צוריקגעקראָכן אין זאָטל און װידער אַריבער אויף דעם, מיט שװײס באַדעקטן, מוסטאַנג — אַהין און צוריק און אַלץ

אין משוגענעם גאַלאָפּ. ער האָט אַ פייף געטון — און דאָס ווייסע פערד איז אַוועק אָן אַ זייט. איצט איז ער געריטן אינמיטן אַרענע איף דעם ווילדן מוסטאַנג — און דער האָט אים געפאָלגט. געטון אַלצדינג, וואָס דער רייטער האָט באַפוילן, ציטערנדיק פאַר פחד, פאַריאַכמערט, טויט - מיד, און זייער געהאָרכיק אונטער דעם דרוק פון דידאָזיקע אייזערנע פיס-צוואַנגען.

וואַסקוועז איז אַראָפּגעשפּרונגען; דער עולם האָט געררעוועט פאַר התפעלות. ער האָט אַראָפּגענומען זיין הוט, שווער געשפּרייזט איבערן זאַמד מיט די דיקע, מעטאַל - באַשלאָגענע לעדערנע הויזן.

„צופוס איז ער כלל נישט אַזוי חנעוודיק!" האָט געלאַכט דער הויפטמאַן. „זיין פּלאַץ איז אויפן פערד".

אָבער די אַנדאַלוזישע קלאַטשע איז דערווייל אונטערגעלאָפן צו דעם ציטערנדיקן און שווער סאָפּנדיקן מוסטאַנג. זי האָט געהירזשעט, ווי זי וואָלט אים געוואָלט צורעדן, און אים אָפּגעפירט, גאַנץ אַליין, צום טויער אַהין. האָט צוריקגאַלאָפּירט צו איר האַר, געלאַשטשעט זיך, אַרומגעשנאַפּט זיינע קעשענעס, ביז זי האָט דאָרט געפונען איר גוטן לוין: דיקע שטיקער ראָר - צוקער.

דערנאָך איז געקומען דאָס גרויסע שטיק פון דעם וואַסקוועז, וואָס קיינער האָט עס אים נישט געקענט נאָכמאַכן אין גאַנץ מעקסיקע. מ'האָט אריינגעלאָזט אַן אָקס אויף דער אַרענע, אַ מעכטיקע חיה, אַ גראָע מיט געלע פלעקן. ער האָט זיך באַלד אַ לאָז געטון מיט ווילדן אימפּעט אויף די רייטער — די האָבן אים זייער געשיקט אויסגעמיטן. ס'האָט אויסגעזען, ווי די פערד אַליין וואָלטן מיטגעשפּילט, נישט מורא האָבנדיק פאַרן טויט - ברענגנדיקן קעגנער, פאַרלאָזנדיק זיך פולשטענדיק אויף זייער פלינקער געשיקטקייט. זיי זענען זיך רויק געשטאַנען, געשאַרט מיט די פיס אין זאַמד, געלאָזט דעם אָקס זיך דערנענטערן און אַוועקגעשפּרונגען אין דער לעצטער רגע. טיילמאָל זענען די רייטערס אַריבערגעשפּרונגען אין אַ הויכן בויגן איבערן רוקן פון דעם שטורמענדיקן אָקס, נישט באַרירנדיק צומאָל זייגע הערנער מיטן גוף פון פערד.

דערנאָך, אויף אַ ווינק פון וואַסקוועז, האָבן די רייטער געמאַכט אַ קרייז און גענומען אָנגרייפן דעם אָקס. דער האָט זיך געוואָרפן אויף רעכטס און אויף לינקס, געררעוועט פון אימעכטיקן כעס, אלמאי ער האָט נישט געקענט כאַפּן קיין אייגעם פון די אַרומ-

רינגלענדיקע פיינט, און האָט נאָר איינגעגראָבן די שאַרפע הערנער אין זאַמד. איצט האָבן די רייטערס געגומען שרייען, און מיט זיי צוזאַמען האָט געגוואַלדעוועט דער המון. פאַרחידושט האָט דער אָקס אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך ארומגעקוקט. באַלד איז צו־געריטן איין רייטער נאָענט צו אים און אים אַ שמיץ געטון מיט דער לאַנגער בייטש איבערן לייב. די חיה איז אויפגעשפרונגען, גענומען שטויסן אַרום זיך, און אַריינגעבויערט די שאַרפע הערנער אין זאַמד. דאַן האָבן די רייטערס גענומען שמייסן מיט די בייטשן אַזוי, אַז די לופט האָט אַזש אויפגעציטערט פון דעם פייפן און קנאַלן.

אַזוי איז צוזאַמענגעבראָכן די מעכטיקע חיה, וואָס האָט גע־וויגן איבער דרייהונדערט און פופציק קילאָ! און דאָס איז געווען דאָס גרויסע ווערק פון וואַסקוועז קאַברערי.

אָבער דערמיט האָט זיך נאָכנישט געענדיקט. דער אָקס איז צוריק אויפגעשטאַנען אויף די פיס. די רייטערס האָבן אים ווידער אַרומגערינגלט, פאַרוואָרפן אויף אים אַ לאַסאָ, אַנידערגע־שליידערט אים אויף דר׳ערד. דאַן האָט זיך וואַסקוועז אויף אים אַרויפגעזעצט, ווי אויף אַ פערד. מ׳האָט גענומען אונטערהעצן דעם אָקס, וועלכער, דע־פילנדיק אויף זיך אַ מענטש, האָט זיך גענומען וואַרפן, געשפרונגען אינדערהויך, געפאַלן אויפן זאַמד, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס — אָבער וואַסקוועז האָט זיך נישט אַראָפּגעגליטשט און ווייטער געזעסן אויפן רוקן פון דער מעכטי־קער חיה.

אומדערהערט איז עס געווען — ווער אין דער וועלט האָט דאָס ווען געריטן אויף אַ צעווילדעוועטן אָקס?

דאָס איז געווען דער לעצטער אַקט פון דער פאָרשטעלונג. די חיה האָט געטרעטן רויק איבערן זאַמד, קרעכצנדיק מעלאַנכאָ־ליש, און וואַסקוועז האָט זי געפירט לויט זיין ווילן בלויז מיטן שטאַרקן דרוק פון זיינע קניען.

„צי איז דאָס אַ זשאָקיי?״ האָט געפרעגט פראַנק ברוין אינ־מיטן די הילכיקע בייפאַל־געשרייען.

דער אַדיוטאַנט האָט געענטפערט: „ניין, די זשאָקייען קענען דאָס נישט, זיי זענען באַרגלייט. וואַסקוועז איז אַ מאַיאַ פון יוקאַ־טאַן. ער איז אָנגעקומען צו אונז ערשט מיט דריי וואָכן צוריק,

האָט געגעבן מיט זיינע מענטשן פאָרשטעלונגען אין האַלאַפּאַ פאַר־קאַראַנצאַן. ער אַרבעט אומעטום — ביי פריינט און פיינט — ווער ס׳באַצאָלט אים — ער איז דער איינציקער אובאַרירלעכער אין גאַנץ מעקסיקע.

דער אַדיוטאַנט האָט ווידער געגעבן אַ צייכן מיטן טיכל, דאַן האָט די קאַפּעלע אויפגעשפּילט דעם קיניגלעכן מאַרש צום צווייטן מאָל. און אונטער דידאָזיקע קלאַנגען איז אויף דער אַרענע אַריינגעקומען די גאָהיטאַ.

דאָס וואָס זי האָט פאָרגעשטעלט, פלעגט ער אָפט זען אין די פּאַרמעס אין טעקסאַס און קאַהילאַ. און אויף אַ מער ראַפי־נירטן אופן, אָבער פאַרבלאָזע, אין פאַרשידענע וואַריעטעס: זי האָט געוואָרפן דעם לאַסאָ לויטן שטייגער פון די קאָוובאָיען.

זי האָט אַנטוויקלט פאַר אירע צוקוקער אַלע אירע קונצן. האָט געוואָרפן קרייזן, אָוואַלן און ספּיראַלע ליניעס, האָט גע־צייכנט פאַרשידענע פיגורן אין דער לופט און אויפן זאַמד. האָט געפּאַכעט מיטן אָרעם איבערן קאָפּ, האָט זיך איינגעהילט אין דער ליניע ווי אין אַ ברייטן מאַנטל. זי האָט פאַרוואָרפן אויף די ריי־טערס דעם לאַסאָ, אויף פופציק מעטער לאַנג, האָט פאַרוויקלט מיט אים די פיס און האַלז פון די אָקסן און האָט זיי קונציק גע־בונדן מיט דער ליניע פון אַ גרויסן מרחק.

נאָך איין נומער האָט זי געוויזן. אַ גראָער וואָלף, אַריינ־לויפנדיק מיט לאַנגע שפּרייזן אויף דער אַרענע, האָט געמוזט דורכשפּרינגען דורך אירע רייפן. זי איז דערנאָך אַרויפגעשפּרונגען אויפן רוקן פון אַן אומגעזאָטלט פערד און איז אין גאַלאָפּ דורכ־געשפּרונגען די רייפן, בעת דער וואָלף האָט זיך גלייכצייטיק גע־דרייט אונטער די פיס פונם פערד.

אויף אַ געגעבענעם צייכן איז דער גראָער וואָלף אַריבער־געשפּרונגען איבערן פערד מיט דער טענצערין און דורכגעזעצט די רייף. אַ נישקשהדיקער שפּרונג!

„צי וועט זי נישט טאַנצן?״ האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„דאָ, אין זאַמד?״ האָט אָפּגעענטפערט פּערלשטיין. — „זי וועט טאַנצן היינט אינאָוונט אין דער קוואַרטיר פון גענעראַל״.

דאָס שפּיל האָט זיך פאַרענדיקט מיטן קאַמף צווישן אַ

אָקס, וואָס איז געטויפט געוואָרן אַלס אַלעמאַן *), מיט אַ טיגער, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פראַנקרייך. די ווילדע קאַץ איז אַרויפגעשפרונגען אויפן רוקן פון דעם אָקס, האָט איינגעגראָבן אין אים זיינע מעכטיקע פּאַזורעס, אַזוי, אַז דאָס רויטע בלוט האָט אַ שפּריץ געטון ווי פון אַ פאָנטאַן. דער אָקס האָט גענומען ברילן פאַר ווייטיק, אָבער מיטאַמאָל און אומבאַמערקטערהייט האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף זיין קעגנער און דורכשטעכנדיק אים מיט די הערנער, האָט ער אים אַ שליידער געטון אינדערהויך, ווי אַ באַלעם.

און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דער אָקס וואָלט געשפּילט מיט דער ריזיקער קאַץ אין טעניס. ווו דער טיגער איז נאָר אומגעפאַלן, דאָרט האָט דער אָקס מיט די מעכטיקע הערנער אים אַ כאַפּ געטון און אים געשליידערט צו עטלעכע מאָל אינדערלופטן. און לסוף האָט ער געמאַכט זיין לעצטן אָנגריף: דורכגעשפּיזט מיטביידע הערנער דעם גוססדיקן טיגער צו דעם באַריער צו.

דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן אַרענע און גענומען ווי טריומפירנדיק ברילן, און די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן באַלויכטן זיין גיגאַנטישע פיגור, איינגעהילט אין אַ רויטן מאַנטל פון בלוט.

אין ווילדער באַגייסטערונג האָט דער המון געקלאַטשט און געשריגן לכבוד דעם זיגערישן אָקס. בראַוואָ טאָראָ! מ׳האָט געפּאָכעט מיט די אָרעמס אינדערלופטן, געוואָרפן אין זאַמד הוטן, טיכלעך, שלייערס, רעוועדיק נאָכאַנאַנד: בראַוואָ טאָראָ!

איינער, מיט אַ הויכער דורכדרינגנדיקער שטים, האָט אויסגעשריגן: וויוואַ על טאָראָ! און פון צען טויזנט קעלן האָט אַרויסגעברילט: „וויוואַ על טאָראָ! וויוואַ על טאָראָ! **)

פּאַנטשאָ ווילאַ איז אויפגעשפּרונגען און מיטגעשריגן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע. דערנאָך האָט ער אַ ווילע אָפּגעהאַקט, און פּלוצלינג האָט ער גענומען שרייען מיט גרויס באַגייסטערונג: „וויוואַ לאַ גאַהיטאַ!“

פראַנק ברוין האָט אַ פרעג געטון: „פאַרוואָס עפּעס אַפּלאָדירט ער דער גאַהיטאַ?“

---

*) דייטש.

**) זאָל לעבן דער אָקס.

דער אַדיוטאַנט האָט אָנגעהויבן. „מחמת זי...״ ער האָט אָפּגעהאַקט. דער גענעראַל האָט אים אַ ווינק געטון, אַרויסגענומען דעם מעכטיקן לעדערנעם בייטל, וואָס ער האָט געטראָגן לינקס ביים גאַרטל, האָט אים אויפגעעפנט און אַרויסגענומען אַ פולע זשמעניע מיט גאָלדענע מטבעות. פראַנק ברוין האָט געזען, אַז דאָס זענען געווען לויטער נייענקע אמעריקאַנישע צוואַנציקדאָלער-שטיק.

„נעמט עס, הויפטמאַן״ האָט אויסגערופן דער דיקטאַטאָר, „צוילט-אָן הונדערט שטיק! און שיקט עס אַהין דער גאַהיטאַ״.

דער הויפטמאַן האָט אָנגעציילט, פאַרבונדן דאָס גאָלד אין אַ טיכל און עס אַוועקגעשיקט דורך דריי זעלנער.

— צום לעצטן מאָל האָט זיך געעפנט דאָס טויער פון דער מזרח-זייט. איצט זענען אַריינגעקומען קי, רויטע, ווייסע, ברוינע מיט גלעקלעך אויף די העלזער, אויסגעפוצט מיט בענדער און קרענץ. הינטער זיי די קוואַדריגע פון די מוילטירן אין זאַמד. דער זיגערישער אָקס האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די פאַרביקע קי, די קלינגלדיקע מוילטירן און זייערע רויט-העמדלדיקע אָנטרייבערס, דערנאָך האָט ער זיך מיט פאַראַכטונג אויסגעדרייט, און געבליבן רויק שטיין — ניין, דאָס איז נישט געווען קיין אַרבעט פאַר אים.

די טשולאָס האָבן צוגעבונדן דעם טיגעריס ווידל צו דער קוואַדריגע, און די מוילטירן האָבן אַרומגעשלעפט די טויטע חיה איבער דער אַרענע.

דערווייל האָבן די קי אַרומגערינגלט דעם בלוטיקן זיגער, האָבן זיך געשטופּט און געשטויסן אַרום אים. און איינע אַ בלעענדיק ווייסע קו, האָט אַרויפגעלייגט איר ראָזע מאָרדע אויף זיין האַלז און האָט אָנגעהויבן, כמעט צערטלעך, אים אָפּצולעקן דאָס רויטע בלוט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אים אַריבערגעבויגן איבער דער ווייסער קו, האָט זי געגומען באַלעקן נישט דרייסט און גיך איבערן שטערן, צווישן די אויגן. ער האָט זיך דערנאָך געלאָזט רויק אָפפירן און אַוועקגעשפּרייזט געלאַסן צוזאַמען מיט די קי.

און צום דריטן מאָל האָט אויפגעשפּילט די מוזיק — לכבוד דעם שטאָלצן זיגער — דעם קעגיגלעכן מאַרש.

די מאַסע האָט זיך צוגעקוקט רויק, מיט שטומער באַוואונדערונג. —

דאָס איז געווען ס'לעצטע בילד פון דער גרויסער אָלים־פּיאָדע לכבוד דעם גענעראַל ווילאַ אין טאָרעאָן.

נאָר איין ווילדער, געוואַלטיקער געשריי נאָך, בעת דער אָקס מיט זיינע ווייבער זענען פאַרשוונדן, אַ משוגענער געשריי: „וויוואַ ווילאַ!"

* * *

אַרום צען אינאָוונט האָט הויפטמאַן פּערלשטיין אָנגעקלאַפּט מיט דעם זילבערנעם קנאָפּ פון זיין שפּיצרוט אין די טיר פון פראַנק ברוינען.

„קומט־זשע, דאָקטאָר", איז ער צוגעשטאַנען. „ס'איז שוין צייט!"

די פערד זענען געשטאַנען אָנגעזאָטלט פאַרן טויער;ביידע זענען אויפגעזעסן.

„ווילאַס גערטענער זענען פול מיט יום־טובדיקער פרייד!" האָט אויסגעשריגן דער ייד. „זיי זענען אַזוי אָנגעפּרעסן און אָנגעזויפט, אַז זייערע הויזן זענען אַזש גרייט צו פּלאַצן. און איצט קנאַלן די שאַמפּאַניער־קאָרקעס. ווילאַ זויפט צוזאַמען מיט זיינע גענעראַלן: זיי וואַרטן אויף דער גאָהיטאַ".

זיי זענען געריטן דורך די גאַסן פון דער פאָרשטאָט. ליכטיק אומעטום, זעלנערישע קולות און פריילעכער ווייבערישער ליאַרעם פון איטלעכן הויז אַרויס. „דער עולם האָט היינט באַקומען געלט — געהאַלט פאַר דריי חדשים. דאָס געלט איז נאָרוואָס פאַרטיק געוואָרן, און איז נעכטן פריש אָנגעקומען — צוזאַמען מיטן שאַמפּאַניער".

„אַמעריקאַניש געלט?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„ניין, דאָסמאָל נישט!" — האָט געלאַכט דער הויפטמאַן. „אונזער אייגנס! ביטע, נעמט עס".

ער האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ פּעקל באַנקנאָטן און עס אים דערלאַנגט: דאָס זענען געווען פינפהונדערטס פּאַפּירלעך

צו הונדערט דאָלאַר איטלעכס. פראַנק ברוין האָט זיי באַטראַכט — אַ גאַנץ פשוט פּאַפּיר, צרהדיקער דרוק מיט דעם קינדערשן אונטערשריפט: פראַנציסקאָ ווילאַ.

פר. ברוין האָט צוריקדערלאַנגט דאָס פּעקל, אָבער דער הויפּטמאַן האָט עס נישט צוגענומען.

„ניין, ניין, באַהאַלט עס אייך!" האָט ער אויסגערופן. „פון מאָרגן אָן האָט עס אַ צוואַנג־קורס — איר וועט שוין נישט מער קענען אויסגעבן קיין אַנדער געלט. און אַחוצדעם איז עס פולשטענדיק ווערטלאָז — שטיקלעך פּאַפּיר, וועלכע מיר דרוקן — וויפל מיר ווילן: ווילאַ־געלט!"

„און דער עולם נעמט עס?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„זיי מוזן עס נעמען, עס בלייבט זיי נישט עפּעס אַנדערש". האָט אָפּגעענטפערט דער אַדיוטאַנט. „צי האָט מען דען די אַסיגנאַציעס בעת דער רעוואָלוציע נישט גענומען? ווילאַ איז געוויר געוואָרן וועגן דערדאָזיקער רעצעפּט — פון זיין בוך איבער דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. מיר קאָפּירן זיי אויף אַלע געביטן. אַזוי האָט אָנגעהויבן מאַדעראָ — און נאָך אים קאַראַנצאַ און אַלע אַנדערע — און צום מייַנסטן ווילאַ.

אין די גערטענער זענען געלעגן צעשפּרייט די זעלנער מיט די גאַסנמיידלעך. מ'האָט געטרונקען און געשפּילט זיך, געגרויכערט און געזונגען—דער און יענער האָבן פאַרשלעפּט זייערע נקבות צווישן די קוסטעס — מ'האָט געהערט אַ קרעכצן — פאַרשטיקטע קולות — אומפאַרשעמטע, ברוטאַלע.

דאָ האָט מען אויסגעשפּילט אין קאָרטן עפּעס אַ מיידל, וועלכע איז געשטאַנען דערביי און גאַנץ געמיטלעך געלאַכט. דערלעבן האָט מען געוואָרפןביינדלעך אויף אַן אַלטער פּויק צוליב אַ פרוי. ערגיץ אַנדערש ווידער האָט מען אויסגעפּלעט אַן אַנדערע נקבה אויף א לאָטעריע. אָך — דאָס איז געווען אַ פּעסט — ווילאָס גרויסער פּעסט!

זיי זענען אַראָפּגעקראָכן פון די פערד און אַריין אין ווילאַס צימערן. — זיי האָבן אים געטראָפן צוזאַמען מיט די גענעראַלן און הויפּטלייט צווישן האַלב־נאַקעטע און שטאַרק אָנגעשמינקטע פרויען. פּונקט דאָסזעלבע בילד, ווי אין גאָרטן. אויך דאָ האָט מען געטרונקען, געזונגען און ליגנדיק אָנגעכאַפּט די ווייבער בײַ

די פיס און די ברוסטן. די אוניפאָרמען זענען געווען ווייניקער צעריסן, וואָס אָן אמת, דערצו האָבן זיי אַלע געטראָגן שפּאָגל-נייע לעדערנע שיך, אַמעריקאַנישע מלאכה. זיי זענען נאָך אויך נישט געווען אַזוי שיכור, אַז זיי זאָלן זיך פּשוט וואַרפן אויף דר׳ערד מיט די נקבות — נאָר פון צייט צו צייט פלעגט דער אָדער יענער אַ קלאַפּ טון אַ מיידל איבערן אַקסל, דאַן איז זי אים לאַכנדיק נאָכגעגאַנגען אין אַ זייטיק צימער אַריין. אפשר זע-נען אויך די מיידלעך געווען פון עטוואָס ייִנגערער און בעסערער סחורה, איידער דאָס פלייש, וואָס מ׳האָט פאַר די זעלנער צו-געוואָרפן. אָבער די הויפּטזאַך: דאָ האָט מען געטרונקען שאַמפּאַ-ניער — גולעס, רעדערער, מאָנבעלאָ — אויף אייז געקילט, ווי עס באַדאַרף צו זיין. דערין האָט מען דערקענט די בעסערע מענטשן.

„צי האָט איר נישט בא זיך עפּעס, וואָס איר זאָלט קענען שענקען דעם גענעראַל צו זיין געבורטס - טאָג?״ האָט דער הויפּט-מאַן שטילערהייט געפרעגט. „עס וואָלט אים שטאַרק הנאה געטון״.

פראַנק ברוין האָט זיך געכאַפּט צו די קעשענעס — ס׳איז אָבער דאָרט גאָרנישט געווען. אָך, צום טייוול, פאַרוואָס האָט ער נישט אַ טראַכט געטון פריער וועגן דעם?

דערנאָך זענען אים געקומען אויפן זינען די רעוואָלווערן וואָס זיין סעקרעטאַר האָט אים איינגעפּאַקט. „איך וויל צוריקרייטן״, האָט ער געזאָגט.

„לאָזט נאָר״, האָט געזאָגט דער הויפּטמאַן, „איך וועל שיקן איינעם פון מיינע לײַט. האָט נישט קיין מורא, איר קאָנט זיך אויף זיי פאַרלאָזן — ער וועט צומאָל קיין נאָדל נישט אָנרירן. גיט אים דעם שליסל פון אייער צימער — וואָס זאָל ער ברענגען?״

פראַנק ברוין האָט זיך איבערגעלייגט — עס וואָלט שוין געווען בעסער, אַז ער זאָל אַהערברענגען די גאַנצע וואַליזקע. ער האָט אָנגעמשלט דעם אַדיוטאַנט, ווו זי איז געשטאַנען — אויף אַ צעבראָכענער שטול, צופוסנס פון בעט.

דער הויפּטמאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַ ווינק געטון צו איינעם פון די זעלנער און אים דערלאַנגט דעם שליסל.

„קומט!" האָט ער געזאָגט. „מיר וועלן דערווייל אויסטרינקען אַ גלעזל ווײַן אין מײַן צימער".

זיי האָבן זיך אויסגעדרייט צום גיין, פראַנק ברוין האָט אַ וואָרף געטון אַ שנעלן בליק אַהינטער, צי דער גענעראַל האָט זיי נאָכגעשט געהאַט באַמערקט. אָבער דער דיקטאַטאָר איז געזעסן אויף זײַן שטול, מיט זײַן גלאָז אין דער האַנט. לעבן אים האָט געקניט אַ הענדלער, וועלכער האָט פונאַנדערגעלייגט פאַר אים פאַרשידענע סחורות פון אַ גרויס הילצערן קעסטל אַרויס — קייטלעך, אויערינגלעך, אָרעמבענדער — אָבער אויך דיקע, גאָלדענע רינגען פאַר מענער, מיט שרײַענדיקע, פאַרביקע שטיינער.

*

*

מ'האָט אָנגעקלאַפּט — דער זשאָקיי-זעלנער איז אַרײַנגעקומען מיט דער גרויסער לעדערנער וואַליזע. פראַנק ברוין האָט זי אויפגעעפנט. גאָר פון אונטן איז געלעגן דאָס געווער, ער האָט געמוזט אַפּרוימען אַלץ וואָס ס'איז דערויף געלעגן. דאַן האָט ער דערזען אַ גרויסע, שוואַרצע, לעדערנע קאַסעטע, מיט זילבער באַשלאָגן — וואָס זאָל דאָס זײַן? ער האָט זי גענומען אין האַנט אַרײַן און זי באַטראַכט.

דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט: דאָס איז געווען אַ זייער שיינע טואַלעט-קאַסעטקע, פון ריינעם זילבער. אַ מתּנה, וואָס ס'האָבן אים דערלאַנגט נאָך אַ פּאָרטראַג אין קליוולאַנד עטלעכע עלעגאַנטע הערן. ער האָט דעמאָלט קוים אַ בליק דערויף געוואָרפן — אים האָט געסטאַיעט זײַן קליינער ראַזיר-אַפּאַראַט.

דידאָזיקע זאַך האָט אַלזאָ זײַן סעקרעטאַר אײַנגעפּאַקט? נו, דאָס איז געווען גוט, קיין בעסערע מתּנה וואָלט ער נישט געקענט אויסטראַכטן פאַרן גענעראַל. האָט ער אַלזאָ געלאָזט ליגן די רעוואָלווערן. האָט זיך נאָך אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט זײַן נאַרישן קינדישן שפּילצייג.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען צוזאַמען מיטן הויפּטמאַן צום דיקטאַטאָר מיט דער קאַסעטקע אונטערן אָרעם. דער סוחר האָט געהאַט פאַרענדיקט דאָס געשעפט מיט ווילאַן, איז געזעסן אין

הינקל און גלייכגעלייגט זיין קראַם. אָבער דער דיקטאַטאָר האָט זיך געשפּילט מיט די גאָלדענע קייטעלעך, באַטראַכט מיט הנאה זיינע דיקע פינגער, אויף וועלכע ס'האָבן געפינקלט דריי ברייטע רינגען, אַלע מיט שלעכטע בריליאַנטן.

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צו אים, געגעבן אים די האַנט, געוווּנטשן אים צו זיין יום־טוב און אים דערלאַנגט זיין מתנה. ווילאַ האָט נישט געדאַנקט, נישט געענטפערט, זייענדיק צופיל נייגעריק צו זען דעם אינהאַלט פון דער שוואַרצער קאַ־סעטקע. ער האָט עס אויפגעעפנט גאַנץ פאַרזיכטיק און אַרויסגע־צויגן פון דאָרטן איין חפץ נאָכן אַנדערן. דריי גאָלמעסערס, סאָ־לינגער־שטאָל מיט העלפאַנטביינערנע הענטלעך, זייפנשיסעלעך, עטלעכע פענזלעך — אַלץ צום פונאַנדערנעמען און צונויפ־לייגן — דאָס איז אים געפעלן געוואָרן. צווי שפּיגעלעך — איינס צום האַלטן אין דער האַנט, דאָס צווייטע צום אויפשטעלן — דע־רין האָט ער זיך לאַנג איינגעקוקט. אָבער די הויפּטזאַך: די אַלע מכשירים צום פלעגן די נעגל; פּיילעכלעך און מעסערלעך, שערע־לעך, קליינע דרעטלעך, געקרומטע און געבויגענע — פּודער־פּוש־קעס, לעפעלעך — וואָס אַמאָל פרישערע זאַכן, גלייך ווי ס'וואָלט צו זיי קיין עק נישט גענומען, די אָפּיצירן האָבן אים אַרומגע־רינגלט, און פּונקט ווי ער, באַווונדערט די דאָזיקע זעלטענע חפצים.

„ווייבער!" האָט אויסגערופן דער גענעראַל. און פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען אַהערשטופּן די מיידלעך. „ווער פון אייך וועט מיר דאָס אַלץ דערקלערן?"

מיט די אויגן האָבן זיי געשלונגען די אַלע הערלעכע חפצים, געציטערט פאַר באַגער כאָטש זיי צו קאָנען אָנרירן. אָבער איינע, אַ שטאָלצע און אָנגעבלאָזענע, האָט צוגענענט צום גענעראַל און אויסגערופן: „איך ווייס אַלץ!"

„דו, קאַנטשאַ?" האָט געפרעגט דער גענעראַל. „פונוואַנען ווייסט דו דאָס?"

דאָס מיידל האָט געענטפערט: „איך בין געווען אין וואַ־שינגטאָן באַם גענעראַל בעניטעץ". דאַן האָט דער דיקטאַטאָר זי געלאָזט אַנידערקניען לעבן זיך.

אָ, יאָ, זי איז געווען אַ וואַזשנע קענערין, האָט דורכגע־מאַכט גוטע סטודיען און יענקי־לאַנד. איטלעכעס שטיקעלע האָט

זי אַרויסגענומען, און עס אים געגנבֿי דערקלערט. ער האָט אַלץ אוועקגעלייגט צוריק אויף זיין אָרט, נישט פֿרווונדיק קיינזאַך־באָר איינמאָל האָט ער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון — בעת זי האָט אים דערקלערט דאָס אויערלעפּעלע. ער האָט עס פֿאָרזיכטיק גענומען צווישן די פֿינגער, און עס גלייך אַריינגעשטעקט אין די אויערן, פֿריער אין רעכטן און דערנאָך אין לינקן. ער האָט זיך צעלאַכט און איז געווען זייער צופֿרידן מיטן רעזולטאַט. דערנאָך האָט ער עס גרינטלעך אָפּגערייניקט אָן קאָנשאַס האָר און עס צוריקגעלייגט אין די קאַסעטקע.

„צי קאָנסטו דיך אומגיין מיט די אַלע זאַכן?" האָט ער געפֿרעגט דאָס מיידל, וועלכע האָט האַסטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. „גוט, טאָ זאָלסטו מאָרגן קומען, מיר שיין מאַכן די הענט". ער האָט זיך הויך צעלאַכט, אויסגעשטרעקט צו איר זיינע שמוציקע הענט און איר געוויזן די שוואַרצע נעגל.

דאָס מיידל איז אויפֿגעשטאַנען אַ צעשטראַלטע, אַ שמייכלענדיקע. סאַראַ גליק — דעם גענעראַלס מאַניקוריסטין!

דער אַדיוטאַנט האָט זיך אָנגעבויגן צו אים. „די גאָהיטאַ איז דאָ, גענעראַל".

„זאָל זי אַהערקומען", האָט אויסגערופֿן פֿאַנטשאַ ווילאַ. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו פֿראַנק ברוינען, און דערלאַנגט אים אַ פּאַפּיראָס. „אַ דאַנק, קאַבאַלעראָ", האָט ער געזאָגט, „אַ דאַנק אייך! — גיט אַהער וויין, איך וויל מיט אים טרינקען!" ער האָט אים דערלאַנגט אַ פֿול גלאָז. „טרינק, דייטש, טרינק! אויב דו ווילסט פֿרויען, זוך דיר אויס. אויב דו ווילסט אַ פֿערד, זאָג־זשע, דאָן בעניאַמינאָ וועט דיר געבן דאָס בעסטע!"

ער האָט אַ ווינק געטון צו אַ זעלנער, געהייסן ברענגען אַ קוישל און ברוין פּאַפּיר. ער האָט נאָכאַמאָל געוויזן זיין מתּנה די אָפֿיצירן, דערקלערט זיי אַלץ אַליין, גרויסאַרטיק און שטאָלץ, מעשה־קענער. האָט איינגעוויקלט די קאַסעטקע אין פּאַפּיר, אַריינגעלייגט זי אין קוישל, און עס דערלאַנגט דעם זעלנער. ער האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט, צי ער זאָל עס הייסן אַוועקטראָגן אין זיין צימער. לסוף האָט ער באַפֿוילן דעם אינדיאַנער, אַנידערצוזעצן זיך אויף דר'ערד לעבן אים, און האַלטן דאָס קוישל צווישן די פֿיס. אפֿשר וועט זיך אים פֿאַרגלוסטן נאָכאַמאָל אַלץ איבערצוקוקן.

מ'האָט פרייגעמאַכט דעם זאַל — אַלע האָבן זיך צונויפגעשטופּט הינטער דער קאָלומנאַדע, פאַרנט די אָפיצירן, פון הינטן די פרויען.

דער קאַטאַרינאַזש האָט אַרייגעקאַטשעט אויף סקריפּעדיקע רעדער זיין אינסטרומענט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, צווישן צוויי זיילן, און גלייך אָנגעהויבן צו שפּילן. הינטער אים איז געגאַנגען די גאַהיטאַ.

די טענצערין האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן זאַל. האָט זיך נישט געגריסט, נישט פאַרנייגט. אַ שפּאַנישן קאָסטיום האָט זי געטראָגן, הויכע פּריזור מיט אַ מעכטיקן שילדקרעט-קאַם, פון וועלכן ס'האָט אַראָפּגעהאָנגען די מאַנטיליע און שוואַרצע שפּיצן, וועלכע זענען איר אַרונטערגעפאַלן איבער די אַקסלען. אַ גרויסן בוקעט פון רוישע הוביסקוס-בלומען האָט זי געטראָגן אין די פעך-שוואַרצע האָר איבער דעם לינקן אויער, איינע האָט זי אויך געהאַט אויף דער ברוסט.

אָבער זייער בלוי האָבן געלאַכטן אירע גרויסע אויגן.

„נו, ווי געפעלט זי אייך?" האָט געפרעגט הויפּטמאַן פּערלשטיין.

פראַנק ברוין האָט געקוקט אויף איר. די האָט ער דאָך געקענט — אָ, זיכער! — ווו האָט ער זי דאָס געהאַט געזען?

דאַן איז אים געקומען אויפן זינען — דאָס איז געווען — יאָ, דאָס איז געווען די טענצערין פון דער „טורינגיע", די וועלכע האָט געפּלעגט די קליינע לויזע! איצט האָט ער שוין אויך געוווסט, פונוואַנען פראַנציסקאַ ווילאַ האָט גענומען דעם טיגער — דערויף אַלזאָ האָט אים דער קאַפּיטאַן אויסגעפּיטערט אויף דער פּאַרפּעטשעטער שיף!

פראַנק ברוין האָט לייכט אַ שאָקל געטון צו איר מיטן קאָפּ און אויפגעכאַפּט איר בליק. זי האָט אים תיכף דערקענט. אָבער זי האָט אים נישט אָפּגעענטפערט. זי האָט געוואַרט אויפן טאַקט פון דער קאַטאַרינקע און דאַן האָט זי אָנגעהויבן.

אַ מאַדרילענאַ האָט זי געטאַנצט, שפּילנדיק זיך מיט איר קליינעם פעכער. פאַרנעם, מיט ווערדע, עטוואָס שטייף און איינטאָניק. ס'איז געווען לעכערלעך — דאָ אַ מאַדרילענאַ!

אָבער דעמדאָזיקן פּובליקום איז עס גראָד „עפּעלן; זיי האָב
פאַרשאָטן די גאָהיטאַ מיט אַפּלאָדיסמענטן.

דערנאָך האָט זי גענומען די קאַסטאַניעטן, געטאַנצט אַ רייכע פּעטענעראַ — אָבער ווידער גאַנץ מילד, גראַציעז און געשיקט, ווי אַנשטענדיקע פרייליַנס אין טאָלעדאָ און סאַראַגאָסאַ.

זי האָט אויסגעטון די מאַנטיליע און אַרויסגעצויגן דעם קאַם פון די האָר. האָט זי ביידע אַוועקגעלייגט אויף אַ שטול לעבן איר באַגלייטער, דעם קאַטאַרינאַזש. דאָרט זענען געלעגן טיכערשיך און אַלע אירע איבעריקע מכשירים. ער האָט געזען, אַז אויך אַ רייט-בייטשל איז דאָרטן געווען.

„לאַ פּעגאַנאַ" האָט ער געטראַכט.

זי האָט אָנגעטון אַ הוט, אַ גראָען פילצענעם הוט מיט אַ שטייפן ראַנד, אַ דרייסטן קאָרדאָוואַ-הוט, ווי ס'טראָגן אים די מענער אין אַנדאַלוזיע. זי האָט פאַרוואָרפן אויף זיך אַ זיידן טוך פון גרינעם קאָליר מיט ריזיקע, רויטע בלומען.

זי איז צוריקגעגאַנגען אויפן מיט זאַל. טאַנגאָ האָט זי איצט געטאַנצט. אָבער נישט ווילד אויפרייצנדיק אין געמיין, ווי די פרעכע ווייבער פאַר זייערע ליימענע כאַלופּעס, אין די פאָרשטעט פון בוענאָס-איירעס. אויך נישט קיין ציגיינערישן טאַנגאָ, ווי ס'טאַנצן אים די אַנדאַלוזישע מיידלעך אין זייערע קוואַדראָס. ניין, זייער געמעסיקט, שטאָלץ און צוריקגעהאַלטן, כמעט זיטלעך — „ad usum Delphini!"

זי האָט אַוועקגעוואָרפן דעם הוט, אָנגעטון אויף זיך אַ ווייסן מאַנטאָן. האָט גענומען טאַנצן אין אַ זייער שיינעם, אַלטן שאַל פון פּיאָלעט-קאָליר, אַ מאַלגענע-טאַנץ, צוקלינגענדיק נאָכאַנאַנד מיט די קנאַקנדיקע קאַסטאַניעטן.

„פאַמיליען-טענץ", האָט ער געטראַכט. פּונקט אַזוי האָבן געטאַנצט די טעכטער פון דער העכערער געזעלשאַפט אין גראַנאַדע און אין סעוויל. די, וועלכע ווערן דערצויגן אין די קלויסטערס, וועלכע קענען „פאַרלעווען" פראַנצויזיש און שפּילן שרעקלעך אויף קלאַוויר, וועלכע טאָרן נישט אַרויסגיין אַליין אויף דער גאַס און אינאָווגט נעמען זיי אויף זייער ליבסטן ביי דער „רעי" — באַ דעמדאָזיקן שרעקלעכן, פאַרקראַטעווען פענצטער, וואָס צעשיידט

אויף לאַנגע יאָרן אַלע געליבטע, ביז דער פּריסטער אין דער קירך גיט נישט די נייטיקע ברכה.

נאָכן אָפּטאַנצן האָט זי זיך באַשיידן אוועקגעזעצט אויף איר שטול. ס'האָבן זי תיכף אַרומגערינגלט די אָפיצירן, האָבן איר דער־לאַנגט ווײַן, אָבער זי האָט אָפּגעזאָגט, און נישט גענומען קיין טראָפּן צומאַל.

„רומבאַ!" האָט אויסגערופן פּאַנטשאָ ווילאַ. „טאַנץ די רומבאַ!" און די איבעריקע האָבן עס אונטערגעכאַפּט, אַלע האָבן געשריגן און פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל טאַנצן דעם רומבאַ־טאַנץ.

„ניין", האָט געזאָגט גאָהיטאַ און מער קיין וואָרט נישט.

זי האָט אַראָפּגעצויגן די הויכע שיך, האָט אָנגעטון ספּאַר־גאַטן, פּויערישע שיך פון לייוונט און געפלאָכטענע קאָנאָפּליע־זוילן. בלויז ספּאַרגאַטן האָט זי געגומען און ווײַטער גאָרנישט. קיין שום הויט און קיין מאַנטיליע, נישט קיין קאַם, קיין טוך און קיין קאַס־טאַניען.

זי האָט געטאַנצט די ווילדע אַראַגאָנישע יאָטע. — אָ, יאָ, איצט איז שוין געווען בלוט דערין — זי האָט אין ראַשע באַ־וועגונגען געוויזן אירע שלאַנקע פיס.

אָבער די אָפיצירן האָבן זיך נאָך אַלץ נישט באַנוגנט, זיי האָבן כסדר פאַרלאַנגט דעם „רומבאַ" ־ טאַנץ.

רידאָזיקע פרוי אָבער האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. זי האָט געטאַנצט די „פּאַרוקאַ" — געשיקט ווי אַ ציגיינערין און שטאַרק אויסבויגנדיק די היפטן. — אַך, איצט איז עס שוין נישט געווען ווי פון דער „פיינער געזעלשאַפט". זי האָט געטופּעט מיט די פיס, נאָכמאַכנדיק די באַוועגונגען פון די טאָרעראָס. זי האָט אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט דאָס קלייד ווי אַן אומפאַרשעמטע זונה.

„די רומבאַ!" האָבן געשריגן די אויפגערייצטע און אויפ־גערעגטע אָפיצירן. „די רומבאַ!"

„ניין!" האָט זי ווידער געענטפערט.

זי האָט געטאַנצט דעם איינפאַכן מאַריאַנאַ ־ טאַנץ, ווירבלענ־דיק און פרעך, געהויבן דעם בויך און אים געדרייט—געמאַכט מיט די הענט אַרויסבאַדערנדיקע באַוועגונגען מיט אומפאַרשעמטער דרייסט־לעכקייט.

דאַן האָט ווילאַ אויסגעשריגן: „טאַנץ־זשע פאַר מיר די רומבאַ!״ ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס אַלע אָפיצירן האָבן זי ארומגערינגלט, בעת ער איז דאָרט געזעסן איינער אַליין. ער האָט געקעמפט מיט זיך, ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צוצו־שפרינגען צו די אָפיצירן און זיין צוזאַמען מיט זיי. אָבער ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אַן אַנדערער — נישט פאַר זיינע גענעראַלן, אָ, ניין — נאָר פאַר דער טענצערין.

„טאַנץ־זשע פאַר מיר די רומבאַ״, האָט ער אויסגערופן, „פאַר מיר אַליין!״

מיט איין שפרונג פאָרויס האָט זי זיך אַרויסגערוקט פון דעם רעדל אָפיצירן, וועלכע האָבן אָפּגעטרעטן אויףביידע זייטן. זי האָט נאָך געטון אַ צי פון איר פּאַפּיראָס און אים אַוועקגעשליי־דערט. זי האָט אָנגענומען מיט ביידע הענט איר מאַנטאָן, האָט אויפגעהויבן הויך דעם קאָפּ און געזאָגט:

„ניין!״ האָט זי אויסגערופן. „נישט פאַר אייך און נישט פאַר קיינעמען! — איר זענט היינט שיכור — אַלע!״

זי האָט דורכגעשפּאַנט דעם זאַל ווי אַ בת־מלכה, און קיי־נער האָט נישט געוואַגט זי אָפּצוהאַלטן.

פּאַנטשאָ ווילאַ האָט געסיקעט פאַר כעס — און פונדעסט־וועגן האָט ער געשמייכלט. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך איר נישט אָנגעוואָרפן, ווי די אַנ־דערע דאָרטן.

„ווי אַ מתנה בואפדיקע גאַסן־הינט זענט איר״, האָט גע־ברילט דער גענעראַל, „וועלכע יאָגן זיך נאָך אַ הייסער צויג!״

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, גאַנץ האַרציק. און נאָר דער אַל־טער, קרומער און מיאוסער אַלוואַראָ גאָמוציאָ, וועלכער האָט גע־הינקען אויפן לינקען פוס, האָט זיך אָנגערופן: „איר זענט נאָר האַלב גערעכט, פּאַנטשאָ ווילאַ!״ — הייס איז די גאָהיטאַ נישט!״

און זיי האָבן ווידער אָנגעפילט די גלעזער, און זיך אויס־געשווענקט די הייזעריקע גאָרגלען מיט שאַמפּאַניער־ווייַן.

* *
*

אָן אָפּיציר איז אַריינגעקומען, האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר ווילאַ, צוגעלייגט די האַנט צום הוט און געמאָלדן:

— „גאָנצאַלעז איז אינדרויסן — ער האָט געבראַכט געפאַנגענע פון באַנאַנצאַ".

„פיר זיי אַריין!" האָט באַפוילן דער גענעראַל.

דאָן בעניאַמינאָ האָט געברומט: „אָ, איצט וועלן זיי גאַנץ מיאוס אָפּשניידן!"

עטלעכע אָפיצירן זענען אַריינגעקומען, אויך זעלנער, אַלע באַדעקט מיט שמוץ און שטויב פון קאָפּ ביז פיס. זיי האָבן געשטויסן פאָרויס זייערע געפאַנגענע, וועלכע האָבן זיך קוים געקענט האַלטן אויף די פיס, מיט די קאָלבעס און שווערדן.

ניין זענען זיי געווען, זעקס מענער און דריי ווייבער.

„גייסטלעכע!" האָט דער הויפּטמאַן אייגערוימט פראַנק ברוינען. „טוט אַ קוק — די קליידונג פון די פרויען ווייזט אויף נאָנען־הלבשה, צעפליקט און באַשמוצט מיט בלוט. און די חברה־לייט — צי דערקענט איר נישט די טאָנסורעס? נו, טוט אַכטונג־איצט שפּילן מיר פראַנצויזישע רעוואָלוציע".

„וואָס הייסט עס?" האָט געפרעגט דער דייטש.

„אין אונזבר בוך —" האָט דער אַדיוטאַנט פאַרגעזעצט, „אין דעם בוך וועגן דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס דער גענעראַל האָט זיך שוין אפשר אַ צוויי צענדליק מאָל געהייסן איבערלייענען, שטייט געשריבן, אַז די יאַקאָבינער האָבן פּיינט געהאַט די גייסטלעכע, אַז זיי האָבן פאַרטיליקט די קלויסטערס און געשענדעט די נאָנעס. און אַז די גלחים האָבן זיי אויפגעהאָנגען אויף די לאַמטערנעס. קיין לאַמטערנעס האָבן מיר טאַקע נישט, אָבער אויפהענגען קענען מיר פּונקט אַזוי גוט ווי די פראַנצויזן.

ער האָט אים דערציילט, אַז דער גענעראַל האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אַרויסגעגעבן אַ באַפעל חרוב צו מאַכן דעם קלויסטער פון די באַרמהאַרציקע שוועסטער הינטער באַנאַנצאַ — מיר האָבן באַקומען ידיעות, אַז ס'זענען דאָרטן אַהין אַנטלאָפן עטלעכע גלחים, וועלכע די נאָנעס האָבן פאַרבאַהאַלטן.

„די גלחים זע איך", האָט געזאָגט פראַנק ברוין. „אָבער ווו זענען די נאָנעס?"

ווידער האָט זיך צעלאַכט הויפּטמאַן פּערלשטיין. דאָס איז נאָר געווען אַ קליינע קאָלאָניע — קוים אַ טוץ שוועסטערלעך. וויפל איז דאָ פאַראַן? דריי! נו, זענען די ניין אַנדערע געוואָרן פּראָסטיטוטקעס! בײַ אונדז גייט עס צו גאַנץ גיך. יעדע מיליטער־טרופּע באַקומט אַ באַפעל מיטצונעמען אַלץ, וואָס שטעלט נישט קיין באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. מ'שיסט נאָר דאַן, ווען עמיצער פּרוּווט צו אַנטלויפן. אָבער ס'איז מערקווירדיק: די שוועסטערלעך, וועלכע זענען נאָך מער־וויניקער אַפּעטיטלעך, דווקא זיי פּרוּוון תמיד צו אַנטלויפן, שטעלן תמיד אַ „באַוואָפנטן ווידערשטאַנד". און אַזויער־נאָך קריגן מיר תמיד בלויז פאַרמבולדיקע באַשעפעניצן אין הויפּט־קוואַרטיר אַרײַן — אויף אַ פּראָבע, אַזוי צו זאָגן.

„און דער גענעראַל איז נישט אייפערזיכטיק?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין. „און בייזערט זיך נישט, וואָס זיינע דראַבעס ברענגען אים בלויז דאָס אַלטע פלייש, און דאָס צאַרטערע פרעסן זיי אַליין אויף?"

„ניין", האָט געענטפערט דער הויפּטמאַן, „אַבסאָלוט נישט. מחמת ער ווייסט, אַז די יינגע נאָנעס זענען שוין פונלאַנג דורכגעגאַנגען דורך צענדליקער הענט, ביז מ'האָט זיי אים צוגעשטעלט. איבעריקנס, מיין איך, אַז ער וואָלט אַוועקגעגעבן אַלע שוועסטערן און דער וועלט פאַר איין איינציקן קוש פון דער גאַהיטאַ".

קאַפּיטאַן גאָנצאַלעז האָט אָפּגעגעבן באַריכט. אָט זענען די גלחים; דער זיבעטער, אַן אַלטער אַכציקיאָריקער מאַן, איז געפאַלן האַלב־טויט אויפן וועג; מ'האָט אים דאָרט איבערגעלאָזט. פון די נאָנעס האָבן פיר געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, פינף האָבן געפּרוּווט צו אַנטלויפן: מ'האָט זיי דערשאָסן".

„איך האָף, אַז איר האָט געטראָפן אין סאַמע צענטער אַרײַן!" האָט געחוזקט דער גענעראַל. און ער האָט זיך הויך צעלאַכט צוזאַמען מיט די אַנדערע פון זיין זיגרייכן וויץ.

ער האָט אָנגעשריגן די גייסטלעכע. „איר האָט געשפּיאָנירט, כלבים, פאַרן גענעראַל קאַראַנצאַ!"

איינער פון זיי האָט געפּרוּווט צו ענטפערן, ער האָט אַרויסגעשטאַמלט אַ פּאָר אָפּגעריסענע ווערטער מיט ציטעריקע ליפּן.

אָבער פּאַנטשאָ ווילאַ האָט אים איבערגעריסן: „Fusilar a esos carajos!“*)

ער האָט אַ ווינק געטון מיט דער האַנט, גענומען זיין גלעזל און געהייסן עס אָנפילן.

דערנאָך האָט ער אָנגעשריגן און אָנגעזידלט די נאַנעס, רופנדיק צו זיי: „צי קענט איר טאַנצן רומבאַ?“ די אַלטע שוועסטערן האָבן אים שטאַר אָנגעקוקט — וועגן וואָס פרעגט ער דאָס?

אָבער ער האָט כמעט נישט געוואָרפן קיין בליק אויף זיי, האָט אַרויסגעצישעט אַ פאַראַכטנדיקן „אַוועק!“

„אַזוי האַלט מען עס דאָ אָפּ קריגס־געריכטן!“ האָט געטראַכט פראַנק ברוין. בלויז אַ פּאָר ווערטער: דערשיסט דידאָזיקע הינט! דאָס איז גענוג — דאַן שטעלט מען זיי אויס צום ווענטל. בעסער האָבן שוין די יאַקאָבינער אפילו נישט געקענט אַרבעטן! צוואָס פאַרהער. נאָכוואָס ריכטערס און עדות און פּאַרטיידיקערס? זיי האָבן טאָנסורעס, זענען גלחים — טאָ דערהרגעט זיי!“

ער איז צוגעגאַנגען צום אַדיוטאַנט. „פאַרהאַלט דידאָזיקע מענטשן“ האָט ער געבעטן, „נאָר אויף אַ רגע!“

„וואָס ווילט איר?“ האָט געפרעגט דער הויפּטמאַן.

ער האָט איבערגעחזרט: „נאָר אויף אַ רגע!“

„פּונקט ווי די יענקי־פּרעסע“, האָט ער געטראַכט, „וואָס שרייט אַלץ אינאיינעם: „דייטשן! און דעריבער באַרבאַרן, הונען, פאַררעטער, באָמבעוואַרפערס, רויבער און קינדערמערדער! דערהרגעט זיי צום טויט! ווי די צאַרן־באַנדעס, גענוי דאָס אייגענע! יידן! — געוואַלדעווען זיי — יידן, וואָס האָבן דעם האַר יעזוס געקרייציקט, וואָס צאַפּן־אָפּ דאָס בלוט פון די קריסטלעכע קינדער — דערהרגעט זיי! — „Fusilar a esos carajos!“

ער, דער דייטש, איז געווען בצורעדיק, ווי אַלע אַנדערע — פּונקט ווי די יידן, ווי די קאַטוילישע גייסטלעכע: אַזוי האָט זיי צונויפגעשמידט דער גורל.

ער האָט זיך געישובט. — האָט אַהינגעקוקט צום גענעראַל. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך מיאוס, מיט אַרויסגעשטאַרצטע באַקנביינער און ריזיקע אויערן. אינגאַנצן באַוואַקסן מיט האָר, מיט

*) שיסן דידאָזיקע הינט.

ווילדע צעפּלאָ קערטע אויגן, וועלכע האָבן זיך אַליין נישט געטרויט די קורצע נאָז איינגעקוועטשט, אונטער איר דאָט ריזיקע מויל פול מיט גרויסע שנייווייסע ציין, וועלכע האָבן העל אַרויסגעלויכטן פון די צו קורצע ליפּן. און ער האָט געשטירעט און געקריצט מיט זיין חי אַ טיגער האָט ער אויסגעזען —

און אָט האָט דער גענעראַל לייכט אַ קלאַפּ געטון דעם זעלנער, וועלכער איז לעבן אים געשטאַנען. געהייסן זיך דערלאַנגען די לעדערנע קאַסעטקע, האָט זי אויפגעעפנט, גענומען זיך שפּילן אומגעלומפּערט מיט די שפּיגעלעך און לעפּעלעך —

פראַנק ברוין האָט געטראַכט: „ניין, דאָס איז נישט קיין טיגער — דאָס איז אַ גאָריל, וואָס שפּילט די ראָל פון אַ טיגער".

ער איז צוגעגאַנגען צו אים: „מיין גענעראַל", האָט ער געזאָגט, „איר האָט מיר צוגעזאָגט אַ פערד. איך האָב אַ גאַנץ גוטס, קיין צווייטס דאַרף איך איצטער נישט. צי וואָלט איר מיר נישט געוואָלט טון אַן אַנדערן חסד?"

„וואָס פאַרלאַנגט איר?" האָט געפרעגט דער דיקטאַטאָר.

„איך בעט צו באַפרייען די גלחים", האָט ער געענטפערט.

דער גענעראַל האָט געקנייטשט מיט דעם שטערן. פראַנק ברוין האָט פאָרגעזעצט: „נישט בחנם, מיין גענעראַל! איך גיב פאַר איטלעכן אַ רעוואָלווער!" ער האָט זיך אויסגעדרייט, געבעטן דעם אַדיוטאַנט, אַז ער זאָל הייסן אַהערברענגען די לעדערנע וואַליזע.

פאַנטשאָ ווילאַ האָט זיך צעלאַכט. „אַ רעוואָלווער פאַר איטלעכן גלח?" האָט ער זיך געשיובט.

„און כ'גיב - צו פינף שעכטלעך פּאַטראָנעס צו איטלעכן כלי - זין — צוויי הונדערט און פופציק קוילן!"

„איר מאַכט אַ זייער שלעכט געשעפט", האָט אויסגערופן דער גענעראַל. „אַלע צוזאַמען זענען נישט ווערט קיין איין קויל צומאָל".

ווען מ'האָט אים אַהערגעבראַכט די וואַליזע, האָט פראַנק ברוין אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ ציגאַרן - טעשל מיט עקספּלאָ-דירנדיקע פּאַפּיראָסן — ליליפּוטלעך, וואָס מאַכן קאָזשעלקעס, שפּרינגענדיקע טייוואָלימלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן. ער האָט

אויסגעליידיקט די קעשענעס, האָט אים אָוועקגעגעבן דאָס גאַנצע ביליקע שפּילצייג, וואָס ער האָט נאָר געהאַט.

אַ גאַנצן ווייַנאַכטס-געשאַנק פאַר לייטישע קינדער!

פאַנטשאָ ווילאַ האָט פאַרגעסן אין איין אויגנבליק אָן אַלעמען. ער האָט זיך געהייסן ווייזן און דערקלערן די אַלע קינדערשע זאַכן. האָט דערווייל אַוועקגעשיקט די אָפיצירן אָן אַ זייט, כדי זיי זאָלן זיך נישט צוקוקן. דערנאָך האָט ער אַליין געפּרוווט דאָס שפּילצייג, איטלעכס שטיקל באַזונדער, האָט צוריקגערופן די גענעראַלן, געווונקן צו די מיידלעך, פונאַנדערגעטיילט צווישן זיי די שפּילעכצלעך — און זיך געקלאַפּט דערביי איבער די קניען פאַר תענוג.

און ווידער האָט געפאָדערט פראַנק ברוין: „צי באַקום איך די גלחים, הער גענעראַל?“

„און ווו איז דאָס געווער?“ האָט פאַנטשאָ ווילאַ אַ פרעג געטון.

פראַנק ברוין האָט אָנגעהויבן אַרויסנעמען אַ שטיק נאָך אַ שטיק, האָט זיי אַוועקגעלייגט אויף דר'ערד, צוזאַמען מיט די שעכטלעך פּאַטראָנעס. דער גענעראַל האָט גענומען אַ רעוואָלווער, באַטראַכט אים ווי אַ מבין, אָנגעלאָדן אים. „רופט אַריין די הויכע גייסטלעכקייט!“ האָט ער באַפוילן.

ס'זענען אַריינגעקומען די גלחים מיט די נאָנעס. דער גענעראַל האָט זיי געהייסן אויסשטעלן אין איין שורה. „איך וואָלט שטאַרק חשק געהאַט צו פּראָבירן אויף זיי די רעוואָלווערן“, האָט ער זיך צעלאַכט. ער האָט אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער, געצילט איין אויגנבליק צום קאָפּ פון ערשטן און אויסגעשאָסן — אין די לופט.

די אַלטע נאָנעס האָבן געמאַכט אַ געוואַלד, געפאַלן אויף די קני און גענומען הויך מתפלל זיין. דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די גלחים.

„האַלט ס'מויל, לומפּן!“ — האָט דער גענעראַל זיי אָנגעשריגן. „איר זענט נישט ווערט, אַז מ'זאָל אייך דערשיסן! שטייט אויף, גלחטשוקעס — אָט-דער מאַן האָט אייך אויסגעקויפט, איר זענט פריי!“

ער האָט זיך געווענדט צו זיין אַדיוטאַנט. „דאָן בעניאַמינאָ,

זעט, אַז ס׳זאָל זיי גאָרנישט געשען! שטעלט זיי אויס פּעסער אויף אוועקצופאָרן אין די פאַרייניקטע שטאַטן.״

אָבער דערמיט האָט עס זיך נאָכנישט געענדיקט. ער האָט צוגערופן איינעם פון די גלחים און אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס, דער האָט אים צוגענומען און געדרייט אין די ציטעריקע פינגער.

„פאַררויכער!״ האָט באַפוילן דער גענעראַל. איינער האָט אים דערלאַנגט פייער. דער גלח האָט פאַררויכערט זיין פּאַפּיראָס און געטון אַ פּאָר פאַרזיכטיקע ציִ.

„רויכער שטאַרק!״ האָט געררופן פאַנטשאָ ווילאַ. „פאַרצי און לאָז אַרויס דעם רויך!״ דער גלח האָט געפאָלגט — געזויגן שטאַרק, ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט, מיט איינגעצויגענע באַקן.

פינף, זעקס ציִ — מיטאַמאָל האָט געגעבן אַ קנאַל אויס דאָס פייערווערק. פאַר גרויס שרעק האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַפּיראָס, געגומען ציטערן מיט אַלע אברים און איז שיר נישט אומגעפאַלן אויף דר׳ערד.

פאַנטשאָ ווילאַ האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. „גיי, גיי, שוואַרצראָק! און ווען דו וועסט קומען קיין שפּאַניע, זאָלסטו דערציילן דיינע ברידער: „אַזעלכע פּאַפּיראָסן רויכערט מען בײַם גענעראַל ווילאַ״.

דער הויפּטמאַן פּערלשטיין האָט געהייסן אַלעמען אוועקפירן. אָבער זיי זענען נאָכנישט געהאַט אַרויסגעגאַנגען, בעת דער דיקטאַטאָר האָט אויסגעשריגן. „די באַנעס נישט״, האָט ער געברילט, „זיי נישט! ער האָט נאָר געקויפט די גלחים — אָבער נישט די אַלטע ווייבער — די זאָל מען אויפהענגען!״

פראַנק ברוין האָט אויסגערופן: „כ׳וועל זיי אויך אָפּקויפן, הער גענעראַל״.

„צי האָט איר דען נאָך רעוואָלווערן?״ האָט אויסגעשריגן ווילאַ, „און גענוג פּאַטראָנעס?״

ער האָט אַרומגעזוכט אין זיין האַנט - וואַליזקע — זי איז געווען ליידיק. נאָר זעקס רעוואָלווערן זענען געווען איינגעפּאַקט — און אויך דאָס גאַנצע שפּילצייג האָט ער שוין געהאַט אוועקגעשענקט. נאָר אונטן זענען נאָך געלעגן עטלעכע ביכער.

„כ׳בעט מיין לעדערנע וואַליזע —״ האָט ער געפּרוווט.

„ניין!״ האָט אויסגערופן דער גענעראַל. „די גיב אוועק

דעם קאַפּיטאַן גאָנצאַלעז, כּדי ער זאָל דיר זיכער באַזאָרגן דיינע גלחים אין דעם יעַנקי-לאַנד אַריין. פאַר זיי נאָנעס וויל איך רעוואָלווערן, ווי פאַר די גלחים! און אויב דו האָסט שוין נישט מער קיין געווער — מוזן זיי גיין אויפן שטריק".

מיטאַמאָל האָט זיך צוגעשטופּט די גאָהיטאַ — ער האָט זי נישט באַמערקט דורך דער גאַנצע צייט. זי האָט אָפּגערוקט אָן אַ זייט די אָפיצירן, און זיך אוועקגעשטעלט האַרט פאַרן דיקטאַטאָר, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, און זי האָט געזאָגט: „איך וויל זיי אויסקויפן".

פאַנטשאָ ווילאַ האָט זי אָנגעשריגן: „דו? — ווען דו זאָלסט מיר אַפילו געפּאַשעטע חזירים מיט גאָלד אויפוועגן, וועסטו נישט באַקומען קיין איין מאָנאַכין!"

און די גאָהיטאַ האָט געזאָגט: „איך וועל טאַנצן רומבאַ".

דער גענעראַל איז אויפגעשפּרונגען. „רומבאַ?! — די נאָנעס זענען פריי! קאַפּיטאַן גאָנצאַלעז — איר זענט מיר ערב פאַר זייער זיכערקייט".

די טענצערין איז צוגעגאַנגען צו די נאָנעס, געקושט זיי, געגעבן איטלעכער צו פּאָר גאָלדענע מטבעות — און איז באַלד צוריקגעקומען צום דיקטאַטאָר.

„גיט מיר אַ גלאָז וויין, גענעראַל", האָט זי געזאָגט.

פאַנטשאָ ווילאַ האָט איר געהייסן דערלאַנגען שאַמפּאַניער — זי האָט אויסגעליידיקט דאָס גלאָז אין דריי האַסטיקע זיפּן.

„נאָך איינס!" האָט זי געבעטן.

פראַנק ברוין האָט איר דערלאַנגט זיין פול גלאָז — זי האָט געדאַנקט מיט אַ בליק און אויסגעטרונקען דעם וויין.

„מאַכט אַן אָרט", האָט זי געזאָגט. „איך וויל מיך אָנטון".

זי האָט גענומען אירע טיכער, שיך, קאַסטאַניעטן און אַלע אירע איבעריקע זאַכן אויפן אָרעם און אַרויסגעגאַנגען אין אַ זייטיק צימער.

די אָפיצירן האָבן אָפּגערוימט אויפסניי דאָס אָרט אינמיטן זאַל, געהייסן עס אויסקערן פון די פלעשער, פּאַפּיר און מיסט. אַלע האָבן אָנגעפילט זייערע גלעזער ביזן ראַנד און געוואַרט.

איינער פון זיי, אַ שלאַנקער, וואָנסעריקער מאַן, האָט זיך

אויסגעשטעלט לעבן פראַנק ברוינען, געקוקט אויף אים, גלייך ווי ער וואָלט אים געוואָלט בעטן עפּעס אַזוינס, וואָס ער וואַגט עס נישט אַרויסצורעדן.

„וואָס פאַרלאַנגט איר?" האָט געפרעגט דער דייטש.

דער מעקסיקאַנער האָט אָנגעוויזן מיט זשעדנע אויגן אויף דער לעדערנער וואַליזע. „צי קאָן איך זי באַקומען?" האָט ער געבעטן. „דער גענעראַל —"

„זענט איר עס קאַפּיטאַן גאָנצאַלעז?" האָט איבערגעריסן פראַנק ברוין.

„יאָ", האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן.

פראַנק ברוין האָט אַרויסגענומען די ביכער, האָט אים געגעבן די וואַליזע און צוגעגאַנגען מיט אים צו דער טיר.

„זאָגט מיר צו —" האָט ער אָנגעהויבן.

דער קאַפּיטאַן האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. „איך וועל זיי געבן צו עסן און צו טרינקען, וויפל זיי וועלן נאָר וועלן — הײַנט באַנאַכט נאָך! איך וועל זיי בשלום אַהינברענגען צו דער גרעניץ — איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף מיר".

ער האָט צערטלעך געגלעט די שײנע לעדערנע וואַליזע „קומט מיט מיר!" האָט ער אויסגערופן צו די גלחים און באַגעס.

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צו אים, געגעבן זיי ווילאַ- געלט און אַמעריקאַנישע באַנקנאָטן. דאַן זענען אים געקומען אויפן זינען די ביכער, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

אפשר — אַביסל רייזע - לעקטור —

ער האָט זיי אויפגעעפנט — ניין, דאָס איז עס נישט גע- ווען! — יאַקאָבאָן דאַ טאָדי — איז געווען איינס. און דאָס אַנ- דערע, דאָס גאַנץ דינע, האָט אַנטהאַלטן די לידער פון הייליקן פראַנציסקוס און פון זיינע תּלמידים.

„ווער פון אייך קען לייענען לאַטייניש?" האָט ער גע- פרעגט. איינער האָט געקענט, דער, וועלכער האָט געמוזט רויכערן דעם פּאַפּיראָס. דעם האָט ער געגעבן די שירים פון הייליקן פראַנציסקוס פון אַסיזי.

„צי איז עמיצער פון אייך אַן איטאַליענער? — ניין, אַלע זענען געווען שפּאַניער. נאָר די עלטסטע מאָנאַכין איז געווען אַ

לאַנגע צייט אין רוים — זי האָט פאַרשטאַנען איטאַליעניש. איר האָט ער אַוועקגעגעבן דעם טאָדיאַנערס זיסע לידער.

„פאַרגעסט נישט, מוטער“, האָט ער געזאָגט, „פאַרגעסט נישט: דאָס איז דער פרומער דיכטער, וועלכער האָט געשאַפן די „Mater dolorosa“ און די „Mater speciosa“ אויך — דאָלאָראָזאַ — די גאָטס-מוטער, איז היינט געוועזן וועגן אייך שטאַרק באַאומרויקט! און דאָך איז זי געוועזן — די ספּעציאָזאַ! און געדענקט-זשע: דאָלאָרעס האָט געהייסן די פרוי, וועלכע האָט אייך באַפרייט — „Dolores Echevarria“: —

פון אינעווייניק האָבן זיך געהערט די קלאַנגען פון דער קאַטאַרינקע. — „פאָרט מיט גאָט“, האָט ער אויסגערופן. „זייט מתפּלל פאַר די קאַטוילישע גייסטלעכע אין דאָזיקן לאַנד. און — פאַר די יידן אין רוסלאַנד — זיי דערגייט עס פונקט ווי אייך! — און, — און — פאַר די דייטשן — אין דער גאַרער וועלט!“

ער האָט אַוועקגעאיילט — צוריק פאַרנומען זיין פּלאַץ, נאָענט לעבן ווילאַ. אָבער די טענצערין איז נאָכנישט געוועזן צוריק — נאָר די קאַטאַרינקע האָט שוין אָנגעהויבן אויסשפּילן די ווילדע ריטמען פון דער „רומבאַ“.

„איך גראַטוליר אייך!“ האָט אים איינגערוימט דער הויפּטמאַן. „איר האָט גוט געטון! אָבער איך קען אייך זאָגן, דאָקטאָר, נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק וואָלט ווילאַ די גלחים און נאָנעס זיכער נישט באַפרייט! נישט פאַר די טואַלעט-קאָסטקע און נישט פאַר די רעוואָלווערן, נישט פאַר אייערע פייערווערק-פּאַפּיראָסן און נישט פאַרן אַנדערן פּסולת פון דער ניו-יאָרקער פינפסענט-קראָם! — נישט צומאָל פאַר די רומבאַ פון דער גאַהיטאַ!“

ער האָט אים דערלאַנגט אַ פול גלאָז. „טרינקט נאָך נישט — וואַרט אונטער, ביז די טענצערין וועט אַריינקומען“, האָט ער פאָרגעזעצט. „די פראַנצויזישע רעוואָלוציע הויבט באַ אונז אָן אַרויסצוגיין פון דער מאָדע — דאָס איז די מעשה! דער גענעראַל צווייפלט טיילמאָל, צי איז טאַקע באמת נויטיק צו דערהרגענען אַלע, וואָס טראָגן אויף זיך גלחישע קליידונג! זינט ער לייענט דאָס שפּאַנישע בוך וועגן פרידריך דעם גרויסן, האָט ער זיך לגמרי געענדערט. לויט דעם דאָזיקן בוך איז ער געוועזן אַ ווילדער אַטעאיסט — וואָס האָט אין גאָרנישט געגלייבט — און דאָס אימפּאָנירט ווילאַן.

אָבער דערנאָך שטייט דאָרט, אַז ער האָט פונדעסטוועגן צוריק געלאָזט אַלע רעליגיעס, האַלטנדיק, אַז איטלעכער האָט דאָס רעכט צו זיין דערלייזט אויף זיין אייגענעם שטייגער. דאָס האָט דער גענעראַל מ חילת גאָרנישט געקענט משיג זיין — אָבער ביסלעכ־ווייז האָט ער זיך איינגעוווינט מיטן דאָזיקן רעיון. מחמת איר דאַרפט וויסן, אַז וויבאַלד מיר האָבן אַ בוך, לייענען מיר עס גלייך איבער אַ פּאָר צענדליק מאָל! נאָכמאַכן מוז ער, דער גענעראַל — און איך גלייב, אַז ס'איז שוין נישט וויט דער טאָג, ווען אויך אין ווילאַס מלוכה וועט איטלעכער קענען זיין דערלייזט, ווי זיין האַרץ וועט גלוסטן!"

ער האָט איבערגעריסן — די גאָהיטא איז אַריין אין זאַל.

זי איז אַריינגעקומען אין אַ לענגלעך ווייס מוסלין־קלייד, מיט אַן עטוואָס דעקאָלטירטער העמד־בלוזע. אַרום די היפטן האָט זי געטראָגן אַ בלאָען זיידענעם שאַל, דאָסגלייכן אויך אויפן האַלז. אַ דריט בלאָ טיכל איז געווען פאַרוואָרפן איבערן שטערן, האָט צוגעדעקט די האָר און זיך אַראָפּגעשלענגלט איבערן נאַקן. דערדאָ־זיקער טראַכט איז געווען פון אַ דאָרפיש מיידל, אין וואַריעטע־סטיל, פאַרשטייט זיך. די טענצערין האָט געטראָגן אַ קוישל אין האַנט, זי האָט געמאַכט אַ פּאָר איינגעשטודירטע באַוועגונגען, וועל־כע האָבן געדאַרפט באַטייטן, אַז זי קומט כלומרשט פון דער אַר־בעט אויפן פעלד און אַז עס איז איר זייער הייס. דערנאָך האָט זי אַוועקגעוואָרפן דאָס קוישל, האָט אַראָפּגעצויגן דעם שאַל פון האַלז, געפּאָכעט זיך מיט אים, און אָפּווישנדיק דעם שוויס דער־מיט, האָט זי אים גלייך אַוועקגעוואָרפן.

דערדאָזיקער פאָרשפּיל האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז הייס — דערפאַר איז זי זייער לייכט אָנגעטון, בלויז אין אַ דין קליידל און אין אַ העמד־בלוזע. און אַז זי וויל טאַנצן.

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן, געוואָרפן אַ בליק אויפן קאַטאַרינאַזש און געוואַרט אויפן טאַקט.

אָבער פּלוצלינג, אויף אַ צייכן פון גענעראַל, זענען אויפ־געשטאַנען צוזאַמען מיט אים אַלע אָפיצירן.

„Viva la Goyita!" האָבן זיי אויסגעשריגן. און האַלטנדיק די אויפגעהויבענע גלעזער ווייַן, האָבן זיי זי אויסגעלײדיקט.

הויפּטמאַן פּערלשטיין האָט צוגענענט צו איר און איר דער־

לאַנגט אַ פול גלאָז. זי האָט עס גענומען און אויסגעטרונקען ביזן דעק „Viva Villa!" האָט זי געענטפערט.

זי האָט צוריקגעגעבן דאָס גלאָז. „דערוויטערט די וויבער־גענעראַל!

ער האָט דאָס פאַרשטאַנען! — ניין, פאַר זיי וועט זי נישט טאַנצן קיין רומבאַ, פאַר דידאַזיקע זונות!

די פרויען האָבן אַלזאָ געמוזט אָפּטרעטן, אין גאָרטן אַרויס — זיי האָבן געמוזט אונטערוואַרטן אינדרויסן.

ערשט דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן.

פּאַמעלעך, טריט באַ טריט, אויסציענדיק זיך אין ווייכע, געשיקטע באַוועגונגען. דערנאָך, דרייענדיק זיך וואָס אַמאָל שנע־לער אין כוואַליענדיקע ליניעס, פון האַלז ביז די שפּיצן פיס, גלייך ווי שלאַנגען וואָלטן זיך אינדערגיך אַראָפּגעגליטשט. און — אין שטאַרקן קעגנזאַץ דערצו, זענען די באַוועגונגען פון די אַקסלען געווען קורצע, ראַשע, מערקווירדיק קאַנטיקע. דאָס איז נישט גע־ווען קיין טאַנץ פון די היפטן אָדער פון בויך. און נישט קיין טאַנץ, וואָס איז באַשטאַנען אין אַרויסוואַרפן די פיס, וויגן די אָרעמס אָדער אין מאַכן פּרעכטיקע זשעסטן מיטן קאָפּ און די הענט. הגם דאָס אַלץ האָט אויך מיטגעשפּילט, הגם זי האָט אויסגע־שטרעקט דעם בויך און אים צוריקגעצויגן, הגם זי האָט געדרייט מיט די היפטן און געהויבן די אָרעמס מיט די פיס, גלייך זי וואָלט אין דערדאָזיקער פאַרמאַטערנדיקער היץ געזוכט עפּעס אַן אָפּקילונג. אָבער בלויז אירע אַקסלען האָבן געצויגן אויף זיך די בליקן פון די צוקוקערס — די אַקסלען און די ברוסט.

זי האָט גענומען טאַנצן וואָס אַמאָל שנעלער און ווירבלדי־קער, די הענט פעסט אָנגעקלאַמערט אויף די היפטן. אירע אַקסלען האָבן געצוקט, געבויגן זיך אַהין און צוריק, אַרויסגעשפּרונגען — איינע — די אַנדערע — און ווידער ביידע. דערנאָך האָט זיך אַן עפן געטון — אויף אַ קורצע ווײַלע נאָר — די נישט פאַרשפּי־לעטע בלוזע, אָפּדעקנדיק אַ שמאָלן שטרייף קערפּער פון בלענדנ־דיקער ווייסקייט.

מיט אַמאָל, באַם שנעלן צוריקציען דעם לינקן אָרעם אַהינ־טער, איז אַרויסגעשפּרונגען פון העמד איינע פון אירע קינדישע ברוסטן. אויף אַ רגע האָט זי אַ בליק געטון — ווייסער, שטראַלנ־

דיקער, ווי דאָס ווייסע העמד — און איז ווידער פאַרשוואונדן, אַזוי שנעל, ווי זי איז געקומען —

„אָך!“ האָבן געקרעכצט די אָפיצירן. „אָך! אָך!“

זי האָט ווייטער געטאַנצט. און כּסדר אַלץ דאַסדראַזיקע צוקן פון די אַקסלען און דאָס ציטערן פון דער ברוסט. דערנאָך די זאַנ־פטע, ליידנשאַפטלעכע באַוועגונגען, ווי זי וואָלט זיך פאַרגאַנגען פאַר מתיקות.

זיי האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט קיין בליק פון איר, גיריק און הונגעריק האָבן זיי געוואַרט אויף דעם ראַשן אויגנבליק, ווען זי וועט אָפּדעקן די אַנדערע ברוסט.

„די אַנדערע!“ האָבן זיי גערופן הייזעריקע. „Sácalá!“

דערין איז געלעגן דער רייץ פון דאָזיקן טאַנץ, וואָס ס׳האָט אַלץ כּסדר אויסגעזען, גלייך ווי איינע פון די ברוסטן וואָלט גע־וואָלט אַרויסשפּרינגען פון דעם שיצנדיקן העמד — אָבער ניין, דאָס העמד האָט זיי אַלץ צוגעדעקט.

„Sácalá!“ האָבן זיי געשריגן.

און כּמעט צו גלייכער צייט, ווי אויף אַ קאָמענדע — איז אַרויסגעפלויגן איר רעכטע ברוסט פון העמד אַרויס. און האָט גע־לאַכט, געשטראַלט — ווי קילער מירמלשטיין — און זיך צוריק פאַרבאָרגן הינטער דער דינער הילע.

פּאַנטשאָ ווילאַ איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול און זיך אַהינגעבויגן צו איר. זיינע גרויסע אויגן האָבן געברענט מיט פייער, און פון זיין אָפענעם מויל איז אַראָפּגערונען דאָס שפּייעכץ.

„Las dos!“ האָט ער געברילט. „ביידע!“

און די אָפיצירן האָבן אים נאָכגעשריגן: „Las dos! Las dos!“

ווי אַ דיקער נעפּל האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן גאַנצן זאַל די זנות־תּאווה, איז אַריינגעקראָכן אין זייערע נעז און מיילער, אַריינגעבויערט אירע נעגל אין זייערע אָרימע מוחות. דידאָזיקע רויבער און באַנדיטן, וועלכע האָבן אַוועקגעריסן פון די מאַמעס זייערע קינדער און אַוועקגעשלעפּט די נאָגעס פון זייערע געפּעט־שטולן, פאַר וועמען דאָס ווייבער־פלייש איז געווען פּונקט אַזוי ביליק און געמיין, ווי זייער שמוציקע משקה, וואָס רופט זיך „pulques“ — זיי האָבן געציטערט פון אויפרעגונג פאַר דידאָ־

יקע צדיי ברוסטן. זייערע גראָבע, הייסע הענט האָבן געציטערט פון גרויס חשק צו באַזיצן דידאָזיקע שנייווייסע קוילן, זייערע פינסטערע אויגן האָבן געלעכצט נאָכן דאָזיקן ווייסן שטיקל קערפּער, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען און זיך שנעל צוריק פאַרבאָרגן, זייערע צונגען, וואָס האָבן אַרויסגעהאָנגען ווי בּאַ די אָקסן, האָבן געדאָרשטן נאָך דעם זיסן געטראַנק פון דידאָזיקע ווייסע קנאָספּן. זייערע נאָזלעכער האָבן אַריינגעזויגן אין זיך דעם דופט פון דעם קערשן-בליעכץ, זייערע העסלעכע אויערן האָבן געטרונקען די טאַנצנדיקע מוזיק פון די ווייסע קעצלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש —

איינע — שנעל, שנעל — און נאָך איינע — שנעל, שנעל —

פראַנק ברוין האָט געזען ווי דער הינקעדיקער גענעראַל אַלוואַראָ גומוציאָ האָט אַרומגענומען אַ זייל מיטביידע הענט און זיך פעסט אָן אים אָנגעקלאַמערט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל נישט אומפאַלן. ער האָט געזען ווי פאַנטשאָ ווילאַ, אָנשפּאַרנדיק זיין קני אָן די פּלייצעס פון דעם לעבן אים ליגנדיקן זעלנער, האָט ער זיי אַראָפּגעדריקט מיט דער גאַנצער משא פון זיין גוף, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט צעקוועטשן.

„Las dos!" האָט געפּליסטערט דער דיקטאַטאָר „Las dos!"

אויפן פּנים פון הויפּטמאַן פּערלשטיין איז נאָך געהאָנגען דער שמייכל, דער קריטישער און עטוואָס שפּאָטישער שמייכל, אָבער ער האָט אויסגעזען ווי איינגעפרוירן און פאַרשטיינערט. און זיינע פויסטן האָבן זיך געקראַמפּט אַרום דער שפּיצרוט, געבויגן זי, געדריקט — גלייך ווי ער וואָלט זי געוואָלט צעברעכן.

און מיטאַמאָל האָט עס אים אויך אַריינגעריסן אין דעם רויטן נעפּל. עס איז אים פאָרגעקומען, ווי ער וואָלט איינגעאָטעמט אין זיך הייסע לאַווע-לופט, ווי ער וואָלט מוזן דערשטיקט ווערן אין דאָזיקן פייער פון די חושים. און ווייט נאָר — גאָר ווייט — ערגיצוואו אין די וואָלקנס הינטער דער אייביקער מדבר האָט געלאָקט צו זיך די ווייסע קילקייט —

ווייס, ווייס — ערגיצוואו אין אומענדלעכער ווייטקייט — שאָטן און שניי — אומשולד און אַל-דאָס ריינקייט. און הינטער פּירמלשטיין און שוואַנען און טויט-קאַלטע תכריכים — איז פאַראַן

געווען א דערפרישונג נאָך אָט - דעם גאַנצן גליענדיקן פֿיין. דאָרט איז געווען — ערגיצווו אין די בלאַנקע לבנה - וואָלקנס — איינגעהילט אין דעם שטראַלנדיקן געהיימניש פון ווייס - גליענ-דיקע ליכטער — די גרויסע געגעזונג—

דערנאָך האָט ער דערזען — ווי אַן אַראָפּפאַלנדיקן שטערן אין אַ נאָוועמבער - נאַכט — אַ קליינעם רויטן צייכן אינמיטן איר ברוסט. אַ קליינינקע ווונד, קוים אַ האַלבן צאָל די לענג — און איין איינציקער טראָפּן בלוט האָט אַרויסגעטריפט דערפון —

עפּעס אין אים האָט אויפגעברויזט — ס׳האָט אים אַ ריס געטון אויף פאָרנטצו —

אָבער ער האָט עס דערשטיקט אין זיך, האָט זיך אָנגעקלאַ-מערט מיט ביידע הענט אָן דעם אָנלען פון דער שטול. ער האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטן.

איינע — הוש — הוש —און נאָך איינע — הוש —

פאַנטשאָ ווילאַ האָט פארקראַמפט די פינגער „Las dos!"

פּלוצלינג, בעת די מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן, איז זי גע-בליבן שטיין מיט אַ הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ, ווארפנדיק אַ שטאָלצן, טריומפירנדיקן בליק אויף אירע שקלאַפן. זי האָט אַ וואָרף געטון אהינטער די אָרעמס, אַ שליידער געטון מיט אַ ווילד צוקן די אַקסלען אויף צוריק: דאַן זענען זיי אַרויסגעשפּרונגען, ביידע מיטאַמאָל — אירע יינגע ברוסטן.

— — קיינער האָט נישט געלאַכט, קיינער האָט נישט גע-זאָגט קיין וואָרט. טיפע, אָנאָטעמדיקע שטילקייט.

שוין - זשע האָבן זיי נישט געוויינט? שוין - זשע זענען זיי נישט געלעגן אויף די קני? — אַלע?

*   *

*

די גאָהיטאַ איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט, האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שאַל אויפן האַלז און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן דעם קאַטאַרינאַזש.

קיינער האָט נישט געאַפּלאָדירט און נישט צומאָל געוואַגט

צו מאַכן די מינדסטע באַוועגונג. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען פאַרשטאַרט, פאַרהיפּנאָטיזירט אויף גאַנצע מינוטן.

פראַנק ברוין האָט געטראַכט: „זי איז געווען אַ שילערין פון דעם חיות-בענדיקער! — און זי האָט איבערגעשטיגן איר לערער! זי פאַרשטייט באמת, וואָס ס'הייסט בענדיקן די בעסטיע".

די טענצערין איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום גענע-ראַל און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים. זי האָט רויק געזאָגט: „גיט מיר צו טרינקען, איך בין דאָרשטיק".

דער הויפּטמאַן האָט אָנגעפילט אַ גלאָז, און זי האָט אויס-געטרונקען. „עס איז היינט אייער געבורטס-טאָג, גענעראַל — פאַר אייער געזונט!"

פאַנטשאָ ווילאַ האָט ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף. ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס קוישל, וואָס דער זעלנער האָט געהאַלטן צווישן די קניען, אַרויסגענומען פון דאָרטן דאָס שוואַרצע לעדערנע שאַכטל און עס איר דערלאַנגט, אָן אַ וואָרט צו רעדן. זי האָט עס גענומען אין האַנט אַריין, עס אויפגעעפנט, און געזאָגט מיט אַ שמייכל: „זאָל איך מיך אפשר ראַזירן?"

ער איז צוטומלט געוואָרן, ווי אַ חדר-ייִנגל. ער האָט צו-ריקגענומען דאָס שאַכטל, האָט גענומען די אויערינגען, רייפן און, זיי-גערלעך, וועלכע ער האָט אָפּגעקויפט באַם הענדלער און איר אַריינגעשליידערט אין שויס. ער האָט אויך אַראָפּגעצויגן די דיקע בריליאַנטענע רינגען פון זיינע פינגער און צוגעוואָרפן אַהין. הויפּטמאַן פּערלשטיין האָט אַרויסגענומען זיינע קייטעלעך און בראָשן פון דער קעשענע און איר נאָך צוגעגעבן עטלעכע דיקע פּעקלעך בייע ווילאַ-באַנקנאָטן. און אַלע זענען צוגעקומען, אָנגע-פילט איר שויס מיט צירונג און גאָלד. אָבער דער גענעראַל האָט זיך געכאַפּט צו זיין טייסטער און אַרויסגענומען פון אים צוויי פולע זשמעניעס גאָלדענע מטבעות, און זיי געלאָזט קלינגענדיק אַהין אַריינפאַלן. ער האָט געלאַכט און געפרייט זיך, ווי דאָס גאָלד האָט אַזוי שיין געקלונגען.

זי האָט צוגערופן דעם קאַטאַרינאַזש, און ער האָט געבראַכט אירע טאָרבעס. זי האָט אַלץ אַריינגעוואָרפן אַהין, נישט לייגנדיק צומאָל קיין אַכט דערויף.

„כ'דאַנק אייך!" האָט זי געזאָגט. איינמאָל נאָר, און יוצא געווען פאַר אַלעמען.

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צו איר. „ווער איז פאַרבליבן פון דעם צירק?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט געענטפערט קורץ: „אָטאָ דער!" — און האָט אָנ־געוויזן אויפן קאַטארינאַזש. „ווייטער קיינער נישט. ער איז שפּעטער געוואָרן פערד־קנעכט. און איז איצט כמעט אינגאַנצן בלינד".

„בלינד?" האָט ער געפרעגט. „פון פיבער?"

„איך ווייס נישט", האָט זי געענטפערט, „ער איז נאָך לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל אין סאַן פראַנציסקאָ — בעת ער איז אַרויס־געקומען, איז ער געווען בלינד. איצט פאָרט ער אַרום מיט מיר". — זי האָט אים לאַנג אָנגעקוקט מיט אירע סאַפירענע אויגן — עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי אַ קיל, בלאָ וואַסערל וואָלט אים אויסגעבאָדן און פון אים אָפּגעוואַשן דעם גאַנצן הייסן שמוץ. „איר האָט מיינע גייסטלעכע אַרויסגעהאָלפן", האָט זי פאַרגעזעצט, „איר זענט אַ גוטער, פונקט ווי יענער קאַפּיטאַן איז געווען. ווי אַלע אַנדערע דייטשן אויף דערדאָזיקער שרעקלעכער שיף".

„וואָס איז געוואָרן מיט די חיות?" האָט ער איבערגעריסן.

זי האָט דערציילט: „דער קאַפּיטאַן האָט מיר צוגעהאָלפן זיי צו פאַרקויפן אין סאַן פראַנציסקאָ. אפילו די געצעלטן און די שטייגן — אַלץ. כ'האָב באַקומען אַסך געלט, מער ווי מיר האָבן זיך געריכט. נאָר דעם טיגער האָבן זיי נישט געוואָלט, און נישט דעם וואָלף —ביידע זענען געווען קראַנק. איך האָב זיי געפלעגט". זי האָט גערעדט רויק און שטיל, ווי זי וואָלט געווען דערציילט וועגן לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן. „דער טיגער איז געווען שלעכט און מיאוס, געווען כיטרע און האָט געביסן. דעריבער האָב איך אים פאַרקויפט דעם גענעראַל. ס'איז גוט, וואָס דער אָקס האָט אים אוועקגעלייגט. אָבער דער וואָלף איז א דאַנקבאַרע און גוטע חיה. ער איז מיין געטרייער חבר".

זי האָט דערציילט וועגן דעם קאַפּיטאַן פון „טורינגיע"; וועגן אירע אויפטריטן אין קאַליפאָרניע און טעקסאַס. און ווי אַזוי זי איז ענדלעך אָנגעקומען צום גענעראַל ווילאַ.

אַלע האָבן זיך שטילשווייגדיק צוגעהערט, מיט פאַרשפּאַרטן אָטעם. קיינער האָט איר נישט איבערגעריסן. פראַנק ברוין האָט

נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון איר. אָבער ער האָט נישט געזוכט אירע בלאָע אויגן — ער האָט בלויז געקוקט אויפן האַלז און אויף דער ברוסט פון בלענדנדיקער ווייסקייט, שוין - זשע וועט ער נישט אָפּגעפינען די קליינע וווּנד מיטן טראָפּן בלוט. אָבער קיין שום שפּור איז נישט געווען דערפון.

געטרוימט האָט ער בלויז —

זי האָט נאָך איינמאָל געטאַנצט און איז דערנאָך אַוועקגעגאַנגען, געזעגענדיק זיך מיט אַ שמייכל אַרום און אַרום. אָבער די האַנט האָט זי קיינעמען נישט דערלאַנגט.

הינטער איר האָט זיך אַרויסגעשאַרט דער קאַטאַרינאַזש.

*

* *

לאַנגזאַם האָבן זיך אַריינגעגנבעט צוריק די ווייבער, איינע נאָך דער אַנדערער. ווידער איז אַנטשטאַנען אַ געפּילדער און אויסגעלאַסנקייט.

בייגער - און קאָרטנשפּילן, געשרייען און געזינגערייען —

אַוועק איז די הייליקע — דער שטילער טעמפּל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרשייטן באָרדעל.

„קומט, דאָקטאָר, לאָמיר גיין״. האָט אויסגערופן פערלשטיין. „דאָס וואָס דאָ וועט פאָרקומען — איז נישט זייער רייצנדיק״.

זיי זענען אַוועקגעריטן פאַמעלעך אין שטאָט אַריין. זענען פאַרבייגעפאָרן פאַר די חורבות פון אַן אָפּגעברענטן בנין.

„דאָ איז אַמאָל געשטאַנען אַ גרויסע געביידע״, האָט געזאָגט דער ייד, „דער אַמעריקאַנישער קאָנסולאַט. זיי האָבן אים צעשטערט און אויסגעגלייכט מיט דער ערד״.

„און דער קאָנסול ?״ האָט פראַנק ברוין געפרעגט.

„ער איז גליקלעכערווייז אַנטלאָפן. די יענקיס האָבן פון אונז נישט ווייניק אויסצושטיין״.

„אַלץ!״ האָט באַשטעטיקט פראַנק ברוין. „און ווען איר זאָלט אפילו אַלע אַמעריקאַנער אויסהרגענען — אָנהויבנדיק פון די קאָנסולן, וואָלט נאָך אַלץ דער פּרעזידענט ווילסאָן געקאָנט דאָס גאַנצע לאַנד אין קעשענע פאַרשטעקן״.

„פאַרוואָס ?" האָט געפרעגט דער הויפּטמאַן.

פראַנק ברוין האָט געענטפערט. „ער וויל, אַז די מעקסיקאַנער זאָלן זיך אַליין אויפפרעסן. דערהויפּט, ווייל ענגלאַנד וויל עס אויך. די פאַרייניקטע שטאַטן מוזן מיט אייך לעבן בשלום, כּדי די יענקיס זאָלן קענען ליפערן געווער און אַמוניציע פאַר אייראָפּע, און ס'זאָלן דערביי גראָב פאַרדינען די מיליאַרדערן. ערשט דעמאָלט, ווען איר וועט אָפּשוואַכן די כּוחות, וועלן אייך דאַן די אַמעריקאַנער דערלאַנגען דעם טויט־קלאַפּ — פון הינטן. אָבער כּל־זמן עס ווילדעוועט די מלחמה אין אייראָפּע, האָט איר פולשטענדיק מנוחה. די מלחמה אָבער, וועלכע איר באַדאַרפט, כּדי אָפּצוראַטעווען אייער לאַנד — דאָס איז די מלחמה קעגן דרויסן, וועלכע זאָל אייך אַלעמען פאַרייניקן.

„וואָס מיינט איר דערמיט ?" האָט געפרעגט דער אַדיוטאַנט.

„אַז די מעקסיקאַנישע חיילות זאָלן אַריינפאַלן קיין טעקסאַס אָדער אין קאַליפאָרניע", האָט אָפּגעענטפערט פראַנק ברוין.

הויפּטמאַן פערלשטיין איז אַנטשוויגן געוואָרן — ער האָט זיך פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער געזאָגט. „איך בין אַמעריקאַנער, בין געבוירן אין ניו־יאָרק. כ'וואָלט געוועו צוזאַמען מיט זיי — אונטער זייער שטערנדיקער פאָן. אָבער זיי האָבן מיך נישט געוואָלט און האָבן מיך אַרויסגעוואָרפן, ווי א „מצורעדיקן".

ער האָט זיך געזעגנט — האָט אַ דריק געטון דאָס פערד מיט די שפּאָרן און גענומען האַסטיק אַוועקרייטן.

פלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט — האָט זיך אויסגעדרייט אויפן זאָטל און אויסגערופן :

„יאָ, איך וועל אַריבערפירן פאַנטשאָ ווילאַן איבער דער גרעניץ !"



„מיט גאָר געהיימער קראפט געשאפן האָט דער חעזיר
דער דריימאָל קלוגער, א כישוף=שפיגל אים
פון רייננסטן בארג=קריסטאָל. — און ווען דער שאך
אין אָט=דעם צויבער=שפיגל געוואָרפן האָט זיין בליק,
דאַן איז פאר אים דאָס גורל=בוך פון זיבן וועלטן,
דאָס זיבנמאָל פארהילט: — געלעגן אויפגעמאכט —“
דשאמי, סאלאמאן און אבסאל.

ערנסט ראָסיוס האָט אים אָפּגעוואַרט אויפן באַנהויף.

„וואָס מאַכן עפּעס אונזערע דעטעקטיוון?“ האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„אַ דאַנק“, האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר, „זיי וועלן זיך שטאַרק פרייען, וואָס זיי זעען אייך צוריק, דאָקטאָר — טויט אָדער לעבעדיק“. ער האָט געמאכט אַ טריט אויף צוריק און אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן. „באמת — מער טויט ווי לעבעדיק. ווי איר זעט עס אַביסל אויס — ממש ווי זויער ביר“.

ער איז געהאַט קראַנק געוואָרן אונטערוועגנס, און אָפּגעלעגן דריי טעג אין אַ האָטעל אין סט. לויס. אָבער ס'האָט אים גאָר־נישט געהאָלפן, ער פילט זיך פונקט ווי פריער, מיד, צעקלאַפּט און פוסט.

לאָטע וואַן נעס איז נישט געווען אזוי איבערגעשראָקן פון

זיין געזונט - צושטאַנד. ער האָט געטראַכט: „זי מאַכט זיך נאַר אזוי, כדי מיך נישט אויפצורעגן. אָבער דאָס איז נאַריש, אויף וואָס - זשע זענען פאַראַן שפּיגלען? און איבעריקנס — עס רעגט מיך כּלל נישט אויף".

ער איז צו איר אַהינגעפאָרן, און זעלבן אָוונט נאָך. זי איז געזעסן אויפן דיוואַן; ער איז געלעגן לעבן איר, מיטן קאָפּ אויף איר שויס. זי האָט געהאַלטן זיינע הענט, לייכט געגלעט זיין שטערן. ער האָט איר דערציילט, וועגן מעקסיקע און וועגן פּאַנטשאָ ווילאַ —

זי האָט געפרעגט: „דו האָסט געזאָגט, אַז דער הויפּטמאַן האָט געהייסן פּערלשטיין?"

ער האָט עס באַשטעטיקט מיט אַ שמייכל. אָ, יאָ, דאָס איז געווען איר „אידעע - פיקס": די יידן וועלן אַרויסהעלפן די דייטשן. און אָט - דער פּערלשטיין וועט אונטערהעצן די מעקסיקאַנער צו אַ מלחמה אין טעקסאַס. און די ענגלענדער און איטאַליענער, די רוסן און פראַנצויזן וועלן שוין מער נישט באַקומען קיין ליפערונגען: דאַן מוז דייטשלאַנד זיגן —

ער האָט זיך געפילט רויקער, קלאָרער, שטאַרקער, בעת אירע שמאָלע הענט האָבן אים באַרירט; שטיל האָט ער געקושט די שפּיצן פון אירע פינגער.

„ווו איז דאָס מעסערל?" האָט זי געפרעגט. ער האָט עס איר דערלאַנגט. זי האָט זיך געקווענקלט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט זי עס האַסטיק אויפגעעפנט.

„ס'איז פולשטענדיק ריין!" האָט זי פריילעך איסגערופן. אין אַ ווײַלע אַרום אָבער, אָפּזיפצנדיק, האָט זי צוגעגעבן: „אָרים ייִנגל!"

ער האָט געפרעגט: „וואָס זאָל דאָס באַטייטן? שוין-זשע איז דאָס אַ צויבער-שפּיגל? צי באַקומט עס פלעקן, ווען כ'וועל דיר אומטריי?"

זי האָט געשאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ. „יאָ — ס'באַקומט פלעקן — העסלעכע, גרויסע פלעקן. אָבער קיין צויבער-שפּיגל איז עס נישט — זיינע פלעקן זענען זייער נאַטירלעכע. איטלעכס מעסערל אין דער וועלט וואָלט מיר געדינט מיטן אייגענעם". זי האָט עס אים צוריק אַריינגעשטעקט אין זיין קעשענע. „היט עס גיט אָפּ — אין אַ געוויסן טאָג וועט עס זיין פאַרבלוטיקט". זי האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן — האָט אים אַרויסגעקושט.

די פראַגע פון מויל. „שטיי אויף, מיין פריינד, דאָס נאַכטמאָל ווארט".

זיי זענען געזעסן שווייגנדיק און געטרונקען. ער האָט אָנ-געגומען איר האַנט און זי לאַנג געהאַלטן — עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט געווען אין דער היים — בא דער מו-טער — אַזוי שטיל און געמיטלעך —

און צוגלייך, ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין אַנדערע פרוי אין די אָרעמס נישט געהאַלטן.

נאָר דידאָזיקע — נאָר זי — לאָטע לעווי —

זי האָט זיך אויסגעפוצט לכּבוד אים — ערשט איצט האָט ער עס באַמערקט. זי האָט אויסגעזען שטראַלנדיק און זייער פּאַר-פירעריש — נאָך קיינמאָל איז זי נישט געווען אַזוי שיין.

איינמאָל האָט זי אים אַ פרעג געטון: „צי פרייסטו זיך, וואָס דו ביסט צוריקגעקומען?"

ער האָט נאָר געשאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ.

זיי האָבן אַריינגעוואָרפן ראָזינקעס אין די בעכערס וויין-לופט - פּערלען, ווי זילבערנע פישעלעך, האָבן געגומען אַרומשווי-מען איבער דער גאָלדענער משקה. און ביידע האָבן אויפגעכאַפּט מיט דער צונג דידאָזיקע קליינינקע, קיילעכיקע פישעלעך, גע-האַלטן זיי אויף אָנגעשפּיצטע ליפּן — געגעסן זיי — איינער פון צווייטנס מויל.

„קום אַהער!" האָט זי געזאָגט.

* *

*

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעריבן די אויגן — און האָט זיך אויפגעזעצט אין דעם גרויסן בעט. די זון האָט וואַרעם דורכגעדרונגען דורך די געלע פאָרהאַנגען — ווי שפּעט האָט עס געקענט זיין?

דערנאָך האָט ער צוגעמאַכט די אויגנלעפּלעך — געפּרוווט נאָכצודענקען, געזוכט עפּעס אַזוינס פון דער נאַכט, וואָס ער האָט געהאַט פאַרלוירן. אָבער דאָס איז אַלץ געווען זיין חלום, וועלכן ער האָט אָפּגעפונען.

פון דער טענצערין, דער גאָהיטאַ — „Dolores Eche-varria". פון דער, וועלכע האָט געטאַנצט די רומבאַ. פון איר האַלז, אירע ברוסטן, פון דער קליינער רויטער וווּנד און דעם טראָפּן בלוט.

אָדער — ניין — ער האָט זי נישט געזען. נישט אירע אויגן — נישט איר בילד — און נישט איר טאַנץ —

דאָס האָט ער נאָר אַזוי געפאַנטאַזירט — איצט, וואַכ-דיקערהייט.

אָבער געחלומט האָט זיך אים נאָר פון איר בלענדנדיקער ברוסט און דעם קליינעם בלוטיקן שטרייף —

ער האָט ברייט אויפגעעפנט די אויגן און זיך צעלאַכט:

„איז עס נישט אַמאָל דאָ ערגיץ געווען!"

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַ טונקל-רויטן פלעק אויפן ווייסן קושן, שוין עטוואָס פאַרווישט.

צי האָט ער אָטאָ-דאָס געזען אין האַלבשלאָף — און דער-פון געשעפט זיין חלום?

ער איז אויפגעשפרונגען פון בעט — ווו איז אַהינגעקומען לאָטע? אירע קליידער זענען געלעגן פונאַנדערגעוואָרפן — דאָ און דאָרטן, אויפן דיוואַן, אויף די שטולן און אויף די טעפּיכער — שיך, בלוזע, זאָקן.

ער האָט זיך אויסגעבאָדן, אָנגעטון זיך און אַוועק אין עס-צימער. דאָס שטובמיידל, וועלכע האָט אים געבראַכט פרישטיק, האָט דערקלערט, אַז די גנעדיקע פרוי מאַכט איר טואַלעט און זי בעט, אַז ער זאָל אונטערוואַרטן. ער האָט אַלזאָ געפרישטיקט אַליין און ס'האָט אים זייער גוט געשמעקט, ווי זינט וואָכנלאַנג נישט.

איז ער דאָס געווען קראַנק און מיד? ער — און נעכטן נאָך? ער האָט זיך כמעט נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער האָט זיך פריער געפילט — אַזוי געזונט און פריש איז ער איצט געווען.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין איר ביבליאָטעק. האָט באַקוקט די ביכער וועלכע זענען געלעגן אויף איר שרייבטיש, האָט איבער-געלייענט די טיטלען. „Sancti Petris Epiphani, episcopi — Cypri, Ad Diadorum Tyri episcopum, De XII Gemmis, quae erant in veste Aaronis" — אָך, דאָסדאָזיקע בוך גיט

אָן אָפּהאַנדלונג וועגן אהרנס חושן. לאָטע נעמט עס משמעות גאַנץ ערנסט. אַביסל ווייטער איז געלעגן דאָס ווערק פון פראַנציסקוס רועס וועגן שטיינער־קענטעניש און דעם ביסקופּ מאַרבאָד פון רענס אַ בוך וועגן איידל־שטיינער. ווייטער דאָס בוך „Hortus Sanitatis" פון יאָהאַן פון קובאַ. זשאַן דאַ מאַנדווילס „Grande Lapidare" און אויך קאָמיל מעאַגאַרדי׳ס באַרימט ווערק „Speculum lapidum". קאַרדאַגאַ איז געלעגן אויף אַ שטול און באַלד דערלעבן קאָנראַד פון וועגענבורג, און אויף די פאַכן זענען געשטאַנען געדיכט, איינס לעבן אַנדערן, יאָזעפוס קאָנעלוס, דע באָאט, וואָלמאַר, פינאַט, קונץ — און נאָך פיל, פיל אַנדערע מחברים, וואָס פאַנטאַזירן וועגן איידלשטיינער.

ווייטער, אויף דער צווייטער זייט, לאַנגע רייען בענדער, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט נביאות־זאָגעכץ, מיט געהיימע אַנטפּלעקונגען פון דער צוקונפט, האָראָסקאָפּן און טרעפעכצן. אַלבערטוס מאַגנוס, פאַרשטייט זיך, ראַגיעלס כישוף־בוך, פּלאָטינוס, יאַמבליכאָס, פּאַראַצעלזוס, אליפס לוי. אַ מאַסע ווערק פון פאַרשידנסטע גנאָסטיקער, און דערצו די ספרים פון אינדישע, באַבילאָנישע, תּלמודיש־יידישע, אַלעקסאַנדרינישע, קריסטלעכע מיסטיקער. און אומעטום לייען־סימנים, פאַרבויגענע זייטלעך און בלייפעדער־נאָטיצן אויפן ראַנד —

„וואָס זוכט זי אייגנטלעך?" האָט ער געטראַכט.

* *

*

אין דעם טאָג האָט ער נישט געוואַרט אויף לאָטעס וואָנעס. זיין סעקרעטאַר האָט צו אים אָנגעקלונגען און אים געבעטן, אַז ער זאָל אהיימקומען, ווייל עס וואַרטן אויף אים עטלעכע הערן וועגן אַ דרינגנדיקן ענין. ער איז אַוועקגעפאָרן אויף די דריי און צוואָנציקסטע גאַס, זיך באַגריסט, פאַר דער טיר, מיט זיינע ליבע אויסשפּירערס, וועלכע האָבן אים מיט פרייד געדריקט די האַנט. ער האָט פאַרהאַנדלט מיט זיינע קאָמיטעט־לייט און זיי אָפּגעגעבן אַ שנעלן באַריכט. אינאָווענט האָט ער געטראָפן איווי דזשעפערסאָן

מיט איר מוטער אין קלערמאָנט; אויך איר באַי איז געווען דער־בײַ, דער ענגלישער גענעראַל ־ קאָנסול.

„איר זעט אויסגעצייכנט אויס!" האָט געזאָגט פרוי אַליציע. „הייטער, ווי מוסירנדיקער שאַמפּאַניער".

ער האָט אַ שמייכל געטון. אַזוי האָט ער זיך פאַרענדערט אין משך פון פיר און צוואָנציק שעה! נעכטן האָט ער אויסגעזען ווי זויער ביר.

„אַ דאַנק!" האָט ער געזאָגט. „און איר —"

זי האָט אים נישט געלאָזט צום וואָרט קומען. „עס מוז זיין פראַכטפול אויף דעם מערב ־ ברעג! עס איז ממש אַ חרפּה, וואָס מיר זענען נאָך דאָרטן נישט געווען. צי האָט זיך אייך גוט גע־אַרבעט אין קאַליפאָרניע?

„קאַליפאָר —" האָט ער געפרעגט פאַרחידושט. ער האָט נישט דערענדיקט, ווייל ער האָט דערפילט איוויס פוס אויף זיינעם. „איר האָט דאָרט זיכער אַ סך געאַרבעט. איר האָט אונז גע־שיקט אַזעלכע שיינע קאַרטן פון לאָס אַנדזשעלאָס און סאַן דיעגאָ.

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ לייכטן דריק מיטן פוס.

„אויסגעצייכנט האָט זיך דאָרטן געאַרבעט", האָט ער געזאָגט. „ס'איז אַ הערלעך לאַנד דאָס קאַליפאָרניע!"

אַרויסגייענדיק האָט ער געטראָפן די פאַרסטין אויסשטייגן פון איר אויטאָ, אין דער באַגלייטונג פון צוויי דאַמען. זי האָט אים צוגעוואָרפן אַ ראַשן בליק און איווי דזשעפערסאָנען האָט זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס. זי האָט זיך געגריסט לייכט און שפּאַטיש.

„קענסטו זי?" האָט געפרעגט איווי. ער האָט געשאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ.

דער אויטאָ איז אונטערגעפאָרן, ער האָט געהאָלפן דער פרוי דזשעפערסאָן איינשטייגן, דערנאָך האָט ער איווין דערלאַנגט די האַנט.

„ניין", האָט זי געזאָגט, „ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן. די מאַ־מאַ פאָרט מיט איר באַי. איך האָב באַשטעלט מיין נייעם אויטאָ, וועלכן כ'וויל דיר ווייזן".

זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פאָדערשטן געזעס, האָט גע־נומען אין האַנט אַריין די קאָרבע, און האָט אים פאַרבעטן, אַז ער

זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט לעבן איר. זי האָט האַסטיק אָנגעדרייט און זיי האָבן גענומען פאָרן.

„ביסט געווען אין מעקסיקע —" האָט זי געזאָגט.

ער האָט איר פאָרגעוואָרפן: „דו האָסט מיך פאָרט נאָכגעשפּיאָנירט?!"

„ניין", האָט זי געזאָגט, „אַבסאָלוט נישט. איך האָב זיך דאָס דערוווּסט פון דיין סעקרעטאַר, דורך וועמען דו האָסט מיר צוגעשיקט עטלעכע בריוו. כ'האָב מיט אים אַ קאָפּעטשקע געפלירטעוועט, זיי מיר מוחל. — ער האָט זיך אָבער פאַרגאַלאָפּירט — לסוף איז ער געבליבן אַנטוישט. איבעריקנס האָב איך אַלעמען געזאָגט, אַז דו ביסט אין קאַליפאָרניע".

ער האָט אַ פּייף געטון. — קאָנסט איטלעכן גאַנץ דרייסט זאָגן, אַז כ'בין געווען אין מעקסיקע — ס'איז נישט קיין סוד. איך האָב ווידעראַמאָל געוואָלט בייווינען אַן אָקסן - קאַמף — און דאָס איז אַלץ".

„און דערצו האָסטו געדאַרפט האָבן גאַנצע צען וואָכן?" איז איווי צוגעשטאַנען.

„אוודאי", האָט ער רויק געזאָגט. „איך האָב טאַקע געמוזט וואַרטן, ביז ס'וועט פאָרקומען דידאָזיקע פאָרשטעלונג".

זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים. „דו זאָגסט ליגן!"

„דיר?" האָט ער געפרעגט, ווי באַליידיקט. אָבער זי האָט אים אויסגעלאַכט. „טאַקע מיר! — דו האָסט דאָרט אַגיטירט לטובת די דייטשן. טאָג - טעגלעך פלעגן די צייטונגען דערציילן, ווי די דייטשן העצן דאָרט קעגן אונז"

„קינד", האָט ער געזאָגט — און דאָסמאָל האָט עס געקלונגען ערנסט — „טאָג - טעגלעך בלאָפן אייערע צייטונגען. די דייטשן אין מעקסיקע דאַנקען גאָט, אַז מ'לאָזט זיי לעבן: ווי זענען שוין פונלאַנג געוואָרן בעטלערס דורך די כלערליי רעוואָלוציעס. נאָר איינער האָט דאָרט געהעצט און העצט נאָך אַלץ ווייטער—און דאָס איז דער יענקי".

„קעגן זיך אַליין?" האָט זי איראָניש באַמערקט.

„סוף - כל - סוף קומט עס אַרויס אויפן זעלבן" — האָט ער

געענטפערט, אָבער ער איז גלייך אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל ער האָט געפילט. אַז ער וועט זי פּאָרט נישט איבערצייגן,

* *

*

לאָטע וואַן נעס האָט באַקומען אַ גוטע דערציִונג. איר ביבּליאָטעק, איר אַרבעטן און שטודירן, איר געוואַלטיקער פאַרלאַנג אַריינצודרינגען אין דידאַקטיקע אַלע פאַרווילדעטע ספרים — דאָס איז געווען אייראָפּעאיש: דייטשיש און יידיש. אָבער זי איז אַרומגעפאָרן, כמעט טאָג־טעגלעך, צו די פאַרשידנסטע שווינדלערס, וועלכע פלעגן פאַר אַ שיינע מטבע פאַרקויפן כלערליי קינדישע פּראַזן. דאָסדאָזיקע האָט זי זיך שוין אויסגעלערנט דאָ, אין אַמעריקע. דאָס האָט געהערט צום גוטן טאָן אין דער פאָרנעמער געזעלשאַפט פון ניו־יאָרק.

אינערגיץ, אין קיין שום לאַנד און אין קיין שום שטאָט אין דער וועלט האָט זיך אַזוי נישט פונאַנדערגעשפּרייט דערדאָזיקער שווינדל פון וואָרזאָגעריי, ווי דאָ אין ניו־יאָרק. אומפאַרשעמט געמיין און מיט נאַיווע פרעכקייט האָט דאָסדאָזיקע געזינדל געטריבן זיין מלאכה — אַלטע ווייבער צום מיינסטן — אָבער אויך מענער. אין אַלע קוואַרטאַלן פון דער ריזיקער שטאָט האָט געשווייבלט און געווימלט מיט האָראָסקאָפּ־שטעלערס, צוקונפטלייענערס, געהיימע עצהגעבערס, אָקולטיסטן, פּסיכאָלאָגן, כיראָמאַנטן, ספּיריטיסטן, נביאים, טעאָזאָפן אָן אַ סוף. אָנהויבנדיק פון די שמוציקע, פאַרהושכטע ווייבער, וועלכע האָבן דעם עולם אויף דער גאַס, פאַר אַ פּאָר ניקלנע מטבעות, אָראָפּגעלייענט זי צוקונפט פון דער האַנט אַראָפּ, ביז צום באַרימטן פּראָפעסאָר ריז, דער א. ג. מוח פון דער וועלט, וועלכער האָט פאַר זיינע האָראָסקאָפּן גענומען צו צענטויזנט־דאָלערדיקע טשעקן.

— און לאָטע וואַן נעס האָט באַקומען גאַנצע טוצן האָראָסקאָפּן — איינער נאַרישער פון אַנדערן: זי האָט זיי שנעל דורכגעבליקט און תיכף צעריסן.

און דאָך איז זי ווייטער געפאָרן צו אַנדערע און כסדר באַשטעלט נייע —

איינמאָל האָט צו איר געזאָגט פראַנק ברוין: „איך קען זיך מיט איינעם אין ניו-יאָרק, וועלכער קען באמת שטעלן האָראָסקאָפּן. איך האָב אים געכטן געטראָפן אויף דער גאַס — דאָס איז מיינס אַן אַלטער באַקאַנטער פון אייראָפּע. ער איז דער איינציקער, וואָס איז נישט קיין שווינדלער און פאַרשטייט זיך באמת דערויף — אָבער ער וועט דיר פאָרויס זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז קוואַטש".

„פיר מיך אַהין", האָט זי פאַרלאַנגט.

* *

*

„ווי הייסט דיין מכשף?" האָט אים לאָטע וואַן נעס געפרעגט אויפצומאָרגנס.

„אָטאָ פאָן קאַכעלע", האָט געענטפערט פראַנק ברוין. „אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָר, דאָקטאָר מעד. און פיל.

„אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָר?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט געשאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ. „אין דרום-דייטשלאַנד — אין היידלבורג, דוכט זיך מיר, אָדער אין פרייבורג — מיט אַ סך יאָרן צוריק. בעת איך האָב אים קענען געלערנט, איז ער געווען באָד-דאָקטאָר אין טורינגען".

און פאָרנדיק אַזוי מיט איר איבער די גאַסן פון שטאָט, האָט ער איר דערציילט די געשיכטע פון דאָזיקן מענטש. און ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וואָלט געקענט הונדערטער אַזעלכע געשיכטעס דערציילן — אַלע פאַרשידן אינדערמיט, אָבער אַלע גלייך אין אָנהויב און אין סוף. דער אָנהויב: אַ זוניקער פרימאָרגן אין דער היימאַט — גוטע פאַמיליע, גאָלדענע יוגנט, אַרבעט און לעבן. און דערנאָך דאָס געוויטער, דער שטורעם, וואָס האָט אים פאַריאָגט קיין אַמעריקע. און דער סוף: אַ קלאָגעדיקע ירידה אין דער דאָזיקער ריזן-שטאָט, אַן עלנט צוגרונטגיין אין משך פון לאַנגע יאָרן. אַלץ טיפער און טיפער —

דער דאָזיקער מאַן איז געווען אַ געלערנטער, מאַגיסטער און דאָקטאָר. ער האָט געשריבן, אַלס סטודענט שוין, פאַר פיל וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן. ער האָט זיך האַביליטירט, געוואָרן פּרי-

וואַס - דאָצענט און פּראָפעסאָר. געווען גאַנץ פאַרמעגלעך, חתונה געהאַט מיט אַ יינג, בלאָנד מיידל, וועלכע האָט אים ממש פאַרגעטערט און געזאָרגט פאַר אים. אַזוי לייכט און גלייך האָט זיך אויסגעוויזן זייער לעבנס - וועג.

דערנאָך האָט ער פּלוצלינג פאַרלוירן זיין קאַטעדרע און האָט געמוזט עוקר זיין, איבער נאַכט. עפּעס איז געהאַט געשען — דער עולם האָט געמורמלט — אָבער קיינער האָט וועגן דעם הויך נישט גערעדט — מ'האָט אים געוואָלט דערהאַלטן, געבן אים עפּעס אַ ווייטערדיקע מעגלעכקייט. ער האָט זיך באַזעצט אין אַ קור-אָרט, האָט ווייטער געאַרבעט איבער זיינע שטודיען, געקריגן אַ וועלט - שם אַלס עגיפּטאָלאָג און אַסיראָלאָג. ער האָט אויסגעגעבן זיין גאַנץ געלט אויף איינקויפן זיך אַלטערטימלעכע זעלטנקייטן; אָבער ער האָט אַלס דאָקטאָר אין אַ זייער קורצער צייט באַקומען אַ גאָר גרויסע פּראַקטיק, וואָס האָט אים געקענט מעגלעך מאַכן יעטוועדן גענוס. ער האָט אָבער נישט געלעבט — נישט געטרו-כערט, נישט געשפּילט, נישט גערייזט — נישט געקוקט אויף קיין פרויען, נישט רעכט געקענט זיין אייגענע פרוי צומאָל. דער מענטש האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן אינטערעס פאַר קיין שום זאַך, אַ חוץ פאַר זיינע קיילשריפטן און היעראָגליפן. דערויף האָט ער נישט געשפּאָרט נישט קיין צייט און נישט קיין געלט, דערויף האָט ער אויסגעגעבן זיין גאַנץ פאַרדינסט און פאַרבערענגט דערביי גאַנצע נעכט.

דערנאָך — איז ער געוואָרן אַרעסטירט, געשטעלט פאַרן געריכט און פאַרמשפּט — ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן דורך זיינס אַ פּאַציענטין — אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק. ער האָט מתחילת געפּרוווט אָפּצולייקענען — דערנאָך אָבער האָט ער זיך מודה געווען און זיך מער נישט פאַרטיידיקט הינטער געשלאָסענע טירן. אין דער תפיסה האָט מען אים געמאַכט פאַרשידענע פאַר-לייכטערונגען, מ'האָט אים צוגעשטעלט אַלע ביכער, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט האָבן און אים געלאָזט אַרבעטן, וויפל זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט. ער האָט דאָרט אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק איבער אַסירישע האָראָסקאָפּן.

שפּעטער האָט מען אים דערלויבט אויפּסניי זיך צו פאַרנע-מען מיט מעדיצינישער פּראַקטיק — ער האָט זיך באַזעצט אין אַן

אַנדער אָרט און אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט ער ווידער באַ-קומען אַ גלענצנדיקע פּראַקטיק.

צוויי יאָר האָט עס אָנגעהאַלטן — דערנאָך האָט דער פּראָ-קוראָר באַקומען אַ נייע אָנקלאַגע. עס איז געווען פּונקט דאָס-זעלבע: ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעך איבער אַ פרוי, וועלכע איז געלעגן אין נאַרקאָז. יונג, שיין? אָ, ניין — זי איז אַלט גע-ווען איבער זעכציק יאָר און געווען משונהדיק מיאוס — זי האָט געליטן אויף אַ ראַק אין דער נאָז.

דער פּראָקוראָר האָט אים גוט געקענט — ער האָט אים שטאַרק געוואָלט ראַטעווען! ער האָט זיך געקווענקלט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער געהייסן אויסשטעלן דעם אַרעסט-באַפעל — אויפן צווייטן טאָג. אָבער אינאָוונט איז ער אַוועק אין זיין קנייפּע, געשמועסט דערפון —

אַרום זענען געזעסן ריכטערס, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים —

וואָס האָט ער געדאַרפט קריגן? לאַנגיאָריקע תפיסה? אָדער משוגעים-הויז אויפן גאַנצן לעבן?

אין דערזעלבער נאַכט האָט מען אים געהאָלפן מאַכן פליטה און אין צוויי טעג אַרום איז ער שוין געפאָרן אויפן אָקעאַן.

ער האָט געוווינט אין ניו-יאָרק זיבט עטלעכע יאָר. דאָס געלט, וואָס זיין פרוי האָט מיטגעבראַכט, איז שוין געווען לאַנג פאַרנוצט, די אַלטערטימלעכקייטן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, זענען שוין לאַנג געווען אויספאַרקויפט אונטערן פּרייז. זיינע אַמאָליקע אוואַנ-טוריעס זענען אים נישט געשטאַנען אין וועג—קיין מענטש האָט דאָ נישט געוווסט דערפון. אָבער צוריק אָנהויבן זיין פּראַקטיק האָט ער נישט געקענט — דערצו וואָלט ער געמוזט נאָכאַמאָל דורכמאַכן אַלע עקזאַמענעס. דאָס האָבן טויזנטער דייטשישע דאָקטוירים געטון און דאָס וואָלט פאַר אים — ווי פאַר זיי אַלע — אַ שפּילכצל געווען. אָבער: ער האָט נישט גערעדט קיין ענגליש. ער האָט געלייענט פולשטענדיק פליסיק כלערליי קיילשריפטן, רונען*)-כּתב און היעראָגליפן, פאַרשטאַנען פעניציש, עטיאָפּיש, און קאָפּטיש — אין דאָך איז זיין ענגליש געווען שרעקלעך צעקאַלעטשעט. דערצו אין נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס ער האָט אפשר מורא געהאַט פאַר זיך

*) אַלט-גאָטישע שריפט.

גופא: מחמת, שוין־זשע האָט דאָס, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט שוין עטלעכע מאָל, נישט געקענט ווידער געשען אין וועלכן ס׳איז טאָג? ער האָט געפילט אַ פּחד פאַר דער מעדיצינישער פּראַקטיק — פאַר דער העסלעכער חיה, וואָס האָט ערגיצוווּ געדרימלט אין אים.

ער האָט ווייטער געשריבן ווי אַמאָל וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען פאַר כלערליי צייטשריפטן, געווען ווייטער קאָרעספּאָנדירנדיקער מיטגליד אין אַלע מעגלעכסטע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. כדי אָבער צו האָבן אַ חיי־שעה, האָט ער געטון אַלצדינג, וואָס ס׳איז אים געקומען אין האַנט אַריין. ער האָט דערפינדן אַ נייע גאָלד־מישונג פאַר צאָן־פּלאָמבעס און זי פאַרקויפט אַ צאָן־דאָקטאָר, דער האָט עס געלאָזט פּאַטענטירן און באַקומען דערפאַר צוואַנציק טויזנט דאָלאַר—הער קאַכעלע גופא האָט באַקומען דערפון פופציק דאָלאַר.

אַ געוויסער דאָקטאָר, וועלכער האָט געשטרעבט צו באַקומען אויף דער קאָלומביע־אוניווערסיטעט די קאַטעדרע פאַר אָרטאָפּעדיע, האָט בא אים באַשטעלט אָנצושרייבן די געשיכטע פון דערדאָזיקער הייל־קונסט און אים צוגעזאָגט דערפאַר הונדערט דאָלאַר. דערדאָזיקער דאָקטאָר איז אָבער געבליבן זייער נישט צופרידן מיט אים, מחמת ער האָט געהאָפט, אַז דער מאַנוסקריפּט וועט שפּעטסטנס אין דריי וואָכן אַרום פאַרטיק זיין — און דער דייטשישער פּראָפעסאָר איז געזעסן דעריבער כמעט אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר. ער האָט געאַרבעט גאַנצע נעכט, געפונען ממש פאַרבליפנדיקע אויפקלערונגען איבער פוס־קראַנקייטן פון באַבילאָנישע און אַסירישע צייטן, האָט אויסגעשעפּט דעם מאַטעריאַל מיט אַזא גרינדלעכקייט, גלייך ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַ געשעעניש, וואָס זאָל די גאַנצע וועלט פון שווינדזוכט באַפרייען. בעת ער האָט ענדלעך צוגעשטעלט זיינע באַשריבענע בויגנס — איז דער אַמעריקאַנער געווען אויסער זיך פאַר כעס: דאָס בוך איז געווען צו לאַנג און האָט נאָך געהאַט דערצו אַ שלל מיט אילוסטראַציעס — און דאָס וואָלט דעם פאַרלאַג אַריינגעבראַכט אין גאָר גרויסע הוצאות. ער האָט אים דערפאַר אָפּגעשלאָגן פופציק דאָלער און ווייטערדיקע דרייסיק, ווייל מ׳האָט געמוזט דערפון מאַכן אַן ענגלישע איבערזעצונג. וואָס אַ אמת, האָט דערדאָזיקער דאָקטאָר

עפעס אייגנס אויך צוגעגעבן: זיין בילד מיטן אונטערשריפט — דאָס ווערק איז געוואָרן אָפּגעדרוקט — מיט דעם באַשטעלערס נאָמען אַלס מחבר, פאַרשטייט זיך; עס איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ פּריז אין האָווארד, און דער דאָקטאָר איז נאָמינירט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פון אָרטאָפּעדיע אויף דער קאָלומביע-אוניווער-זיטעט. און איצט האָט זיך דער יענקי אַרויסגעוויזן אַלס עכטער דזשענטלמען — ער האָט צוגעשיקט דעם פּראָפעסאָר אַן עקזעמ-פּלאַר, וועלכער האָט געטראָגן אויף דער ערשטער זייט אַ זייער בכבודיקעווידמונג: „מיין ליבן פריינד". און דערביי איז געלעגן אַ טשעק אויף צען דאָלאַר.

אָבער אַזאַ פאַרדינסט איז שוין געווען גאָר אַ באַזונדער גליק. זיין חיונה האָט דער געלערנטער געשעפּט פון אורין-אַנאַליזעס. טאָג-איין טאָג-אויס — פּאָר כּלערליי דאָקטוירים און רופאים — צו איין דאָלאַר האָט ער באַקומען פון איטלעכן אַנאַליז.

— זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען מיט די שטיגן, גלייך פון דער גאַס אויס, זיבצען טרעפּ. אונטן אין די קעלער-שטיבן האָט זיך געפונען זיין לאַבאָראַטאָריע; צווישן זיינע גלעזער, רעטאָרטן, ברען-שיסעלעך און סלאָיען, וועלכע ס'האָט באַלויכטן אַן אומ-וואַרשיינלעך אולטראַפיאָלעט ליכט, ווי פאַרגיפטעטער לבנה-שיין, איז געזעסן דער אָרימער פּראָפעסאָר אויף אַ שטול אָן אָנלען, מיט די הענט אויף די קני, אַריבערגעבויגן אויף פאָרנט, ווי אין האַלבשלאָף. זייער איינגעפאַלן זענען געווען די שטריכן פון זיין פּנים, וועלכעס ס'האָט אַרומגערעמט אַ גרויע, צעפּאַטלטע באָרד און שמוציקע, צעשויבערטע האָר פון קאָפּ. פון איבער די שטאָלערנעברילן האָבן אַפּערגעקוקט קורצזיכטיקע, העל-געלע אויגן.

„דאָקטאָר", האָט פראַנק ברוין צו אים אויסגערופן, „וואָס מאַכט איר עפּעס?"

דער קליינער פּראָפעסאָר איז אויפגעשפּרונגען און אים דערלאַנגט ביידע הענט. „ס'איז מיר זייער ליב, וואָס איר זענט געקומען, זייער ליב. — איך האָב שוין אויסגעפונען דאָס, וואָס איר האָט מיך אַנומלטן געפרעגט, איך האָב אייך אַלץ אויפגעשריבן". ער איז צוגעלאָפן צו אַ זייטיק טישל, און גענומען פון דאָרטן אַ מאַנוסקריפּט פון שפּאָרע דרייסיק זייטן.

„נאַט אייך", האָט ער געזאָגט, „אָטאָ־דאָ האָט איר די זאַך! — אייער „Vaudou"־פּריסטערין, די מאַמאַלאָי, קען נישט זיין עפּעס אַנדערש, ווי אַ מענטשלעכע פּערזאָניפיקאַציע פון דער קאַפּיטישער בערצעליאַ — און וועלכע איז אייגנטלעך דאָס ווייב פון מולך־אַפּגאָט, וואָס די גריכן האָבן אָנגערופן באַזילעאַ. איך פאַרזיכער אייך, אַז מיר האָבן אַ גראָדע ליניע — ניין נישט קיין גאַנץ גראָדע, זי איז געוויסערמאַסן זייער פאַרוויקלט און אויסגע־בויגן — פון דער באַבילאָנישער געטין לאַבאַרטו ביז אַהין צו די קינדער־קרבנות פון האַיטיס „Vaudou" און אָט די מערקווירדיקע קאַפּויערקייט, בעת די בלוט־אָפּפערנדיקע עשתרת האָט געגעבן איר אייגן בלוט, איז דידאָזיקע —"

פראַנק ברוין האָט אים איבערגעשלאָגן: „אַ דאַנק, פּראָפעסאָר, איר וועט מיר דאָס אַן אַנדערש מאָל דערקלערן. היינט האָב איך פון אייך געוואָלט עפּעס אַנדערש. דידאָזיקע דאַמע דאָ —"

ער האָט אים פאָרגעשטעלט די פרוי וואַן נעס. קאַכעלע האָט זיך אויסגעדרייט, ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז אַ פרוי איז געווען אין זיין קעלער. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט, אָבער ער האָט זי נישט באַגריסט — ביטער אַנטוישט, וואָס מ'האָט אים איבערגעריסן זיין פאָרטראַג.

„הער פּראָפעסאָר", האָט ער אים איינגענומען, „זייט נישט בייז. איך האָב דערציילט דער פרוי וואַן נעס, אַז איר זענט דער אייביקער מענטש, וואָס קען שטעלן האָראָסקאָפּן — שטרענג וויסנשאַפטלעך און אָן שווינדל."

„וואָס?!" האָט אויסגערופן דער געלערנטער. „וויסנשאַפטלעך און אָן שווינדל? אַלע האָראָסקאָפּן פאַרשן, דאָס איז וויסנשאַפט, אָבער שטעלן נייע, איז תמיד שווינדל! צי איז דען ווייניק פאַראַן אין ניו־יאָרק נאַרישע בלאַגערס, וועלכע נאַרן אויס בײַ זייערע נאָך נאַרישערע קליענטן דאָס געלט פאַר האָראָסקאָפּן! צו וואָס זענט איר געקומען צו מיר? אָט נישט ווייט פון דאַנען וווינט אַזאַ שוואַרצקינצלער — כ'זע טאָג־טעגלעך פאַרפאָרן צו אים זייער עלעגאַנטע אייטאָס. — איך קאָן אייך צונויפשטעלן אַ גוטע ציין־פּאַסטע, דעם אורין אַנאַליזירן — דאָס איז ערלעכע אַרבעט! אָבער —"

„רעגט אייך נישט אויף, באַראָן", האָט אויסגערופן פראַנק ברוין. „ס'איז נישט כדאי. אויב איר ווילט נישט, קענען מיר עס געמאַך לאָזן!"

„ניין, איך וויל נישט!" האָט געשריגן דער פּראָפעסאָר.

„אַלזאָ גוט, גוט!" האָט ער אים באַרויקט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן: „אַ גאַנץ גרויסע לאַבאָראַטאָריע — אַ שאָד נאָר, וואָס איר האָט נישט קיין ליכטשיין — צי ווינט איר דאָ אויך, פּראָפעסאָר?"

„ניין", האָט ער געמרוקעט, „איך האָב נאָך אַ צימער אויף דער פּערציקסטער גאַס".

פראַנק ברוין האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט. „אַ צימער — פאַר אייך מיט אייער פרוי אַוודאי? — וואָס־זשע מאַכט זי עפּעס?"

„שלעכט", האָט געצישעט דער פּראָפעסאָר.

„צי איז זי קראַנק?" האָט ער געפרעגט.

דר. פאָן קאַכעלע האָט געצויגן מיט די אַקסלען. „איז עס דען אַ חידוש, באַם דאָזיקן לעבן, וואָס מיר פירן?"

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען האַרט צו אים, געזאָגט לאַנג־זאַם און באַטאָנענדיק: „אייער פרוי איז קראַנק — נישט דערבערט מסתם — אַזוי ווי איר אַליין! — און איר האָט דעם מוט אָפּצו־וואַרפן אַ פאָרשלאַג, וואָס וואָלט אייך געקענט ברענגען אַ היפּש ביסל געלט?"

דער פּראָפעסאָר האָט זיך געקווענקלט. „געלט, האָט איר געזאָגט? — וויפל געלט?" האָט ער געפאָרשט.

„און וויפל צייט וועט בא אייך פאַרנעמען דידאָזיקע אַר־בעט?" האָט פראַנק ברוין צוריקגעפרעגט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך איבערגעקלערט אַ ווײַלע. „אויב איך זאָל זיך באמת ערנסט דערמיט פאַרנעמען — אַלע טאָוולען נאָכזען —" ער האָט אַרויסגענומען זיין טאַשנטיכל, אויסגעפּוצט די ברילן און זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן. „דריי חדשים מוז עס לכל־הפחות דויערן", האָט ער געזאָגט, „און אפשר פיר, אויב כ'זאָל וועלן גרינטלעך אַרבעטן".

„איך וועל אייך צאָלן צו צען דאָלאַר אַ טאָג — פאַר פיר חדשים!" האָט געזאָגט פרוי וואַן נעס.

ער האָט איבערגערעכנט. „דאָס — דאָס וואָלט אויסגע־מאַכט — איבער צוועלף הונדערט דאָלאַר” — האָט ער אַרויסגע־שטאַמלט.

„נעמט איר עס אַלזאָ אָן?” האָט זי געפרעגט.

„יאָ — אָבער איך —” דאָ האָט ער זיך פאַרהיקעט. „זעט איר”, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט מיט ביטערקייט, „מ'האָט מיך שוין דאָ אַזויפיל מאָל אָפּגענאַרט, אַז...”

לאָטע וואַן נעס האָט אַרויסגענומען איר טשעק־ביכל, אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער און דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר דעם פּראָפעסאָר. „ביטע, הער פּראָפעסאָר. און הויבט נישט פריער אָן, איידער איר וועט האָבן אָפּגענומען דאָס געלט”.

דער פּראָפעסאָר האָט זאָרגעוודיק צונויפגעפאַלייגט דעם טשעק און אים אַריינגערוקט אין שופלאַד. דערנאָך האָט ער גענומען פון טיש אַ בלייפעדער, איז צוגעגאַנגען צו דער געקאַלכטער וואַנט און אָנגעצייכנט אַ גרויסן, אומבאַהאָלפענעם קרייז און דערין די צוועלף הייזער.

„צי ווייסט די דאַמע, וואָס ס'איז אַזוינס אַ האָראָסקאָפּ?” האָט ער געפרעגט.

פראַנק ברוין האָט געשמייכלט. „איך פאַרהאָף, אַז יאָ. זי האָט זיי שוין אין די הונדערטער באַקומען — פון דער קאָני־קורענץ”.

„די זענען, אין תוך גענומען, פּונקט אַזוי גוט, ווי דאָס וואָס איך וועל פאַר אייך מאַכן — פון די שטערן. צי איך וועל עס אָנצייכענען אין עטלעכע מינוט, אָדער כ'וועל ערשט נאָך לאַנגער אַרבעט, לויט אַלע אַלטע אַסירישע כּללים אַרויסגעפינען, וואָס די שטערן האָבן מודיע געווען אין טאָג פון אייער געבוירן — דאָס איז אַבסאָלוט גלייכגילטיק סוף־כּל־סוף! דאָס ווענדט זיך נאָר אָן אייך, גנעדיקע פרוי! מאַכט עס אַזוי, ווי ס'האָט געטון אַלעקסאַנדער דער גרויסער — אָדער ווי יעזוס פון נצרת — דאַן וועט דער האָראָסקאָפּ זיכער שטימען! מיינער, אָדער פון דער מינדסטער וואָרזאָגערין פון קאָני־איילאַנד —”

דער פּראָפעסאָר האָט צוריקגעפונען זיין גלייכגעוויכט. „צי זילט איר זיך איינהערן?” האָט ער געפרעגט. „אַ פערטל שעה

נאָר? כ'מוז דאָך אייך זאָגן, וואָס איר וועט באַקומען פאַר אייער געלט! — זעצט אייך, ביטע, זעצט אייך!"

ער האָט איר צוגערוקט אַ שטול. זיינע געלע אויגן האָבן געפינקלט פאַר פרייד, וואָס ער האָט געקענט האַלטן אַ פאָרטראַג וועגן אַ זאַך, וועלכע האָט אים אַזוי שטאַרק אינטערעסירט.

ער האָט גענוי דערקלערט די אוראַלטע געזעצן פון דעם האָראָסקאָפּ בײַ די אַסירישע אַסטראָלאָגן און זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג בײַ די באַבילאָנער, פעניציער, עגיפּטיער און עטיאָפּיער. בײַ די אַראַבער, גריכן, אַראַמעער און פּערסן — און די מערקווירדיקע סאָפיסטישע פּירושים פון דער אַלעקסאַנדרינישער שול. ער האָט מסביר געווען קלאָר און זאַכלעך, פאַרוואָס אין די אַלטערטימלעכע צייטן האָבן די האָראָסקאָפּן געמוזט מקוים ווערן.

„דעמאָלט", האָט ער געזאָגט, „האָבן אַלע געגלייבט אין די אייביקע געזעצן פון די שטערן. די כּללים? — עפּעס אַ נאָמאַד האָט זיי געשאַפן, ערגיצוווּ אין דער מדבר. ס'האָבן זיי פאַרהייליקט און פּאַרפעסטיקט גאַנצע יאָרהונדערטער, ווי דעם רעכן־סיסטעם, ווי די אותיות פון אלף־בית. אַזוי שטאַרק האָט די אַלטע וועלט דערין געגלייבט, אַז אירע היסטאָריקער — מיט העראָדאָטן אין דער שפּיץ — האָבן לויט דידאָזיקע נאָרמען געשריבן זייער געשיכטע. העראָדאָט זאָגט אויף געוויסע ערטער: „הגם די מסורה פון יענעם פאָלק באַהויפּט, אַז — אָבער דאָס איז לגמרי נישט ריכטיק; אין די שטערן שטייט אַנדערש". און ער דערציילט ווייטער די געשיכטע פון פאָלק, לויט ווי זי שטייט אין די שטערן — און נישט ווי ער האָט זי געהערט בעת זיינע נסיעות.

„מ'האָט זיך אַלזאָ אויסגעלערנט — שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק — באַרעכענען דעם לויף פון די שטערן, פאַר די פאַרגאַנגענהייט פּונקט אַזוי ווי פאַר די צוקונפט. נישט די קעגנווארט האָט אינטערעסירט — נאָר דאָס, וואָס ס'איז געווען, און נאָכמער דאָס, וואָס ס'וועט זיין. אין די שטערן איז געשטאַנען די געשיכטע פון יעזוס קריסטוס — אָ, מיט אַלע קלענסטע פּרטים — און מ'קאָן זי דאָרטן נאָך היינט צוטאָג פּונקט אַזוי גוט לייענען, ווי מ'האָט עס געקענט מיט טויזנטער יאָרן פריער, איידער ער איז געבוירן געוואָרן. צי דען איז זי נישט געווען אויסגעקריצט אין קלאָרסטן קיל־כתב אויף דעם גרויסן שטיין אין בערלינער מוזיי? מ'האָט

נאָר געדאַרפט אויסצוחשבונען ווי ס'האָט אויסגעזען דער שטערן-הימל אין דעם אָדער יענעם יאָר?

אָבער עטלעכע מאָל אין משך פון א יאָהרהונדערט פלעגט אנטשטיין א מערקווירדיקע קאָנסטעלאַציע, — און אזא איינע איז געווען די, וועלכע האָט דערשיטערט די וועלט אין פערטן יאָר-הונדערט פאַר קריסטוס. איינער וועט קומען פון מערב אַהער: א יינגער העלד אויף א ווייסן פערד, וועלכער וועט צעשמעטערן די מלוכות — פאַר אים וועלן זיך עפענען די טויערן פון די שטעט און די חיילות וועלן פאַר אים צעשטויבט ווערן ווי די פלעווע אין פעלד. און ס'איז געקומען אַלעקסאַנדער מוקדון און מקיים געווען אַלצדינג, וואָס ס'האָט געלערנט די אייביקע חכמה פון די שטערן. איינער אַ רוס, מוראַוויאָוו, האָט עס נאָכגערעכנט און ס'האָט אַלץ געשטימט, צו דער האָר. פאַרוואָס? ווייל דער גאַנצער מזרח האָט געקענט דאָסדאָזיקע נביאות און פעסט דערין געגלייבט, און ווייל מ'האָט געוואַרט אויפן דאָזיקן דעראָבערער זינט יאָרנ-לאַנג שוין. דערפאַר האָבן די שטעט אויפגעעפנט זייערע טויערן, דערפאַר זענען אַנטלאָפן פאַרן הייפל גריכן די ריזיקע חיילות פון פערסישן קעניג. און קעניג אַלעקסאַנדער האָט זיין ראָל אַלס שליח פון די שטערן זייער גוט געשפילט, ער האָט מקיים געווען אַלצדינג, וואָס ס'איז געווען פאָרויסגעזאָגט דורך די אַסטראָלאָגן, וועמענס נביאות ער האָט געקענט נישט ווייניקער, ווי אַלע אַנדערע. דעריבער האָט ער זיך געפּאָרעט באַם גאָרדישן קנופּ און דעריבער האָט ער עולה-רגל געווען צו דעם אַמאָן-טעמפּל! — נאָר וואָס אָן אמת, איז אים אַביסל צו שפּעט איינגעפאַלן, אַז ער איז באַ-רופן צו זיין דער צוגעזאָגטער העלד: מיר ווייסן, למשל, היינט, אַז ער איז שוין געווען אין די פופציקער און שוין לגמרי נישט קיין יינגערמאַנטשיק, בעת ער האָט אַרויסגערירט אַקעגן פערסיע. אפשר האָט ער גענומען צוהילף שמינקע און פודער — אָבער וואָס ער האָט נישט געזאָלט טון, כדי זיין עלטער צו פאַרבאָרגן — ס'איז אים פאַרט גאַנץ פיין געלונגען. — נאָך היינט צוטאָג פי-גורירט ער אין די שול-ביכער פון דער גאָרער וועלט אַלס יינגער, פרייליכער און שטראַלנדיקער העלד!"

„ווייל אַזוי שטייט אין די שטערן — און די האָבן רעכט — נישט די ווירקלעכקייט".

„דאָס אַנדערע געוואַלטיקע נביאות איז געווען מכוח דעם משיח. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געפונען אין יענע יאָרן אין אַ פיבערהאַפטן און אויפגערעגטן צושטאַנד — די צייט פון די שטערן איז געקומען — און אָט האָט זיך גאָטס שליח באַוויזן צווישן זיי. ער איז אויפגעשווימען — נישט אַליין — נאָר אין עטלעכע עקזעמפּלאַרן פּאַראַמאָל. צי דען איז יוחנן נישט געגאַנגען אין די מדבר אַריין און צי האָט ער נישט געטויפט מיט וואַסער — פּונקט ווי יעזוס? צי האָט דען יוסף, דער אַזויגערופענער יידישער קריסטוס, וועלכער איז אַביסל שפּעטער אויפגעטרעטן, נישט גע־פירט געווען דאָסזעלבע לעבן, ווי דער נאַזאַרענער?

„פאַרוואָס - זשע? ווייל — אַזוי איז געשטאַנען אָנגעשריבן.

„דער טעסטאַמענט זאָגט אונז אין פאַרשידענע ערטער, אַז דער געקרייצטער פלעגט טון דאָס אָדער יענץ — כדי ס'זאָל מקוים ווערן, וואָס עס שטייט געשריבן.

ווו - זשע געשריבן? — אין די שטערן".

און אַזוי פעלזנפעסט איז געווען דערדאָזיקער גלויבן אין די אייביקע שטערן, אַז די אַלעקסאַנדרינישע שול האָט געטון פּונקט דאָסזעלבע, וואָס הערראָדאָט: זי האָט קאָרעגירט — לויט די שטערן — די געשיכטע פון די אַפּאָסטאָלן, אַזוי האָט זיך אַריינ־באַקומען, מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער, די מערקווירדיקע געשיכטע וועגן צוועלפיאָריקן יעזוס אין טעמפּל, אין דער עוואַנ־געליע פון הייליקן לוקאַס. און די מעשה מיט דער פּליטה קיין עגיפּטן — אין דער עוואַנגעליע פון הייליקן מאַטעוס.

אין די שטערן שטייט דידאָזיקע געשיכטע — צו יעדער צייט קאָן מען דאָס נאָכקאָנטראָלירן. אַלאָ דער עוואַנגעליסט האָט זי נישט פאַרנאָטירט? מילא, האָט ער זי מסתם פאַרגעסן — טאָ דאַרף מען טאַקע דעם בלייז אויספילן".

דער פּראָפעסאָר האָט גענומען דערקלערן מיט וואָס אַמאָל מער ברען, געבראַכט איין ביישפּיל נאָכן אַנדערן פון דער רוימי־שער געשיכטע און פון מיטלעלטער, כדי צו באַווייזן, ווי פּרעכטיק ס'זענען מקוים געוואָרן אַלע האָראָסקאָפּן, אויב מ'האָט נאָר גע־טון — וואָס דאָרט איז געווען אָנגעשר'בן. ער איז נישט אַנט־שוויגן געוואָרן אויף קיין רגע, האָט אויסגענוצט די גוטע געלעגנ־הייט און געפּלעסקעט ווי אַ וואַסערפאַל.

פראַנק ברוין איז אויפגעשטאַנען און אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל. „איך מוז אייך איבעררייסן, פּראָפעסאָר", האָט ער געזאָגט, ווייל כ'מוז, ליידער, אַוועקגיין —"

„אָבער די לאַבאַרטאָר?" האָט זיך געבעטן דער אַנדערער.

„איך מוז דאָך אייך זאָגן, ווי אַזוי די פּעניצישע אַסטאַרטע —"

„אַן אַנדערשמאָל" האָט ער געזאָגט, „אַן אַנדערשמאָל! הייַנט האָב איך באמת קיין צייט נישט".

לאָטע וואַן נעס האָט זיך צורעכט געמאַכט איר הוט. „אפשר וואָלט איר געוואָלט מיטפאָרן מיט אונז אויף אָוונטברויט, דאָקטאָר?" האָט זי געזאָגט. „איר וואָלט מיר געקענט דאָס אַלץ דערציילן".

„אייך?" האָט ער געפרעגט. „אינטערעסירט אייך דאָס?"

זי האָט געשמייכלט: „איך גלויב, אַז יאָ. מיר וועלן זיך אַביסל צונויפרעדן".

פּראָפעסאָר פאַן קאַכעלע האָט געזוכט זיין הוט און האָט אים לסוף געפונען אין אַ פּאַפּיר - קויש.

זיי זענען אַהיימגעפאָרן מיטן אויטאָ. לאָטע וואַן נעס האָט אַריינגעבראַכט אַ קליין קעסטעלע, אויפגעעפנט עס און אַרויסגענו- מען פון דאָרטן אַ שמאָל, זילבערן האַלזקייטל, אין וועלכן ס'איז גע- ווען איינגעפאַסט אַ קליינער קריסטאַל. זי האָט עס געוויזן דעם פּראָפעסאָר און אים געפרעגט: „דאָס האָב איך מיר געלאָזט מאַכן — צי ווייסט איר סאַראַ באַדייטונג דאָס האָט?"

דר. פאַן קאַכעלע האָט באַטראַכט דעם שטיין און דערקלערט אַלס מבין: „לויט אַ ווענעציאַנישן אַבערגלויבן פון XIV י. ה., וועלכן ס'האָבן וואַרשיינלעך אַריבערגעבראַכט די קרייצפאָרער פון סיריע — דאַרף דערדאָזיקער שטיין פאַרשאַפן די פרויען מילך!"

לאָטע לעווי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, גענומען דאָס קייטל און עס אָנגעטון אויפן האַלז. „איר האָט רעכט", האָט זי געזאָגט.

פראַנק ברוין האָט זי שטאַר אָנגעקוקט: „דו, לאָטע — דו ברויכסט מילך?"

„יאָ", האָט זי געזאָגט רויק. „מילך — פאַר מיין קינד. אַ סך מילך — רויטע מילך".

*

„שטותים", האָט געטראַכט פראַנק ברוין. „נאַרישע דיבורים!"

אָבער דאָס האָט אים נישט געלאָזט צורו. דער בעריל, וואָס די האָט אים געגעבן צו טראָגן אויף דער האַנט האָט כסדר צוגעצויגן זיין בליק אויף זיך. און ער האָט געטראַכט וועגן די אַלטע שטיינער פון איר חושן —

אויפצומאַרגנס איז ער ווידער אַראָפּגעקראָכן אין קעלער פון דר. קאַכעלע.

„זאָגט מיר, פּראָפעסאָר", האָט ער אויסגערופן. „צי איז דאָס מעגלעך, אַז איידלשטיינער זאָלן אינדעראמתן באַזיצן די זעלטענע אייגנשאַפטן, וועלכע ס'האָבן זיי צוגעשריבן די אַבערגלויבנס פון אַלע פעלקער אין אַלע צייטן? צי איז דאָס מעגלעך?

דער קליינער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַרהוסט. „פאַרוואָס נישט? איטלעכס קינד ווייסט, וואָסערע מערקווירדיקע אייגנשאַפטן ס'באַזיצן די מינעראַלן — יעדער האָט זיך אַמאָל געשפּילט מיט אַ מאַגנעט און אויפגעהויבן דערמיט שטאָלערנע נעגל, אָדער נאַטריום און קאַליום אין די וואַש - שיסל אַריינגעוואָרפן, כדי צו זען, ווי שיין דאָס ברענט אין וואַסער! איטלעכס יינגל ווייסט, אַז אָנגעצונדענע מאַגנעזיע לייכט העלער ווי די ליכטשיין. צי דען זענען דאָס נישט קיין וווּנדערבאַרע אייגנשאַפטן? — אָך, כמעט איטלעכער מינע-אַל האָט זיין קליינעם וווּנדער און נאָר גאָר ווייניק פון זיי קע-נען מיר גענוי. אַלע מעטאַ"ן אָקסידירן, אָבער גאָלד נישט, ווייל עס גייט נישט אַריין מיט זויערשטאָף אין קיין פאַרבינדונג. גיט נאָר אַ טראַכט וועגן די אומדערהערטע עמאַנאַציעס*) פון ראַ-דיום, אָדער וועגן אירידיום, וואָס צעלאָזט זיך נישט אין קיין שום זויערע, אפילו נישט אין קעניגסוואַסער".

„צי האָבן זיי אויך היילנדיקע אייגנשאַפטן?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך צעלאַכט. „אָבער דאָקטאָר, איר ווייסט דאָך דאָס אַליין פונקט אַזוי גוט ווי איך! שווין-זשע ווירקט נישט גלויבער - זאַלץ פיל ראַדיקאַלער פון ריצין - אייל? צי האָט איר קיינמאָל נישט געהאַט מיט קיין קאַרבאָל צו טון און זיין דעזינפיצירנדיקע ווירקונג נישט קענען געלערנט? טוט נאָר אַ

*) אויסשט-צלונגען.

טראַכט — וואָס וואָלט געווען די גאַנצע מעדיצין אָן די מינעראַלן? קאַלי־לויג, נאַטרי־לויג און לאַפּיס ווירקן אויפלייזנדיק; מיט קוועקזילבער שמירן זיך מיליאָנען חולאים. אייזן פרעסן נאָך גרע־סערע מחנות. אַלס היילווירקנדיק פאַר טויזנטערליי זאַכן גילטן קאַרלסבאַדער, ווישי און אַלע אַנדערע מינעראַל־וואַסערן. און עס זענען נאָך היינט צוטאָג פאַראַן דאָקטוירים־אויטאָריטעטן אפילו — וועלכע זענען פעסט איבערגעצייגט, אַז מיט יאָד און אַרסען קען מען היילן אַלערליי קרענק אין דער וועלט!"

„אויב אַזוי", האָט פראַנק ברוין אָנגעהויבן, „איז דאָך, הייסט עס דורכויס מעגלעך, אַז, —"

„אַז ס'האָט אַ יסוד דער גלויבן פון די אַלטע פעלקער, וועלכע האָבן צוגעשריבן די שטיינער זעלטענע אייגנשאַפטן?" האָט אים איבערגעריסן דער פּראָפעסאָר. „אָן שום ספק! — נישט איינס איז אַוודאי לויטער פאַנטאַזיע; און אָפט אפילו גאַנץ קינדיש. אָבער אַ גרויסער טייל איז זיכער ריכטיק. אַמער זענען דאָך אפילו די עקזאַקטע וויסנשאַפטן אויך נישט פריי פון טעותים".

* * *

דער סעקרעטאַר איז צוגעגאַנגען צו פראַנק ברוינס בעט און אויסגערופן: „ס'איז צוועלף דער זייגער, דאָקטאָר, שוין צייט אויפצושטיין! דער דינער האָט געבראַכט די טיי".

„ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַ האַלב שלעפעריקער. מ'האָט אים געבראַכט דעם פרישטיק אין בעט אַריין; ער האָט געגעסן און געטרונקען אינדערשטיל און פאַרטראַכטערהייט. אַזוי פלעגט שוין זיין פון זינט אַ געווויסער צייט — ער פלעגט זיך אינדערפרי נישט קענען צונויפנעמען, און געמוזט תּמיד אָנגעשטרענגט טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס'איז געשען דעם פאַרגאַנגענעם אָוונט.

„דער פאָרטראַג איז גרייט", האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פאָרטראַג, וואָס ער האָט געדאַרפט היינט האַלטן. — וועגן וואָס? ער האָט נישט געדענקט.

נוס דאָזיקן צוועק האָט ער באַשטעלט אויף באַנאַכט דעם סעק־רעטאַר.

„איר האָט מיך גאַנץ שיין איבערגעשראָקן, דאָקטאָר — היינטיקער נאַכט", האָט געשמייכלט דער סעקרעטאַר.

„איך?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין, „ווי אַזוי?"

„איר זענט אַ נאַכטוואַנדלער", האָט געענטפערט דער סעק־רעטאַר. „מיט אָפענע אויגן זענט איר געשטאַנען פאַרן טישל און אַרויסגענומען אַ פּאָר זאַכן און זיי דערנאָך צוריק אַריינגעלייגט".

„און דאָס איז אַלץ?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין, „און פונוואַנען ווייסט איר, אַז כ'האָב עס געטון איז שלאָף?"

„יאָ, איך ווייס עס אויף זיכער. איך האָב אייך גערופן, און איר האָט מיך נישט געהערט. כ'בין אויפגעשטאַנען פון בעט, צו־געגאַנגען צו אייך נאָענט, און איר האָט מיך נישט געזען, הגם איר האָט געהאַט אָפענע אויגן. כ'האָב אייך אָנגענומען באַם אָרעם און צוגעפירט צום בעט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט איר צוגעמאַכט די אויגן און פעסט איינגעשלאָפן".

ער איז אַרויסגעשפרונגען פון בעט — זיך שנעל אָפּגע־באָדן, דערנאָך האָט ער דורכגעקוקט די צייטונגען און געשפילט בשעת מעשה מיטן סעקרעטאַר אין שאַך.

שפּעטער האָט ער זיך געהייסן פאַרלייענען דעם פאָרטראַג און אים פאַרבעסערט אין פאַרשידענע שטעלן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן:

„דערלאַנגט מיר, כ'בעט אייך, יענעם אַנאָנימען בריוו, ווי מ'וואָרנט מיך פאַר אַ דראָענדיקער סכנה".

„איר האָט דאָך מיך נעכטן געהייסן אים פאַרברענען, דאָק־טאָר".

„טאַקע אינדערמאָתן? איך געדענק שוין נישט — אָבער כ'האָב עפּעס מורא. אפשר האָט עס פאָרט אַ יסוד. ס'האָט מיך ווידער געחלומט היינטיקער נאַכט פון דער וווּנד אויף דער ברוסט — און פון רויט, טריפנדיק בלוט".

ער איז אויפגעשפרונגען, גענומען שפּאַנען מיט נערוועזע טריט איבערן צימער. „און דאָסדאָזיקע אַרומוואַנדלען אינמיטן שלאָף היינטיקער נאַכט — ווער ווייסט, צי ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל! שוין־זשע בין איך אַ ניוראַסטענישער בחור? אַ

היסטערישע פרוי אין קריטישן עלטער, אָדער אפשר א לונאַטיש מיידל, ווען זי באַקומט מענסטרואַציע? צו אַלדי רוחות! ניין! איך האָב מורא — זאָג איך אייך — גאַנץ פשוט מורא — פאַר — פאַר עפּעס!"

ער האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט און גענומען זויגן זיין פּאַפּיראָס. „און דידאָזיקע מורא מוז דאָך האָבן א געוויסן גרונט. איך בין קראַנק — דאָס ווייסט איר גאַנץ גוט — פון זינט איך געפין זיך אין דערדאָזיקער פארשאָלטענער שטאָט. אָבער עפּעס א קאָמישע קרענק איז עס — וועלכע קיינער קען נישט — און איך צום וויינקסטן. א זיבן אָדער אַכט דאָקטוירים האָבן מיך שוין באַטראַכט — פון קאָפּ ביז פיס — אויף פרוי וואָן נעס' באַפעל — און קיינער האָט גאָרנישט געפונען. אביסל נערוון - אָפּ-שוואַכונג, זאָגן זיי — דאָס איז א פעטע פראַזע. כ'זאָל נישט אַזוי-פיל רויכערן, ראָטן זיי מיר, — דאָס ווייס איך אַליין. און: גוטע פלעגונג — צום ווידערזען! — דאָס איז אַלץ!"

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, געוויגט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער און האָט זיך פארטראַכט. דערנאָך האָט ער פאָרגעזעצט: „ס'איז א געוויסע מידקייט — אָן א יסוד. א קערפּערלעכע אָפּשוואַכונג—טיילמאָל א מין קאָפּ-שווינדל — און אַלץ אָן וועלכער ס'איז אָנ-זעעוודיקער סיבה. דאָס מאָדנע געפיל פון א פולשטענדיקער לער-קייט — דאָס איז עס — אַזוי, גלייך ווי כ'וואָלט מער קיין טראָפּן בלוט אין די אָדערן נישט געהאַט — גלייך ווי ס'וואָלט מיר עמיץ אויסגעזויגן און אויסגעטרונקען מיין בלוט. פונקט אַזוי ווי די קינדער טוען מיט אַפּעלסינען — פריער אויסגעבויערט א לאָך דערין און דערנאָך אויסגענאָגט: איך בין די פּאָמעראַנץ!"

ער האָט אויסגעצויגן די פיס און פאררויכערט א פרישן פּאַפּיראָס.

„כ'האָב מורא", האָט ער באַטאָנט, „דאָס איז זיכער. באַטן נאָך נישט — אָבער אין שלאָף יאָ. איז בכן דידאָזיגע מורא אָן אומבאַוווסטזיניקע און קומט אויס דער טיפעניש פון מיין אינ-סטינקט. איז פאַר וואָס-זשע האָב איך פאַרט מורא?.." ער האָט אָפּגעהאַקט און געקוקט מיט א שטאַרקן בליק אויף זיין סעקרעטאַר. „זאָגט מיר, כ'בעט אייך, צי גלויבט איר, אַז דאָס זאָל זיין די ווירקונג פון עפּעס א פּאַמעלעכדיקן סם?"

ערנסט ראָסיוס האָט זיך הויך צעלאַכט. „באַרויקט אייך, דאָקטאָר, מיר לעבן דאָך נישט אין מיטלעלטער!"

„כ'זאָג אייך", האָט געענטפערט פראַנק ברוין. „נאָך קיינמאָל איז די וועלט נישט געווען אַזוי משוגע ווי אין אונזערע צייטן — טוט נאָר אַ קוק אין די צייטונגען! מ'קוילעט זיך אויס אין די הונדערטער — ווען האָט די זון אַמאָל צוגעזען אַזאַ שחיטה? און צוואָס? — און פאַרוואָס? איטלעכע רעגירונג פלוידערט - אויס דיזעלבע פאַטריאָטישע פראַזן — און איינע איז אַזוי אומזיניק, אַזוי אומפאַרשעמט נאַריש ווי די אַנדערע. אונזער טפשות איז פיל פאַנטאַסטישער. ווי זי איז געווען אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע. אָדער דעמאָלט, בעת די משוגענע באַנדעס פון די שמייס-ברידער זענען דורכגעגאַנגען אַזוי פיל לענדער און פאַר-וואַנדלט אייראָפּע אין אַ גרויס משוגעים-הויז. — ניו-יאָרק אָבער, ליבער ראָסיוס, איז די ראָמאַנטישסטע שטאָט פון דער גאַנצער וועלט, זי לעבט, נאָך היינט צוטאָג אין געפּלדיקסטן מיטלעלטער!"

„וואָס רעדט איר?" האָט אים איבערגעריסן דער סעקרע-טאַר. „דאָס מאָדערנע ניו-יאָרק — מיט זיינע אונטערערדישע באַנען, און וואָלקנקראַצערס און מיט די הונדערטער טויזנטער אויטאָ-מאָבילן!"

„טאַקע דאָס!" האָט ער אויסגערופן, „טאַקע דאָס! מיט דידאָזיקע אויבערשטע און אונטערשטע באַנען, אין וועלכע איר געפינט מער וואַנצן און פליי ווי ערגיצוווּ אין נעאַפּאָל, מיט דידאָזיגע וואָלקנקראַצערס, וועלכע פאַרוואַנדלען אַזויפיל גאַסן אין אונטערערדישע קעלערס. און די אויטאָמאָבילן — איר ווייסט עס פונקט אַזוי גוט ווי איך, אַז אַ סך דאַמען וואַגן נישט אַליין אין אַ טאַקסיס איינצושטייגן, אויס מורא, זיי זאָלן נישט פאַרשלעפּט ווערן ערגיצוווּ, אינמיטן העלן טאָג. אָפּיום-היילן קענט איר געפינען גאַנצע טוצן. און פול איז אומעטום מיט הערויִן, קאָקאין און מאָרפיום — וויפיל אייער הארץ גלוסט נאָר. אונזערע נעגערס שעכטן דאָ זייערע קינדער צו זייער שלאַנגען-גאָט. פון הודו-קולט פונקט אַזוי גוט ווי ערגיצוווּ אין האַיטי! שקלאַפן האָבן מיר דאָ אין די שווערע טויזנטער - לעזט דורך די לעצטע קאָמוניקאַטן וועגן דעם איטאַליענישן פּאַדראָן-סיסטעם אין האַפן—שקלאַפן, וועל-כע זענען פיל שטאַרקער צוגעשמידט צו די קייטן, ווי אַמאָל אין

די פלאַנטאַציעס פון די באַוול-מאַגנאַטן! — און ווייטער די צויבערער אויף שריט און טריט — אין איטלעכן הויז כמעט ווינט עפּעס אַ מכשפה, וועלכע נעמט צו דאָס געלט בא די נאַרישע דאַמען. פּראָסטיטווירטע אין אַלע לאָקאַלן און טעאַטערן, אויף איטלעכער גאַס — ווייבלעכע, און מענלעכע אפשר נאָך מער — דאָ קענט איר קויפן יעטוועדע שענדלעכסטע תאווה, אויב איר וועט נאָר דעם דאָלאַר-טייסטער ברייט אויפמאַכן! — און דערביי זענען זיי דאָ גרייט צו מסרן דעם מינדסטן סוחרל, וועלכער פאַרקויפט אַ דאַמען-בילדל, וואָס איז אַביסל צו ווייט אויסגעשניטן. די וואַסער-טרינקערס און הייליקע לייט, וועלכע האָבן פאַרבאָטן אין זונטיק טעאַטער און ספּאָרט, וועלכע שאַפן די ליגנערישסטע געזעצן, וואָס שליסן פון פאָרנט די קנייפּעס, כדי פון הינטן זיי צו עפענען. אָבער זעט איר, אויך דידאָזיקע אינקוויזיציע איז מיטלעלטער — זי איז אָבער ניט אַזוי שטאַרק און אכזריותדיק. ווי אין שפּאַניע — בייערט פהדניש, קליינלעך, ענגליש און געמיין. איינס אָבער איז זיכער: ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום אוממעגלעכע זאַך אין דער דאָזיקער ריזיקער שטאָט, אין דעמדאָזיקן אומגעהייערן קאַסטן, אין וועלכן די גאַנצע וועלט האָט איר מיסט צונויפגעקערט".

ער האָט זיך הויך צעלאַכט. „מיר ביידע שטעקן אויך דערין — אָבער ס׳איז גוט וואָס מ׳גיט זיך כאָטש טיילמאָל אָפּ אַ דין-חשבון, ווו מ׳געפינט זיך ערגיץ — כדי צו קענען אַמאָל צוריק אַרויסקריכן, ווען ס׳וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט — אַנדערש פאַרסמט עס די נשמה און מ׳פילט עס אַפילו נישט! ווייל זעט איר, ראָסיוס, ס׳איז זייער לייכט זיך צוצוגעוווינען צום דאָזיקן וואַרימען און שליימיקן זומפּ, און דערנאָך פילט מען זיך שוין אין אים גאַנץ גוט."

ער איז ווידער אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום פענסטער און עס ברייט אויפגעמאַכט, דערנאָך האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט.

„גיפט", האָט ער פאָרגעזעצט, אַ גיכער אָדער אַ פאַמעלעכדיקער — ווי מ׳וויל. אַלמאַי נישט? דאָס וואָס ס׳האָבן געקענט די פאַמיליעס מעדיצי און באָרדזשיאַ — קענען אויך די ניו-יאָרקער גאַנץ זיכער! און פונקט אַזוי קענען זיי אויך פּראַווען זייערע אָרגיעס, בלויז אין סטיל און אין געשמאַק הינקען זיי

אַביסל אונטער" ער האָט זיך צעלאַכט און צוגעגאַנגען צום סעק
רעטאַר. „זאָגט מיר נאָר, צי האָט איר שוין אַמאָל אָנטייל גענומען
אין אַ היגער אָרגיע?"

„אַוודאי" — האָט געזאָגט ראָסיוס, „אַ שאלה אַביסל! מיט
מיידלעך און געזאַנג".

פראַנק ברוין האָט אים איבערגעריסן: „ווו זענען מיינע
איינלאַדונגען, די פון די „האַלב-וועלט-דאַמען", אויף עפּעס אַ
חנוכּת-הבית דוכט זיך — איך וועל אייך מיטנעמען אַהין".

ראָסיוס האָט געזוכט אַ ווײַלע. „דאָ זענען זיי", האָט ער
געזאָגט. אויפן ביינצענטן — דאָס איז געווען אייערנעכטן".

„אַ שאָד", האָט געזאָגט פראַנק ברוין, „איז עס שוין צו
שפּעט. אָבער אין הערבסט אָדער ווינטער-צייט — ווען מיר וועלן
ווידער באַקומען אַן איינלאַדונג — זאָלט איר מיך, למען השם,
דערמאָנען.

MCMXV מאזנים

VIII

פעליעטאָן

„אויב עמיץ איז דורך בייזע רוחות אָדער דורך השבעות פאַר־בישופט געוואָרן, און ער האָט זיין פארשטאַנד אָנגעווירן, טאָ נעם אַ ריין ווייצן ברויט, אַ נאָך גאַנץ הייס. שנייד איין אין דעם אויבערשטן הייטל אַ גרויסן צלם — אָבער טו גוט אכטונג, אַז דו זאָלסט אים נישט אינגאַנצן דורכשניידן. פיר אַרי־בער מיט אַ היאַצינטן־שטיין איבערן דאָזיקן צלם און זאָג דערביי די פאָלגנ־דיקע ווערטער: הלואי זאָל גאָט, וואָס האָט אָפּגענומען בּאַ דעם טייוול אַלע איידלשטיינער, אוועקנעמען אויך פון דיר אַלע בייזע רוחות און באַשפּרעכענישן אין דיך אויסלייזן פון דיין משוגעת".

הייליקע הילדעגאַרד, מאַנאַכין פון בינגען. (XII י.

בעת פראַנק ברוין איז דעמדאָזיקן נאָכמיטאָג אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן זיין סעקרעטאַר זיצן זייער פאַרטראַכט פאַר דער שרייבמאַשין, מיט ביידע הענט אויף דער שויס.

„נו, וואָס האָט איר עפּעס אויסגעטראַכט?" האָט ער געפרעגט.

„איך האָב אויסגעטראַכט", האָט געענטפערט ראָסיוס, „אַז כ'בין נישט אייער אייביקע פעדער און נישט אייער סעקט־גלעזל. און ווייטער — ווען איר וואָלט געהאַט אַ פערד, אַ פרוי אָדער אַ ראָוועך — וואָלט איך נישט געוואָלט זיין קיין איינס פון זיי. ווייל אַזעלכע זאַכן באָרגט מען נישט גערן אַוועק, מחמת מ'קערט זיי תמיד אום מער אָדער ווייניקער באַשעדיקט, דער מ'גיט זיי אינגאַנצן נישט צוריק"

„הם —" האָט געזאָגט פראַנק ברוין, „און דאָס ציין־בערש־טעלע? דאָס קריגט מען דאָך צוריק כמעט אומבאַשעדיקט — אָבער מ'באָרגט עס פאָרט נישט גערן אַוועק!"

דער סעקרעטאַר האָט אָפּגעענטפערט: „טאָ בין איך אייער צײַן - בערשטל אויך נישט. ווײַל מיך באַרגט איר אַוועק וויפל עס גלוסט זיך אײַך נאָר—יעדן טאָג מוז איך אויסהעלפן באַ אָן אַנ- דערער צײַטונג — אָדער באַ עמיצן פון דעם קאָמיטעט! און דער- בײַ בין איך בלויז עפּעס אַ צוטשעפּעניש — איר באָרגט אַוועק די שרײַבמאַשין — און אַזוי אַרום געהער איך אויך מיט דערצו!"

„זאָגט בעסער, אַז איר האָט נישט קיין חשק!" האָט זיך צעלאַכט פראַנק ברוין. „קיינער צווינגט דאָך אײַך נישט".

„אָבער פאַרט", האָט געזיפצט דער סעקרעטאַר, „די מעשה איז די: איך באַקום דערפאַר עטלעכע דאָלאַר — מײַן כלה דאַרף ווידער אַ נײַעם הוט! — יאָ, טעוועס האָט פריער אָנגעקלונגען —"

„וואָס דאַרפט איר פאַר אים שרײַבן?" האָט ער געפאָרשט.

„פרעגט אים איר אַליין — איך הויב נישט אָן צו וויסן. ער וועט אהערקומען, און וויל דאָ דיקטירן". ער איז אויפגע- שפרונגען. „אָט קלאַפּט מען, ער איז שוין זיכער דאָ".

אָבער דער אַלטער דינער האָט געמאָלדן דעם רעפערענ- דאַר קריסטאָף פרילינגהאָז.

דער רעפערענדאַר איז אַרײַנגעקומען. אָבער באַלד נאָך אים איז נאָכגעקומען טעוועס און אַוועקגעוואָרפן שטעקן און הענטשקעס אויף אַ שטול.

„אַ פּאַפּיראָס — דאָקטאָר? האָט ער אויסגערופן. „ווי שטייט ערגיץ אייער שאַכטל?" אַנטשולדיקט מיר, וואָס כ'בין איצט אהערגעקומען — אָבער כ'מוז אויסאַרבעטן אַ רעדע פאַר וואַכ- טעלן — איר קענט דאָך אים, מסתם, דעם דיקן קיילער, דעם פּרעזעס פון „לאַנדוועהר" - פאַריין. אין דער רעדאַקציע איז אוממעגלעך — פופציק מענטשן אין איין זאַל — מ'הערט ממש נישט די אייגענע רייד. אהיים ווידער איז צו ווייט — ס'דאַרף דויערן דרײַ שעה אהין און צוריק! בין איך אַלזאָ אהערגעקומען צו אײַך — דאָ שטערט מיר ווייניקסטנס קיינער נישט".

„און מ'שטערט אײַך קיינעמען נישט, וואָס?" האָט אויסגע- רופן פראַנק ברוין.

„אָך, גאָט מײַנער, מ'שטערט, פאַרשטייט זיך!" האָט זיך צע- לאַכט דער זשורנאַליסט. איר מוזט זיך אָבער צוגעוווינען דערצו — טײַ? צי וואָלט אונז ראַסיוס נישט געקענט פאַרברײַען קיין

טיי? — צי ווייסט איר שוין, אַז בעלגראַד איז גענומען — נאָר וואָס האָבן מיר באַקומען דידאַזיקע ידיעה. אַצינד -- יאָ, גיט מיר נאָר אייערע רעדעס — דאַן וועל איך שוין געפינען עפּעס פּאַסיקס פאַר מיין קיילער - מייסטער! איך וועל אויסשטרייכן אַלץ, וואָס איז מער - ווייניקער מעגטשלעך און איבערלאָזן בלויז: די גראָבע פראַזן — און די וועל איך נאָכאַמאָל איבערלאַקירן! דאָס וועט מיר איינשפּאָרן די העלפט צייט — און ס׳וועט ווירקן גראַנדיעז: אויף די קריגסלייט!"

ער האָט אַרומגעשמייעט אין אַלע צימערן, געגישטערט אומעטום מיט זיינע לאַנגע הענט. געבראַכט דאָס שאַכטל מיט פּאַפּיראָסן, אַרויפגעשטעלט דעם טשייניק אויף דעם עלעקטרישן קאָכער, גע-טראָגן טעצלעך, געזוכט די טעקע מיט די פּאָרטראַגן.

„זעצט אייך שוין ענדלעך אַוועק!" האָט זיך געבייזערט ראָסיוס. „איר זענט מיר אומעטום אין וועג. טרינקט פריער אויס די טיי — דאָס וועט אייך פאַרשאַפן די נויטיקע רויקייט — דערנאָך וועט איר מיר קענען דיקטירן אייער מייסטערווערק!"

„נו, וואָס ברענגט אייך דאָ אַהער, הער פרײַלינגהאָז?" האָט פראַנק ברוין געפרעגט דעם רעפערענדאַר. „גייט עס אייך גוט אויף אייער נייעם פּאָסטן?"

„גוט?" האָט געזיפצט דער רעפערענדאַר. „כ׳האָט מיך אַרויס-געוואָרפן באַלד נאָך צוויי טעג". ער איז געווען פון נידעריקן וווקס און אויסגעדאַרט. אַמאָל האָט ער געמוזט זיין אַ דיקער, אָבער איצט האָבן באַ אים אַרומגעלאַבערט די קליידער אויף דעם לייב — ער האָט געהאַט אַ פליכיקן קאָפּ — דאָס פּנים פול מיט שראַמעס, אויף ביידע באַקן און שלייפן, לעבן די אויגן און אויערן, אויפן קאָפּ און אונטער דער נאָז. די שראַמעס האָבן אַזש געשריגן אויף אַלע גאַסן: איך בין אַ דייטשישער סטודענט: זיין רעכטער אָרעם איז געווען משונהדיק קורץ — איז בכן נישט געווען קיין וווּנדער, וואָס באַם דועלירן זיך האָט אים איטלעכער געקענט דערלאַנגען, ווו ער האָט נאָר געוואָלט.

דערדאָזיקער מענטש איז געווען ווי פון גורל פאַרפאָלגט — מ׳האָט מיט אים גאָרנישט געקענט אויפטון. ער איז געווען רעפע-רענדאַר און ווייטער גאָרנישט. זייער פרי פאַריתומט, האָט ער זיין געלט פאַרשוועגדט אויף דער אוניווערזיטעט און אין די קאָרפּאָראַצי-

יעס, ס'האָט זיך אים אייסגעלאָזט פונקט דאַן, בעת ער האָט גליקלעך דורכגעמאַכט די עקזאַמענעס. ס'איז אים געלונגען אָנצוקומען אין קאָלאָניאַל-דינסט — מ'האָט אים אַוועקגעשיקט קיין סאַמאָאַ — דאָרט האָט ער זיך אויסגעלערנט וויסקי טרינקען. שפּעטער איז ער אַהערגעקומען איבערן פּאַציפיק קיין אַמעריקע — און איצט איז ער דאָ געווען, געזוכט, געזוכט — און קיינזאַך נישט געפונען.

„פאַרוואָס גייט איר נישט אויף אַ פערמע?" האָט אים געפרעגט פראַנק ברוין.

דער רעפערענדאַר האָט געזופט זיין הייסע טיי. „דריימאָל בין איך שוין אַרויסגעפאָרן אויפן דאָרף און נישט געקענט לענגער אויסהאַלטן ווי צוויי, דריי טעג. — דערנאָך פלעג איך קריגן אַ שרעקלעכן קאַטאַר — ס'האָט מיר אָנגעהויבן צו קאַפּען פון די אויגן און נאָז — און כ'האָב זיך גענומען וואַקלען ווי אין פיבער — איך קען צו קיינעם קיין תרעומות נישט האָבן, למאַי מ'טרייבט מיך אַרויס".

פראַנק ברוין האָט פיינט געהאַט דעמדאָזיקן פאַרשוין, וועמען ער האָט אָבער פאָרט אַלעמאָל אַרויסגעהאָלפן. ער האָט קיין גליק נישט, האָט ער געטראַכט — און ער ברענגט אומגליק!

„קליגגט-זשע אָן צו דער אַרבעטס-הילף", האָט טעווס פאָרגעשלאָגן. „די הערן פון דערדאָזיקער אינסטיטוציע האָבן שוין אַ סך אַקאַדעמיקער מיט שטעלעס פאַרזאָרגט".

דער רעפערענדאַר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „מיר אויכעט — אָבער ס'איז שוין נישט געגאַנגען. ס'איז תמיד דאָס אייגענע — איך קען קיינזאַך נישט. לענגער ווי אַ וואָך האָט מיך קיינער נישט געהאַלטן און דערנאָך איז עס נאָר געווען אויס חסד און באַרמהאַרציקייט! איך קען נישט קיין סטענאָגראַפיע און נישט אויף דער שרייבמאַשין און מיין האַנטשריפט איז אומדערטרעגלעך מיאוס".

„פאַרוואָס-זשע לערנט איר אייך נישט אויס?" האָט געפרעגט טעווס.

„איך האָב געפּרוווט — אָבער ס'גייט נישט!" האָט געיאָמערט דער אומגליקלעכער מענטש און אויסגעשטרעקט זיין קליינע האַנט מיט די פאַרקריפּלטע פינגער. „איך קריג באַלד אַ קראַמף אין די פינגער, קוים שרייב איך נאָר אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד—

איך האָב שוין דאָ געפּרוּווט פּלערליי מלאָכות. איך בין געווען כּלים-וועשער — שוין עטלעכע מאָל — אָבער כ׳בין אַזוי אומגע-שיקט, אַז כ׳האָב מער צעבראָכן, ווי כ׳האָב פאַרדינט איבערן טאָג. איך האָב גאַנצע טעג פונאַנדערגעטראָגן פּלאַקאַטן, אַז די פיס זענען מיר אַזש געשוואָלן געוואָרן. כ׳בין געווען קעלנער אין אַ רעסטאָ-ראַן און כ׳האָב גוט פאַרדינט, ווייל טייל געסט האָבן מיך ליב געהאַט, הגם זיי האָבן פון מיר חוזק געמאַכט, אַנדערע אָבער האָבן דערקלערט, אַז זיי קענען ממש נישט עסן, בעת זיי זען מיך אַרומדרעפּטשן אַהין און אַהער מיט די פיס.

„צי רעדט איר ענגליש?” האָט געפאַרשט דער רעדאַקטאָר.

דער רעפערענדאַר האָט טיף אָפּגעזיפצט. „יאָ — יאָ! כ׳קען לייענען און שרייבן ענגליש, אָבער כ׳האָב אַזאַ מילערישע אויס-שפּראַך, אַז איטלעכער לאַכט מיך דאָ אויס. דאָס האָט מיך שוין געקאָסט דריי פּאָסטנס. כ׳בין שוין אויך געווען נאַכט-שומר און אויסרופער און —”

פראַנק ברוין האָט אים נערוועז איבערגעשלאָגן. „גוט, גוט מיר ווייסן שוין, וואָס איר זענט אַלץ געווען”. אָבער ער האָט באַלד ווידער באַדויערט זיין שאַרפן טאָן, און ער האָט צוגעגעבן: „אפשר וואָלט איר געקענט קריגן באַשעפטיקונג באַם דר. אולריק. פון דעם „דייטשן-שוץ” — מיר קענען אים אָנפרעגן”.

„כ׳בין שוין באַ אים אויך געווען באַשעפטיקט —” האָט געקרעכצט דער רעפערענדאַר. „ער האָט מיך אַרויסגעשיקט קיין ראָטשעסטער, כּדי דאָרט צו אָרגאַניזירן דעם פריש געגרינדעטן „דייטשן-שוץ”. מתחילת איז געגאַנגען גאַנץ גוט, איך האָב געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע. אַ סך מיטגלידער דערוואָרבן און בין באַלד געוואָרן באַליבט באַם גאַנצן עולם. אָבער —”

„נו, אומגליקלעכער פאַרשוין” האָט אויסגערופן טעוועס, איבער וואָס זענט איר ווידער נכשל געוואָרן?”

„איך האָב געמוזט רעדעס האַלטן”, האָט ער געזאָגט זיפצנ-דיק. — „אָט איז מיין רעדע” ער האָט אַרויסגענומען אַ כּתב-יד פון דער קעשענע, געפּאַכטע דערמיט אינדערלופטן. „זי איז פּונקט אַזאַ גוטע ווי יעדע אַנדערע. אָבער ס׳איז מיר פאַרט נישט גע-גאַנגען — איך קען די עסטראַדע נישט פאַרטראָגן. אַזוי ווי כ׳האָב נאָר אויבן אַ פוס אַרויפגעשטעלט, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ

אַ קינדערישער פחד — און בעת כ'האָב ענדלעך דאָך געעפנט דאָס מויל, איז עס גאָר געווען עפּעס אַ מילעריש שטאַמלען און כ'האָב ממש נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסלייענען. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו לאַכן; ענדלעך האָט איינער פון די אָנוועזנ־דיקע גענומען מיין בויגן פּאַפּיר און פאָרגעלייענט זיי מיין רעדע. קיין שאָדן געבראַנגט האָב איך נישט אין ראָטשעסטער — זיכער נישט — אָבער איך מוז דעם דר. אולריק געבן גערעכט, ווען ער האַלט, אַז כ'בין נישט פעיק צו פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט: דערצו מוז מען טאַקע קענען רעדן!

„יאָ, מענטש", האָט געלאַכט טעווס, בעת ער האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס. „וואָס־זשע קענט איר אייגנטלעך פּערפעקט? וואָס האָט איר געלערנט?"

איך — בין — רעפּערענדאַר", האָט אַרויסגעבאָמקעט דער אָרימער נפש. ער האָט אַרויסגענומען זיין וויזיט־קאַרטע און די אים דערלאַנגט. „רעפּערענדאַר קריסטאָף פריליגהאָז, ביטע. איך בין געווען טעטיק אין מאַרבורג באַ דעם—"

דער זשורנאַליסט האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דער קאַרטע. „איר ווייסט, מענטש אייבער, איר מוזט אייך אָנרופן דאָקטאָר — אַזוי וועט זיך אפשר לאָזן עפּעס אויפטון. אויב איר שלעפּט אייך אַזוי אַרום מיט אַזאַ פּנים און אָן דעם דאָקטאָר־טיטל, האַלט אייך א'טלעכער פאַר עפּעס אַ שיכּורן סטודענט — און דאָס וועקט אומצוטרוי".

„אָבער כ'האָב דאָך נישט באַלייגט מיין דאָקטאָר־עקזאַמען", האָט באַמערקט דער רעפּערענדאַר.

טעווס האָט אויסגערופן: „באַלייגט — צי נישט באַלייגט— וואָס איז די נפקא־מינא! צי רעדט איר זיך איין, אַז דאָ וועט אייך עמיצער פרעגן אויף פּאַפּירן?"

אָבער דער אַנדערער האָט געענטפערט — און צום ערשטן מאָל האָט געקלונגען אַבסאָלוט פעסטקייט אין זיין שטים: „ניין — דאָס וועל איך נישט טון. דאָס וואָלט שוין געווען שווינדל".

„מילא, ווי ס'געפעלט אייך!" האָט געחוזקט דער זשורנאַ־ליסט. „שוין־זשע האָט איר נאָכנישט באַמערקט, אַז דאָס דאָזיקע גאַנצע לאַנד לעבט בלויז פון שווינדל? וויבאַלד מ'האָט גאָרנישט און מ'איז גאָרנישט און מ'קען גאָרנישט — ווי איר אַ שטייגער —

און דערצו זיך נאָך דערלויבן אַזאַ לוקסוס, איטלעכן קליינעם שווינדל מיט שטאָלץ אָפּצוּוואַרפן — דאַן וועט איר ווייס נישט פאַרפאָרן אין ניו־יאָרק! איר מעגט עס מיר גלויבן״.

„איך גלייב עס אייך אויפן וואָרט״, האָט געזאָגט דער רעפּערענדאַר. „ביז אין מאַרך פון די ביינער אַריין בין איך דערין איבערגעצייגט״.

ער האָט זיך געווענדט צו פראַנק ברויגען. „הער דאָקטאָר, כ'בין טאַקע דעריבער היינט צו אייך געקומען. — איך ווייס עס גאַנץ גוט! איר האָט מיר אַזוי אָפט אַרויסגעהאָלפן — ״

„וויפל ברויכט איר?״ האָט ער אים איבערגעשלאָגן.

„ניין — נישט דאָס —״ האָט געענטפערט דער רעפּערענ־דאַר. „מיט דעם געלט, וואָס כ'האָב פאַרדינט אויף דער פירמע, האָב איך גראָד געקענט באַצאָלן פאַר מיין וועש. איך האָב נישט קיין נאַכטלעגער — קיין סענט אין קעשענע — און פון נעכטן אָן נאָכנישט געגעסן —״

„הייסט פאַר אים מאַכן אַ פּאָר פּוטער־ברויטן״, האָט פראַנק ברוין זיך געווענדט צו ראָסיוסן.

„אַ דאַנק״, האָט געזאָגט דער רעפּערענדאַר. „אָבער, ווי געזאָגט, איז עס נישט דאָס! — אויב איר וועט מיר געבן געלט, וועל איך אין אַ פּאָר טעג אַרום ווידער נישט האָבן פונוואַנעט צו לעבן. און אויב איר וועט מיר פאַרשאַפן אַ נייע שטעל, וועט מען דאָך מיך סיי־ווי אַרויסוואַרפן נאָך פיר און צוואַנציק שעה! — הער דאָקטאָר — איך — איך —״

ער האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען, פאַרהיקן זיך און שלאָכצן.

„יאָ, איז וואָס־זשע דען ווילט איר, הער פרילינגהאַז?״ האָט גע־פרעגט פראַנק ברוין.

דער רעפּערענדאַר האָט זיך צונויפגענומען. „איר — איך—״ האָט ער אָנגעהויבן. „איך האָב צו אייך אַ בקשה, כ'בעט זיך באַ אייך, הער דאָקטאָר, באַזאָרגט מיר אַ פּאַספּאָרט! איך האָב געדינט אין מיליטער, בין וויצע־פעלדפעבל — און זיי וועלן מיך דאָרט מאַכן פאַר אַ לייטענאַנט — דאַן וועל איך קאָנען עפּעס אויפטון — דאָ וועל איך צו גרונט גיין —״

טעוועס האָט אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער, „איר — איר ווילט אַריבערפאָרן קיין דייטשלאַנד? און ווען אַפילו דער פרעזי־

דענט פון די פּאַרייניקטע שטאַטן אַליין וואָלט אייך בכבודו ובעצמו דעם שענסטן פּאַספּאָרט אויסגעשטעלט און וואָלט אים געלאָזט באַשטעטיקן דורך זיין אויבערהאַר, דעם קאָנסול פון קעניג דזשאָרדזש — וואָלט איר מיט אייער פּנים דאָך נישט דערפאָרן ביז דייטשלאַנד, נאָר וואָלט גאַנץ זיכער אַריינגעפאַלן אין ענגלישן געפאַנגענלאַגער! מיט דידאָזיקע שראַמעס אויפן פּנים זענט איר אַן אמתער דייטשישער סטודענט און בלייבט עס ביז אין טויט אַריין. — די בריטישע פּלאַט-אָפיצירן האָבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר „דייטשישע שראַמעס אויפן פּנים", נישט קוקנדיק אויף קיין שום פּאַפּירן. און איר, מיין הער, פאַרמאָגט אַזעלכע שראַמעס פאַר גאַנצע צוואָנציק מענטשן צוזאַמען. ניין, מיין הער, ניין! מיר שפּאָרן נישט קיין געלט, און באַנוצן זיך מיט יעטווידן גרויסן און קליינעם שווינדל און מיט איטלעכן פּאָרטל אין דער וועלט, כדי אַריבערצוטראַנספּאָרטירן קיין דייטשלאַנד אָפיצירן און בכלל אַלע, וועלכע וואָלטן דאָרטן געקענט זיין נוצלעך. — אָבער מיר וועלן נישט געבן קיין צעבראָכענעם גראָשן דערויף, כדי די ענגלישע חזירים צוצושאַנצן נאָך איין געפאַנגענעם!"

דער אַלטער דינער איז אַריינגעקומען און געבראַכט אַ טעלער מיט פּוטער-ברויטן. „דאָ האָט איר די נייע קופּערנע שנור פאַר דעם קאָך-אַפּאַראַט!" האָט ער געזאָגט.

„אַ דאַנק" האָט געזאָגט פראַנק ברוין, „דאָסמאָל וועט די אַלטע נאָך אויסהאַלטן". ער האָט גענומען אין האַנט אַריין די ברוינע שנור און געשפּילט זיך מיט איר. „איר זעט דאָך, מיט דער נסיעה איז אויס, הער פרייליגהאָז, איר מוזט עס אַליין איינזען. ביטע — עסט עפּעס!"

דער רעפּערענדאַר האָט געשלונגען די פּוטער-שניטן. „אַוודאי זע איך עס איין", האָט ער געזיפצט. „אַך — די שראַמעס! אַכצען מאָל האָט מען מיך אָפּגעשטאָכן. און געבלוטיקט האָב איך, ווי קיינער נישט. אָבער געשטאַנען בין איך, דאָקטאָר, געשטאַנען —"

„ווי אַ פּעלז אין ים!" האָט געחוזקט דער רעדאַקטאָר.

„לאַכט נישט", האָט זיך געבעטן דער רעפּערענדאַר, קייענדיק מיט פולע באַקן. „ס'איז באמת אַזוי געווען. זיי האָבן מיך געקענט צעהאַקן אויף קרעפּל-פלייש, און איך האָב צומאָל קיין

ציטער נישט געגעבן. יאָרנלאַנג פלעגט מען נאָך זאָגן אין מאַר־בורג: „דער שטייט פעסט, ווי פרילינגהאָז״.

נאָך א לענגערער פויזע האָט ער זיך ווידער אָנגערופן מיט א יאָמערדיקן טאָן. „אָבער וואָס נוצט מיר היינט מיין גוט שטיין? גאָט מיינער, וואָס זאָל איך איצטער טון?״

און פראַנק ברוין האָט זיך אָגגערופן: „העבגט אייך אויף!״ די ווערטער האָבן זיך אים אַרויסגעריסן פון מויל קעגן זיין איי־געגעם ווילן. ער האָט אַזוי געטראַכט — און עס אַרויסגעזאָגט גלייכצייטיק. און פונדעסטוועגן האָט ער איבערגעחזרט, באַטאָנענ־דיק און מיט א פעסטער שטים: „העבגט אייך אויף. דאָס איז ס׳איינציקע, וואָס ס׳בלייבט אייך איבער צו טון״.

דער רעפערענדאַר האָט אַרויסגעצויגן פון מויל דעם פּי־טערשניט. האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק און אַרויס־געשטאַמלט: „צי מיינט איר עס ערנסט, דאָקטאָר? — מיינט איר עס באמת ערנסט?״

פראַנק ברוין האָט אויסגעהאַלטן זיין בליק.

עפּעס האָט אים אַ ריס געטון און געצויגן אים פאָרויס. ס׳איז אים פאָרגעקומען, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף דער בינע און ווי ער וואָלט פאַרן פּובליקום — פאַר זיין סעקרעטאַר און דעם זשורנאַליסט — געהאַלטן אַ וויכטיקע רעדע און געוואָלט באַווייזן, וואָס ער קען, סאַראַ מענטש ער איז: וועלכער באַהערשט דעם עולם, שמידט זיי צו צו זיינע טריט, מאַכט פון זיי שקלאַפן און ווילנסלאָזע באַשעפענישן, שפּילצייג פאַר זיינע קאַפּריזנע שטימונגען.

„ליבער הער״, האָט ער אָנגעהויבן, „צי האָט איר דען אַליין נישט אַ טראַכט געטון וועגן דעם? איר זענט קאָרפּאָראַציע־סטודענט — זענט אָפיציר — שוין־זשע האָט איר אינגאַנצן אָנ־געוווירן אייער ערע און זעלבסט־ווערדע? די מלחמה וועט נאָך דויערן יאָרנלאַנג, דאָס ווייסט איר פּונקט אַזוי גוט ווי מיר, איר וועט נישט קענען זיך אומקערן אין לאַנד אריין — ניין! און איר וועט אייך דאָ קיין באַשעפטיקונג אויך נישט קענען געפינען. איר זענט נישט פעיק, צו קיינזאַך נישט פעיק״.

„יאָ — יאָ —״ האָט געקרעכצט דער רעפערענדאַר.

„וואָס - זשע שוויג דאָס יאָמערן?״ האָט ער פאַרגעזעצט. אומרחמנותדיק האָט געקלונגען זיין שטים, שניידנדיק און שאַרף. איר מוזט זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון — אַז איר האָט צומאָל נישט די מינדסטע אויסזיכט אין דאָזיקן לאַנד — סיידן צו לעבן פון בעטל - ברויט! — זיצט, רעגט אייך נאָר נישט אויף — מ׳דאַרף סוף כּל סוף אַריינקוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין. — אָבער פון אַזאַ שנאָרעריי קען מען נאָר לעבן ביז אַ געוויסער צייט. לסוף אָבער וועט איר דערפירן דערצו, אַז קיינער וועט אייך צומאָל קיין פרוטה נישט וועלן געבן״.

דיקע טרערן האָבן אַראָפּגעקאָפּעט איבערן פּנים פון אומ- גליקלעכן. „און איר, הער דאָקטאָר, שוין - זשע וואָלט איר אויך אָפּגעזאָגט?״

„איך?״ האָט ער געענטפערט האַרט. „אַוודאי!״ — ער האָט געוווסט, אַז ער זאָגט ליגן. האָט געוווסט, אַז ער וואָלט דעמדאָ- זיקן מענטש, הגם ער האָט אים נישט ליב, דאָך געגעבן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. אָבער ער האָט גלייכצייטיק געפילט, אַז ער שעמט זיך מיט דערדאָזיקער קינדישער שוואַכקייט און אייטלער גוטמוטיקייט, וואָס לעקט אים אַוועק פון די ליפּן יעטוועדן „ניין״. וואָס איז עס אָנגעגאַנגען לייטן, אַז אין תּוך פון זיין האַרץ האָט געשטעקט אַ ווייכע גוטסקייט. וואָס האָט מיטגעפילט און מיטגע- ליטן — אומעטום און שטענדיק? — שטאָלץ איז ער געווען בײַ דעם אַלעמען — ניין, ניין, דערדאָזיקער מענטש האָט נישט קיין רעכט אין זיין האַרץ אַריינצוקוקן. „כ׳וואָלט געטון פּונקט אַזוי ווי טויזנט אַנדערע״

„איר גיט דאָך מיר מערער אַוועק, ווי איר אַליין פאַר- נוצט!״ האָט אויסגערופן דער רעפערענדאַר. „איך ווייס דאָס גאַנץ גוט!״

פראַנק ברוין האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען. „און וויבאַלד ס׳וואָלט אפילו אַזוי געווען — טאָ טו איך עס דערפאַר, ווייל כ׳בין צו לייכטזיניק און האָב נישט קיין רעכטן באַגריף פון געלט און פאַרשידענע פליכטן. אָבער זעט איר, טיילמאָל האָב אויך איך אַ קלאָרע רגע און דאַן ווייס איך, אַז ס׳איז ממש אַ חרפּה אייך צו געבן געלט. די דאָלאַרן, וואָס איך גיב אייך, נעם איך אַוועק בײַ אַנדערע, וועלכע וואָלטן זיי געקענט פאַרנוצן אַ סך בעסער פון

אייך. אייער זיכערן צוזאַמענבראָך רוק איך אַזוי אַרום אָפּ אויף אַ פּאָר בידנע טעג בלויז און דערווייל גייט צו גרונט אַן אַנדערער, װאָס װאָלט זיך אפשר לייכט געקענט אַרויסאַרבעטן! עס איז דע־ריבער ממש פאַרברעכעריש, אייך צו געבן געלט!"

דער רעפּערענדאַר האָט אָפּגעווישט די טרערן פון זיינע צע־טרייבערטע באַקן. ער האָט אויף אים אויסגעגלאָצט די אויגן, לאַנג, אָן לשון, כמעט אָן באַוואוסטזיין. „איר — איר ווילט — מיר שוין נישט מער אַרויסהעלפן!" האָט ער געשטאַמלט.

ער האָט געוואָלט זאָגן „ניין" — אָבער ס'איז נישט געגאַנ־גען. — „ס'איז שוין גענוג", האָט ער געטראַכט. „גיב־זשע אים — און דו מוזט אים דאָסמאָל געבן מער". — און ווידער: „דאָס איז פּחדנות — דו מוזט אים משלח זיין". — אָבער ס'איז נישט גע־גאַנגען, באַיין אופן נישט; לאַנגזאַם האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין די קעשענע, פדי אַרויסצונעמען זיין טשעק־ביכל.

דאַן איז ער פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען: „ניין!" האָט ער אַ געשריי געטון. „ניין! ניין! — הענגט אייך אויף!" ער האָט אים אַהינגעוואָרפן די קופּערנע שנור. „דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער שטריק — הענגט אייך אויף!"

דער רעפּערענדאַר האָט אויפגעהויבן די שנור פון דער פּאָד־לאָגע, אָפּגעאָטעמט טיף און שווער. זיין שטים האָט געקלונגען ווייך און שטיל, אָבער דאָך מאָדנע פעסט. ער האָט געזאָגט: „איר זענט גערעכט — ס'איז זיכער דאָס בעסטע". ער האָט זיך געשפּילט מיט דער שנור. און זי לאַנג באַטראַכט, דערנאָך האָט ער געזאָגט; „צי קען איך זיך דאָ אויפהענגען, הער דאָקטאָר?"

„אַ שיינעם דאַנק אייך!" האָט זיך צעלאַכט דער זשורנאַליסט. „דאָס וואָלט געווען אַ נישקשהדיקע אַוואַנטורע! פּאָליציי — רע־וויזיעס און אַ גרויסער ויצעקו אין די צייטונגען — דאָס וואָלט אונז נאָך צוגעפּעלט! גייט אַהין אין צענטראַל־פּאַרק היינט באַ־נאַכט — איר וועט דאָרט געפינען אַ פּרעכטיקן אויסוואַל פון בוי־מער און לאַמטערנעס!"

„ס'גייט מיר נאָר דערין" — האָט געזאָגט דער רעפּערענדאַר, „וואָס איצט האָב איך דעם מוט".

און ווידער איז אַרויסגעטרעטן פראַנק ברוין, גלייך ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר דעם פּובליקום — און געשליידערט מיט

גרויסן זשעסט די פּראַזן, זייענדיק זיכער אין זייער ווירקונג. ער איז צו אים צוגעגאַנגען און אים לייכט געקלאַפּט אויפן אַקסל. „ביטע, ווי איר ווילט, הער פּרילינגהאַז. איר קענט אויסנוצן אייער שטאַרקע שטימונג און אויך מיינע צימערן. איר דאַרפט זיך כּלל נישט דאגהן פאר אונז, מיר וועלן שוין אַלץ באַזאָרגן און דער בעס־טער אָרדענונג — גייט אייך אַריין אין שלאָפצימער, דאָרט, לעבן דעם באָד ־ צימער איז מיין גאַרדעראָב. און דאָרט זענען פּאַראַן גאַנץ שטאַרקע האַקנס אין סופיט.

„אַ דאַנק", האָט דער רעפערענדאר רויק געזאָגט". צי קאָן איך אוי פעסן דידאָזיקע פּאָטערשניטן? כ׳וואָלט געבעטן נאָך אַ גלאָז טיי! — און אויב איר ווילט אַזוי גוט זיין און מיר געבן נאָך אַ פּאַפּיראָס?"

„ביטע זייער!" האָט געענטפערט פראַנק ברוין.

זיי זענען געזעסן אַרום טיש; דער רעפערענדאר האָט געגעסן, געטרונקען און גערויכערט.

„צי האָט איר נאָך וועלכע ס׳איז בקשות?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין. „אַשר בריוו? מיטטיילונגען?"

„מיינע עלטערן זענען שוין לאַנג טויט" — האָט געענטפערט דער רעפערענדאר. „קיין נענטערע קרובים האָב איך נישט. — אויב איר ווילט זיין אַזוי ליבנסווערדיק, בעט איך אָנשרייבן צו מיין מיליטערישער אינסטאַנץ — און אויך צו מיין קאָרפּאָראַציע".

„זייער גערן", האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ „און וואָס זאָל איך שרייבן?"

„אָ, אַז כ׳בין געשטאָרבן", האָט געזאָגט דער אַנדערער. „נאָר — דערמאָנט נישט, בעט איך אייך, מיט וואָס פאר אַ טויט". און אויף זיינע ליפּן האָט געשוועבט אַ לייכטער שמייכל. „ער שטייט ווי פּרילינגהאָז — זאָגט מען אין מאַרבורג — דאָס האָט פאָרט עפּעס אַ באַדייטונג. און כ׳וואָלט נישט געוואָלט, אַז מ׳זאָל זאָגן: „ער הענגט ווי פּרילינגהאָז".

דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „כ׳דאַנק אייך, הער דאָקטאָר — פאר אַלץ, וואָס איר האָט פאר מיר געטון. און אויך פאר דעם, וואָס איר האָט מיר היינט די אויגן ברייט אויפגעעפנט".

פראַנק ברוין האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר פאַרביסן די ליפּן ביז בלוט.

„פאַרבלייבט געזונט, מיינע הערן!" האָט געזאָגט דער רעפערענדאַר. ער האָט איטלעכן דערלאַנגט די האַנט. זיך פאַרנייגט, גענומען די שנור און איז געלאָסן אַרויסגעגאַנגען. דער סעקרעטאַר איז אים נאָכגעגאַנגען.

„וואָס ווילט איר טון?" האָט פראַנק ברוין געפרעגט דעם סעקרעטאַר.

„אָפּהאַלטן אים דערפון", האָט געענטפערט ראָסיוס „ער וועט עס נאָך אינדעראמתן טון!"

פראַנק ברוין האָט אַרויסגעצישעט: „בלייבט!"

דער רעדאַקטאָר האָט געשמייכלט. — „עט, דערדאָזיקער פאַרשוין וועט זיך פונקט אַזוי אויפהענגען, ווי איך אַשטייגער אָדער איר. איר וועט זען, ווי ער וועט דאָ באַלד לעבעדיקערהייט, צוריקקומען — און דאַן וועט עס אייך נאָך צוקאָסטן אַנטשעדיקונג פאַרן ווייטיק".

פראַנק ברוין האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען שטייף און אומבאַוועגלעך אינמיטן צימער.

דער מאַנוסקריפּט פון רעפערענדאַרס רעדע איז געלעגן אויפן טיש צווישן די טעצלעך. טעוועס האָט אים גענומען אין די האַנט צַריין און אים דורכגעבלעטערט. „דאָס וואָלט איך געקענט אויסנוצן פאַר מיין קיילער-מייסטער כמעט אַזוי ווי עס שטייט און גייט! — גיט מיר נאָר אייער פעדער-האַלטער, ראָסיוס! — אַ פּאָר זאַצן פון אָנהויב און עטלעכע צום סוף — די דאָזיקע ירושה וועט מיר איינשפּאָרן אַ האַלבע שעה צייט!" און באַלד איז ער שוין געזעסן באַם שרייבטיש, האָט פאַרבעסערט, געשטראָכן און געשריבן, ווי איינער, וואָס קען גרינטלעך די מלאָכה. האָט אַהינדערלײגט דעם סעקרעטאַר אַ פּאָר זייטן. „נאַט, קאָפּירט עס אָפּ! — נאָר די זייטן, וועלכע זענען שטאַרק קאָרעגירט—און אויך די, וועלכע זענען שוין צופיל שמוציק. די איבעריקע וועט מיין קיילער באַקומען אַזוי, ווי מיר האָבן זי! געירשנט.

פון די ווייטערדיקע צימערן האָט זי אַהערגעטראָגן אַ געזאַנג. ראָסיוס האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „דער רעפערענדאַר זינגט!"

„דאָס איז זיין שוואַנען-געזאַנג!" האָט זיך צעלאַכט דער רעדאַקטאָר.

זיי האָבן זיך שווייגנדיק איינגעהערט. גאַנץ שטיל, אָבער קלאָר און דייטלעך האָבן אָפּגעקלונגען די טענער פון ליד דורך אַלע צימערן:

„ברודער, זויף־זשע — כּל־זמן דו ביסט נאָך יונג!
צום נזירות אויף דער עלטער איז נאָך צייט גענוג!
ווייל די פולע גלעזער זענען פאַר יינגעלייט —
דערום לאָמיר היינט
פריש און פרייליך זיין!„

פראַנק ברוין האָט געטראַכט: „דאָס באַליבטע לידל פון דער האַסאָ־נאַסאָוויאַ־קאָרפּאָראַציע אין מאַרבורג. — ווען האָב איך עס געהערט צום לעצטן מאָל?"

און ס'האָט זיך געלאָזט הערן די צווייטע סטראָפע:

„ברודער, שלאָג זיך — כּל־זמן דו ביסט נאָך יינג!
אויף דער עלטער די באָרד צו גלעטן איז נאָך צייט גענוג
ווייל די לאַנגע שווערדן זענען פאַר יינגעלייט —
דערום לאָמיר היינט
פריש און פרייליך זיין!„

ווידער האָט ער געטראַכט: „דער וועט זיך שוין מסתּם קיינמאָל קיין באָרד נישט פאַרלאָזן. דערדאָזיקער מענטש אָט נישט קיין מורא — נישט פאַרן שטריק, פונקט ווי פאַר דער שווערד נישט!"

און די דריטע סטראָפע:

„ברודער, קוש־זשע! — כּל־זמן דו ביסט נאָך יונג!
אויף דער עלטער איז צו אימפּאָטענץ נאָך צייט גענוג!
ווייל די שיינע מיידלעך בליען פאַר יינגע לייט —
דעריבער לאָמיר היינט
פריש און פרייליך זיין!"

„נישט קיין שלעכטע לעבנס־פילאָזאָפיע", האָט באַמערקט דער זשורנאַליסט. „זויפן, שלאָגן זיך און קושן — דאָס וואָלט איך אַליין שוין בעסער געוואָלט, איידער פונאַנדערצושמירן דאָס פּאָליטישע מיסט איבער די צייטונגען, אָדער אויסאַרבעטן רעדעס פאַר קיילער־מייסטערס! אָבער דערצו מוז מען זיך טויגן — און דו ביסט עס נישט, מיין ליבער!"

און איצט האָט זיך געלאָזט הערן נאָך העכער און שטאַרקער ווי פריער:

„ברודער, באָרג-זשע! — כּל-זמן דו ביסט נאָך יונג!
אויף דער עלטער — —."

פלוצלינג האָט זיך דאָס ליד אָפּגעהאַקט און ס'האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ.

טעוועס האָט זיך הויך צעלאַכט. „ברודער, באָרג-זשע — נאַטירלעך — דאָס איז דער תּמצית פון זיין לעבנס-חכמה! און ער איז פולשטענדיק גערעכט — כּל-זמן ער געפינט נאָך אַזעלכע לייט ווי איר, דאָקטאָר, וואָס אַביסל סענטימענטאַלע סטודענטן-דערינערונג מאַכט אייך דאָס האַרץ ווייך ווי פּוטער. — אָך, איך קען אייך גוט, די אַלטע הערן פון באָן, היידלבורג און שטראַס-בורג. קוים קומט נאָר עמיצער צו גיין און הייבט אָן פלוידערן וועגן רהיין-נסיעות און לאַנגע מעסערס אָדער זינגט-אויף עפּעס אַ היימיש קאָרפּאָראַציע-לידל — דאַן הייבן די אַלטע עוברי-בטלניקעס די קעפּ אויף און פאַרשיכּורן זיך מיט די ווערטער פונם לידל ווי מיטן טייערסטן מאָזעל-ווין..."

„שווייגט!" האָט אויסגערופן פראַנק ברוין. „וואָס קענט איר דען וויסן דערפון?"

אָבער דער רעדאַקטאָר האָט ווייטער געחוזקט. „דער אַריינ-פיר איז געווען גוט — זויף, שלאָג זיך און קוש! איצט קומט ער מסתּם גלייך צוריק; באָרג-זשע! — וויפל וועט איר באַצאָלן, דאָקטאָר, פאַר די סענעראַדע?"

אָבער ס'איז קיינער נישט אַריינגעקומען. אין די הינטערש-טע חדרים איז געווען אַזוי שטיל, אַז מ'האָט קיין שאָרך נישט געהערט. דער סעקרעטאַר איז אויפגעשטאַנען פון זיין שרייבמאַשין, געמאַכט אַ פּאָר טריט.

„בלייבט דאָ!" האָט געשעפּטשעט פראַנק ברוין.

„שרייבט ווייטער!" האָט אויסגערופן טעוועס. „דער הער רעפערענדאַר וועט שוין אַליין אַריינקומען".

„ער וועט נישט אַריינקומען!" האָט אָפּגעענטפערט ערנסט ראַסיוס. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, אויסגעלייגט דעם בויגן און אָפּגעקאָפּירט אַ פּאָר ווערטער. אָבער אינמיטן דערין

איז ער ווידער אויפגעשפרונגען און גענומען שנעל לויפן דורך די צימערן.

„גולם!" האָט געברומט דער זשורנאַליסט. „איך דאַרף האָבן מיין מאַנוסקריפט! מיר האָבן שוין אַזוי אויך גענוג צייט געפטרט".

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך געלאָזט הערן דאָס הויכע גע־שריי פון סעקרעטאר; „דאָקטאָר! דאָקטאָר!"

„וואָס איז דאָרט?" האָט אויסגערופן טעוועס.

„קומט נאָר, שנעלער, שנעלער!" האָט עס ווידער געשאַלט.

זיי זענען אַוועק מיט גיכע טריט אין שלאָפצימער אריין. דער רעפערענדאר איז געהאָנגען אין ווינקל, צווישן די מלבושים, די שפּיצן פיס זענען געווען בלויז אויף אַ פּאָר צאָל דערווייטערט פון דער פּאָדלאָגע. לעבן אים איז געלעגן אַן אומגעוואָרפענע שטול.

„אַ מעסער!" האָט גערופן דער סעקרעטאַר.

אָבער טעוועס האָט באַמערקט: „ניין — דעמדאָזיקן דראָט וועט איר אַזוי גיך נישט איבערשניידן. מ׳דאַרף אים אונטערדריקן די שטול אונטער די פיס".

זיי האָבן אים אונטערגעהויבן, אַוועקגעשטעלט אים אויף דער שטול, אים פעסט צוגעהאַלטן און לויז געמאַכט די פּעטליע אַרום זיין האַלז. ראַסיוס האָט גענומען אַ צווייטע שטול, אַרויפ־געקראָכן אויף איר, און אָפּגעבונדן די שנור פון האָק. דערנאָך האָבן זיי אים אַראָפּגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געקומען צום באַוווסטזיין. ער האָט זיך גענומען וואַקלען אויף די פיס, זיך אָנגעהאַלטן אָן דער וואַנט און פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין די אָרעמס. מיטאַמאָל האָט ער גענומען תופס זיין דאָס אַלץ—און זיך אויסגעדרייט צו די אַרומשטייענדיקע.

„לומפּן!" האָט ער געזעצט, „לומפּן! פאַרוואָס האָט איר מיך נישט געלאָזט זיך אויפהענגען?"

ער האָט גענומען שלאָגן אַרום זיך ווילד, משוגע, מיט ביי־דע פויסטן און געזעצט ווי אַ ווילדע חיה. ער האָט געטראָפן פראַנק ברוינען מיטן קולאַק אין דער שלייף אַריין

איבערן אויג, און אַ קאַפּע געטון דעם לאַנגן רעדאַקטאָר אין לינקן פוס אַריין.

דער סעקרעטאַר האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט פון הינטן און אים צוגעהאַלטן פעסט ווי אַ משוגענעם.

„לאָזט מיך אָפּ, כּלבים!" האָט געשריגן דער רעפּערענדאַר, „לאָזט מיך אָפּ".

„שריי דיך נאָר אַביסל אויס, מיין ליבער", האָט זיך צע-לאַכט דער זשורנאַליסט, „דאָס וועט דיר אַביסל לייכטער מאַכן".

ער האָט זיך נאָך געראַנגלט מיטן סעקרעטאַר, געפּרוווט זיך אַרויסצורייסן פון זיינע הענט. אָבער די ווילדע קראַפט האָט אים באַלד אָפּגעלאָזט, מיד איז זיין קאָפּ אַראָפּגעפאַלן אויף דער ברוסט, זיינע פיס האָבן זיך גענומען וואַקלען, ווי ער וואָלט געהאַלטן באַ אומפאַלן. האָבן זיי אים אַריינגעפירט, אַריינגעשלעפּט ריכטיקער אין דעם פריערדיקן צימער און אים אַוועקגעזעצט אויף דעם גרויסן לעדערנעם פאָטעל.

פראַנק ברוין האָט אָנגעקלונגען נאָך זיין דינער.

„צי ווילט איר ווין?" האָט ער געפרעגט דעם רעפּערענ-דאַר. דער האָט געזיפצט: „וויסקי —"

מ'האָט אים דערלאַנגט וויסקי, און ער האָט געטרונקען, אָן וואַסער, מיט גרויסע זיפּן. ער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. געזעסן אליין פאַר זיך און געטרונקען פאַרטראַכטערהייט.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אַוועקגעזעצט באַ דער שרייב-מאַשין. הינטער אים האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער זשורנאַליסט און אים עפּעס דיקטירט. פראַנק ברוין איז אַריינגעגאַנגען אין באַד - צימער און צוגעלייגט אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום שנעל אויפ-געשוואָלענעם אויג.

דערנאָך איז ער צוריקגעקומען, האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דעם רעפּערענדאַר, אים געגעבן אַ פּאַפּיראָס און אים דערלאַנגט פייער. דער האָט געגעבן אַ פּאָר טיפע ציִ.

„ווי פילט איר זיך?" האָט אים געפרעגט דער זשורנאַליסט.

„אַ דאַנק", האָט געזאָגט דער רעפּערענדאַר. ער איז אויפ-געשטאַנען, און גענומען שפּאַנען אויף און אָפּ איבערן צימער. דערנאָך האָט ער זיך צוריק אַנידערגעזעצט, אויפגעהויבן זיין גלעזל וויסקי,

און עס צוגעפירט צום מויל. אָבער ער האָט עס נישט געקענט אויס־טרינקען און עס צוריק אַנידערגעשטעלט אויפן טיש.

„און איצט?" האָט ער אויסגערופן. „און איצט?"

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אויסגעפילט אַ שעק און אים דערלאַנגט. „לאָמיר פּרווון נאָכאַמאָל", האָט ער געזאָגט. „ביטע — נעמט עס צו! און — גייט אייך געזונ־טערהייט".

דער רעפּערענדאַר האָט צוגענומען דאָס פּאַפּירל, אַריינגע־רוקט עס אין קעשענע און געדאַנקט. ער האָט אויפגעזוכט זיין הוט, דערלאַנגט איטלעכן די האַנט און זיך פאַרנייגט.

„כ'בעט מיר מוחל צו זיין דידאָזיקע אומאָנגענעמלעכקייט" האָט ער געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

דער זשורנאַליסט האָט אונטערגעברומט: „ברודער — באַרג־זשעו!" דערנאָך האָט ער געפרעגט איראָניש: „נו, וויפל, דאָקטאָר?"

„וואָס גייט עס אייך אָן?" האָט אויסגערופן פראַנק ברוין.

„איר שעמט זיך אָנצורופן די סומע!" האָט אָפּגעענטפערט דער זשורנאַליסט און איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן.

„צו וועמען ווילט איר דאָס קלינגען?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„צום דייטשישן פאַריין", האָט געענטפערט דער רעדאַקטאָר. „אָפּצוזאָגן פאַר אייך די פאַרלעזונג, וואָס איר דאַרפט מאָרגן האַלטן. און דערנאָך וויל איך אָנקלינגען דעם דר. הערטלינג, אַז ער זאָל אייך פאַרטרעטן. ווייל אַזוי קענט איר דאָך נישט אויפ־טרעטן פאַרן פּובליקום, ליבער הער — אויסגעשלאָסן!"

* * *

דער זשורנאַליסט איז גערעכט געווען. זיין אויג איז אָנגע־שוואָלן, געוואָרן רויט און בלאָ, דערנאָך גרין און געל — זיין סעקרעטאַר האָט איטלעכן פרימאָרגן פעסטגעשטעלט מעשה־מבין אַ נייעם פאַרבן־געמיש.

„רעגנבויגנדיק איז עס היינט, דאָקטאָר!” האָט ער זיך צע־לאַכט. „איר ווייסט, אַז איר זענט שטאַרק אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון אונזערע דעטעקטיוון? זיי האָבן זיך געפרעגט, פאַר־שטייט זיך — האָב איך זיי אָנדערציילט אַ מעשה, אַז איר האָט זיך געבאָקסט אין אַטלעטן־קלוב מיט דזשעמס ווילאַרד און אים באַ־זיגט. די חברה־לייט זענען געווען זייער שטאָלץ מיט אייך! —”

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען; ער האָט גערעדט מיט איווי דזשעפערסאָן אַ פּאָר מינוט. ניין, ער קען היינט מיט איר נישט אַרויסרייטן — מאָרגן אויך נישט. ער וועט איר שוין אַליין מודיע זיין, ווען ער וועט זיך קענען מיט איר זען.

דערנאָך האָט צו אים אָנגעקלונגען לאָטע וואָן נעס. און ווידער האָט ער געזאָגט: ניין — און ניין! ער איז קראַנק און קען נישט אַרויסגיין. אויב זי וויל, קען זי זיך מטריח זיין צו אים.

ער איז געווען גאַנץ צופרידן, וואָס ער האָט געמוזט בלייבן אינדערהיים אַ וואָך צייט. ער פלעגט אָפּליגן אויף דער סאָפע שעהנלאַנג, אַרומגעטראַכט וועגן דער מידער פוסטקייט, וואָס האָט אים ווידער באַהערשט. ער האָט באַטראַכט, וואָס דאָס קאָן זיין — און וואָס ער קען דערצו טון. און ס'איז אים כסדר געקומען אויפן רעיון דער אַנאָנימער בריוו — עפעס אַ מין סם, האָט ער גע־טראַכט. און משמעות אַז אַט דער גיפט שטאַמט פון פרויען.

זיין דינער האָט געמאָלדן דאָס אָנקומען פון פרוי וואָן נעס. אָבער זי איז נישט געקומען אַליין; דר. סאַמועל קאָהן איז געווען מיט איר. דאָס איז אויך געווען אַ מענטש פון לאָטי לע־וויס שניט: דייטשיש און יידיש צוגלייך. ער האָט געהאַט גע־קרייזלטע האָר און קיילעכדיקע אויגן. דיקע ליפן איבער גרויסע בלאַנקע ציין, די הויט וויים־געל און אַביסל אומגעזונט — וואָס האָט פאַרלאַנגט זון. זייער פליישיק, אַביסל צו פעט — וויניק באַוועגלעך — אַ פאַרשוין אין די פערציקער — וואָס האָט גע־דאַרפט אַ פרוי, וועלכע זאָל פאַר אים זאָרגן. אין ניו־יאָרק געבוירן, אָבער דייטש אין דערציונג און אין געפיל—דייטשיש אויך אין זיין קולטור, אַ סך מער ווי יידיש. זייער פּאָפּולער אַלס דאָקטאָר און נישט וויניקער אַלס רעדנער בײַ כּלערליי געלעגנהייטן אין גאַנץ ניו־יאָרק. קלוג און געזעצט — און אַ גוטער דערצו.

„ליגט נאָר, ביטע, רויק", האָט ער געזאָגט. „נו, וואָס מאַכט דאָס אויג?"

„עס בייט די פאַרבן ווי אַ קאַמעלעאָן!" האָט געענטפערט פראַנק ברוין. ס'איז זייער ליבנסווערדיק, וואָס איר זענט אַהערגעקומען, דאָקטאָר, אָבער ס'איז באמת נישט נייטיק. קילן — נישט אמת — מיט באָראָווע וואַסער?"

אָבער פרוי וואַן נעס האָט אים איבערגעשלאָגן. „איך האָב אים געבעטן מיטצוקומען, ער זאָל דיך באַטראַכטן".

פראַנק ברוין האָט זי אָנגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. „דאָס איז שוין דער נײַנטער, לאָטע, בײַ דער גאַנצער אַכטונג פאַר דר. קאָהנס קענטעניש—צי גלייבסטו אינדעראמתן, אַז ער וועט אויסגעפינען בײַ מיר מער ווי אַנדערע?" ער האָט אָפּגעזיפצט, איז צוריקגעפאַלן אויף די קישנס און געזאָגט: „ביטע, באַטראַכט - זשע, אויב ס'מוז שוין אַזוי זײַן!"

דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען צו זײַן אַרבעט און זי געמאַכט גאַנץ געוויסנהאַפט. ער האָט ווייניק גערעדט און געשטעלט בלויז די נויטיקסטע פראַגן. „איר זענט געזונט", האָט ער געזאָגט, „אײַנערלעך און אויסערלעך! — בלויז אַ לײַכטע אָנטצינדונג פון רעכטן אויג — און ווײַטער אַ האַלז - קאַטאַר פון רויכערן פּאַפּיראָסן".

„כ'זאָל ווייניקער רויכערן", האָט אויסגערופן פראַנק ברוין. „באמת — כ'ווייס וועגן דעם!"

„דאָס איז אַ קלייניקייט". האָט געענטפערט דער דאָקטאָר. „מיטן דאָזיקן הוסט קענט איר דורכלעבן דרײַמאָל דרײַהונדערט יאָר. אָבער איר וועט אַזוי גוט זײַן און מיר אָנגעבן נאָך עטלעכע ידיעות. צי האָט איר אַמאָל געהאַט מאַלאַריע? ווען און וווּ?"

„יאָ, מיט יאָרן צוריק, אַמאָל, אין סינגאַפּאָרע און אין קאָ-לאָמבאָ, אָבער ס'האָט זיך שוין קיינמאָל, מער נישט איבערגעחזרט, נישט אין טראָפּיקאַלישן און נישט אין מעסיקן קלימאַט. צי דער אָנפאַל איז געווען אַ שטאַרקער? יאָ, זייער אַ שטאַרקער. מיט וואָס די קראַנק-הייט איז געהיילט געוואָרן? מיט כינין, נאַטירלעך — מיט ריזיקע דאָזעס. צי ווייסט ער וווּ ער האָט געפּאַקט דידאָזיקע מחלה?

ער האָט אַ ווײַלע געקלערט און דערנאָך געזאָגט: „אויפן דרום - אָקעאַן".

„וווּ?" האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

„אין ניי - גווינעא״. האָט פראַנק ברוין געענטפערט.

„אָך, זענט איר דאָרטן אויך געווען?״ האָט אויסגערופן דער דאָקטאָר. „וועגן דעם מוזט איר מיר געלעגנהייטלעך דערציילן. זאָגט - זשע מיר, כ'בעט אייך, צי זענען נאָך דאָרטן פאַראַן אמתדיקע קאַניבאַלן, מענטשן - פרעסערס? און צי האָט איר זיי געזען?״

פראַנק ברוין האָט זיך צעלאַכט. „צי דאָרטן זענען דאָ מענטשנפרעסערס? וויפל איר ווילט נאָר — אומעטום אין ניי - גווינעא, ניי - מעקלענבורג, ניי - פּאָמערן, בוגענוויל און קובאַ. איטלעכער פּאַפּואַס און קאַנאַקע פון וועלכן ס'איז שבט וועט אייך שווערן בײַ אַלעם הייליקסטן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט טועם געווען קיין קאַי - קאַי — דאָס הייסט קיין מענטשנ-פלייש. אָבער יעדער וועט אייך תיכּף צוגעבן, אַז דער שכנות-דיקער שבט איז מענטשנפרעסעריש! — און אַ פאַקט איז, אַז קאַ-ניבאַליש זענען אַלע שבטים, ווײַבאַלד זיי האָבן נאָר עפּעס אַ גע-לעגנהייט צו געניסן אומבאַשטראָפט פון אַזעלכע מטעמים.

„אַלע?״ האָט געפרעגט דער דאָקטאָר. „צי האַלט איר באמת, אַז יעדער איינציקער דאָרטן פרעסט מענטשנפלייש, ווי-באַלד ער קען עס נאָר קריגן?״

„אַלע שבטים האָב איך געזאָגט״, האָט געענטפערט פראַנק ברוין. „די מיסיאָנערן באַהויפּטן, אַז אין איטלעכן שבט זענען נאָר פאַראַן איינצלנע אינדיווידוען, וועלכע האַלטן פון דידאָזיקע דעליקאַטעסן, אינדערצייט ווען אַלע אַנדערע פון זעלבן שבט ווילן עס צו-מאָל נישט אָנרירן. דער געשמאַק איז משמעות פאַרשידנאַרטיק—אפילו אין מענטשנפרעסערישן לאַנד״.

„ה-ם״, האָט געמאַכט דער דאָקטאָר, „כ'האָב אַנומעלט גע-לייענט אין דער צייטשריפט פאַר טראָפּיקאַלישע קראַנקייטן אַ גאַנץ אינטערעסאַנט אַרטיקל. דער מחבר האַלט, אַז דידאָזיקע ווילדע לייט, וועלכע האָבן אַזאַ אומגעשטילטן הונגער נאָך מענטש-פלייש, ליידן אויף אַ ק-אַנקייט — וואָס איז אין אירע סימפּטאָ-מען עטוואָס ענלעך צו מאַלאַריע. ס'איז אָן שום ספק, אַז יענע סימפּטאָמען האָבן אַ געוויסע ענלעכקייט צו דידאָזיקע פון אייער קרענק״.

פראַנק ברוין האָט זיך הויך צעלאַכט. „איר זענט אַנטציקנ־דיק, דאָקטאָר!" האָט ער אויסגערופן. „דאָס איז ניו־יאָרק — דאָס איז עכט אַמעריקאַניש! אָבער, דאַנקען גאָט, כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט דעם מינדסטן אַפּעטיט צו מענטשנפלייש! זאָגט מיר, צי איז אַמאָל נישט דער מחבר פון אייער אַרטיקל אויך אַן אַמעריקאַנער?"

„ניין", האָט געענטפערט דער דאָקטאָר. „ער איז אַ דייטש, פּראָפעסאָר פון אינסטיטוט פאַר טראָפּיקאַלישע קראַנקייטן אין האַמ־בורג; ער איז געווען אַ סך יאָרן אויפן דרום־ים. איר וואָלט געדאַרפט אַריבערפאָרן קיין האַמבורג — דאָס איז ס'איינציקע אָרט אויף דער וועלט, וווּ מ'פאַרשטייט זיך אַביסל אויף דידאָזיקע מער־קווירדיקע טראָפּיקאַלישע קראַנקייטן".

„אַ דאַנק פאַר די גוטע רעצעפּט", האָט זיך צעלאַכט פראַנק ברוין. „איך וועל זיך מיט איר גלייך באַנוצן, וויבאַלד די הערן ענגלענדער וועלן נאָר פריימאַכן דעם וועג צו דער אַפּטייק. — פון וועלכן אינזעקטן־מין שטאַמט דען אייער קאַניבאַלישע מאַ־לאַריע?"

„פון קיין שום אינזעקט", האָט געענטפערט דר. קאָהן. „דער האַמבורגער דאָקטאָר האַלט, אַז זי קומט אַרויס פון עפּעס אַ מין פלעדערמויז, פון אַזאַ אַרט פליענדיקן הונט, וואָס באַפאַלט זיינע קרבנות אינמיטן שלאָף און שאַפט זיך אַן עפענונג מיט אַ קליינ־טשיקן ביס, כדי אויסצוזויגן פון זיי דאָס בלוט. עס קלינגט כמעט פאַנטאַסטיש, אַז אַזאַ ביס זאָל אויפוועקן הונגער און דורשט נאָך מענטשלעך בלוט און מענטשלעך פלייש. אָבער צו די אוממעגל־לעכע זאַכן געהערט עס פאָרט נישט, וויבאַלד מיר ווייסן, וואָסערע פאָלגן ס'קאָן האָבן אַ ביס פון אַ משוגענעם הונט, אָדער פון אַ גיפטיקן שלאַנג. דאָן איז אַזאַ מין וואַנזיניקייט אַלס רעזולטאַט פון אַ ביס כלל נישט אויסערגעוויינלעך".

פראַנק ברוין האָט זיך צוגעהאָרכט זייער אויפמערקזאַם און געשוויגן; דערנאָך האָט ער געוואָרפן אַ לאַנגן בליק אויף לאָטע׳ס נעס. ענדלעך האָט ער מיט אַ כיוון אַ פרעג געטון:

„ווי האַלטסט דו דערפון, לאָטע?"

זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען. „איך ווייס נישט", האָט זי געענטפערט.

דאָס האָט פאַרשטאַרקט זיין חשד. „זאָג מיר, כ'בעט דיך, צי

ביסטו נישט אַמאָל געווען אויך אין ניי-גווינעאַ, מיט דיין מאַן?" האָט ער געפרעגט.

„ניין", האָט זי געזאָגט. „מיר זענען אָנגעקומען מיט אַן ענ-גלישן דאַמפּער פון ניי-זעעלאַנד, מיר זענען געווען אויף די העב-רידן און אויף די סאָלאָמאָן-אינזלען און מיר זענען אָפּגעפאָרן פון דאָרט גלייך קיין יאָקאהאַמאַ".

„אַך — " האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אויפן דרום-ים ביסטו אַלזאָ געווען? צי האָסטו אויך געהאַט מאַלאַריע?"

זי האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט, אירע אויגן האָבן געשימערט מיט אַ קלוגן שמייכל און אירע ליפּן האָבן לייכט געצוקט. „ניין" האָט זי געזאָגט, „ניין!"

אָבער ער האָט געטראַכט באַ זיך: „דו זאָגסט ליגן!" — ער האָט זיך ווידער געווענדט צום דאָקטאָר. „צי גלייבט איר, אַז די-דאָזיקע מערקווירדיקע קראַנקייט איז אָנשטעקנדיק? אויך פון איין מענטש אויפן צווייטן.

דר. קאָהן האָט געוויגט מיטן קאָפּ. „מעגלעך — אָדער אפשר נישט: איך האָב נישט קיין אַנונג דערפון. דאָ וועט עס אייך קיינער נישט קענען זאָגן — דערצו מוזט איר שוין אַריבערפאָרן".

פראַנק ברוין האָט געשאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ. „יאָ, דאָרטן ווייסט מען עס זיכער! „זאָגט מיר, כ'בעט אייך, דאָקטאָר, צי האַלט איר נישט, אַז גאַנץ איירָאָפּע איז אָנגעשטעקט מיט דער דאָזיקער קראַנקייט און אַ היפּשער טייל פון דער אַנדערער וועלט אויכעט? מחמת מיר קומט עס טאַקע אַזוי פאָר. צי וואָלט איר נישט געוואָלט באַקענען די פעלקער פון דער וועלט מיט אייער טעאָר-יע? — אפשר אין אַ בריוו צום „טיימס", אָדער צו די „וואָרלד" און צו וויסן געבן די דייטשן און ענגלענדער, רוסן, פראַנצויזן, טערקן און אַלע איבעריקע קעמפנדיקע פעלקער, אַז דאָס אַלץ איז אַ באַדויערלעכער טעות און איז נאָר אַ פּועל-יוצא פון אַ זיי-ער אָנשטעקנדיקער ים-קראַנקייט, וואָס דערוועקט קאַניבאַליסטי-שע תאוות און צווינגט זיי זיך קעגנזייטיק אויפצופרעסן? — ווי-באַלד די פעלקער וועלן דאָס איינזען, וועט די מלחמה זיך גלייך אויפצומאָרגנס פאַרענדיקן און אַלע וועלן זיך אַוועקלאָזן רעגימענ-טנווייז קיין האַמבורג צום אינסטיטוט פאַר טראָפּיקאַלישע קראַנקייטן, כדי זיך צו לאָזן אימפן. אייך אָבער, דאָקטאָר, און אייערע געערטע

קאָלעגן וועט פּרוי וואַן נעס לאָזן אויפשטעלן אַ דענקמאָל לעבן די האַמבורגער דאָקעס אין האָבאָקען — נישט אמת, לאָטע?"

„כ'בעט דיך", האָט זי געזאָגט, „צי קענסטו נישט רעדן ערנסטער?"

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר און האָט זי שאַרף אָנגעקוקט. „דו קענסט מיך שוין פון גאַנץ לאַנג, לאָטע לעווי", האָט ער געזאָגט. „און דאַרפסט וויסן, אַז כ'בין קיינמאָל נישט ערנסטער, ווי בעת איך שפּאַס".

אָבער זי האָט אַוועקגעקוקט און געקוועטשט מיט די אַקסלען. „מילא, ווי דו ווילסט".

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, געפּויקט מיט די פינגער אויף די שויבן. „דאָס איז עס", האָט ער געטראַכט, „אָטאָ - דאָס טאַקע".

אָבער וואָס אייגנטלעך? וואָס - זשע? ער האָט אָנגעשטרענגט דעם מוח און גאָרנישט אויסגעפונען. קיין שום צוזאַמענהאַנג, קיין שום סיבה און אויך קיין פּועל - יוצא — גאָרנישט! ער איז געווען קראַנק — יאָ — געפילט זיך מיד — פּוסט — אויסגעקוועטשט, ווי אַ ציטרין. האָט בכן געמוזט זיין עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דאָס אַלץ פאַראורזאַכט — וואָס האָט אים אויסגעזויגן און אויסגעטרונקען.

לאָטע — לאָטע לעווי? זי, וועלכע האָט אים געליבט אַזוי פיל יאָרן, מער נאָך ווי אַנדערע פרויען? — דאָס איז געווען לעכערלעך און ממש אומזיניק.

און דאָך איז געוואַקסן אין אים דאָס שטאַרקע געפיל; אַז דאָס אַלץ האָט פּאַרט מיט איר צו טון. אַז ס'האָט עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער פרוי — אָדער אפשר נישט בלויז מיט איר, נאָר מיט אַנדערע פרויען אויך.

ער איז צוריקגעגאַנגען צו דיביידע, וועלכע האָבן צווישן זיך געמיטלעך געשמועסט.

„אַנטשולדיקט, דאָקטאָר", האָט ער געזאָגט „איך האָב אייך נישט געוואָלט באַליידיקן".

דר. קאָהן האָט אים דערלאַנגט די האַנט. „וויבאַלד ס'וועט אַריינטרעטן עפּעס אַ נייער סימפּטאָם, זאָלט איר מיר גלייך צו וויסן טון!"

ער האָט זיך געזעגנט האַרציק און וואַרעם; פראַנק ברוין האָט אים אַרויסבאַגלייט ביז צו דער טיר.

בעת ער איז צוריקגעקומען איז פרוי וואַן נעס צו אים האַסטיק צוגעגאַנגען:

„דו האָסט עפּעס אַ חשד!“ האָט זי געזאָגט. „אויף מיר“.

„יאָ — “, האָט ער געענטפערט. „אויף דיר“.

שניידנדיק האָט געקלונגען איר געלעכטער. „אויף מיר! — דו?!“ דערנאָך האָט זי גענומען זיין האַנט און רויק פאָרגעזעצט: „זאָג-זשע מיר, אין וואָס ביסטו מיך חושד?“

„אין וואָס? כ׳ווייס אַליין נישט“, האָט ער געענטפערט.

* *

*

אינמיטן דער נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ מונטערער — האָט אָנגעקלונגען נאָך דעם דינער, וועלכער איז געקומען צו לויפן האַלב אָנגעטאָן און אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט, וואָס דער הער באַדאַרף נאָך האַלבער נאַכט.

יאָ, וואָס האָט ער-דען אייגנטלעך געוואָלט? „ברענגט מיר וויין“, האָט געזאָגט פראַנק ברוין. „פון יענעם, וואָס מיר האָבן באַקומען די לעצטע וואָך. איך וויל אים פאַרזוכן“.

ס׳איז געווען זייער פאַרנע אין דערדאָזיקער נאַכט. ער איז אויפגעשטאַנען, אָנגעטון דעם קימאָנאָ, אַריינגעגאַנגען אין זיין אַרבעטס-צימער און אויפגעעפנט דאָס פענצטער. די לבנה האָט זיך פאַרבאָרגן ערגיץ הינטער די שטיינערנע מויערן, אָבער ער האָט געזען איר אָפּשיין אויף דער בלייכער גאַס. ס׳איז געווען זייער שטיל.

דערנאָך איז אַריינגעקומען דער דינער, אין פראַק דאָסמאָל און אין שטייפן העמד. ער האָט געטראָגן מיטביידע הענט די זילבערנע טאַץ, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען אַ פלעשל מיט אַ גלעזל.

פראַנק ברוין האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דעם לעדערנעם פאָטעל. „גיסט-איין, פרער!“ האָט ער געזאָגט.

דער ווײַן איז געווען קיל און ברויזנדיק, „סאַאר - ווײַן", האָט ער איבערגעלייענט אויפן עטיקעט.

אַ־מבאַוועגלעך איז געשטאַנען דער דינער לעבן אים, פּונקט ווי וואַקס, פאַרבלאָז און בלייך. „הלמאַי זענט איר נישט געראַזירט, פרעד?" האָט ער געפרעגט. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה, האָט ער צוגעגעבן: „שוין — איר קענט שוין גיין שלאָפן".

ער האָט געהערט די ווייכע טריט פון אַלטן, געהערט צומאַכן אינדערשטיל די טיר. ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל, איז אויפגעשטאַנען און זיך אַוועקגעזעצט באַם שרייבטיש.

עפּעס האָט אים געטריבן צום שרייבן. ער האָט גענומען די פעדער און אָנגעהויבן:

די מעשה מיטן ווייסן וואָלף.

דאָרט ווו דער וואַלד האָט גענומען שטייגן באַרג - אַרויף, האָבן געלעבט אַ סך שטאַרקע וועלף. דאָרט ווו דער טייך איז אַרונטערגעפאַלן מיט אַ פעלזיק געפּילדער, ווו ס'האָבן זיך שוין געענדיקט די דעמבעס און ס'זענען נאָר געשטאַנען בלויז סאָסנעס. דאָרט ווו סטאַיעס קראָען האָבן דיביימער באַזעצט און די שוואַרצע פייגל האָבן פאַריאָגט דעם אָדלער און אים געממיתט הויך אונטערן הימל.

אַ סך וועלף, ייִנגע און אַלטע, גראָע און ברוינע, אַ גרויסע מחנה, וואָס האָט באַהערשט די ערד, פּונקט ווי די קראָען די לופט. זיי פלעגן פאַרטיילן צווישן זיך דעם רויב, און אָפט האָבן זיי געלאָזט פאַר די קראָען בלויז די שיריים פון דער סעודה, בעת זיי אַליין זענען שוין זאַט געווען.

איינער איז געווען צווישן זיי אַ ווייסער. געקומען איז ער אויף די וועלט, פּונקט אַזוי ווי זיי אַלע, און זיך אויך אַזוי אויפגעהאָדעוועט. ער האָט געזויגן ביי דער ברוסט פון זיין מוטער, געפרעסן דאָס רויטע פלייש, וואָס זי האָט געבראַכט — פּונקט אַזוי ווי זיינע ברידער. ער איז אויפגעוואַקסן גרויס און שטאַרק און מיטגעשפּרונגען צוזאמען מיט זיי אויפן געיעג, פּונקט ווי אַלע אַנדערע וועלף.

אָבער ער איז געווען אַ ווייסער, און אַלע אַנדערע זענען געווען געלע, גראָע און ברוינע — ער איינער נאָר איז געווען ווייס. אָן אַ פּגימה — ווייס.

זיי האָבן אים נישט געליטן, און האָבן געזאָגט, אַז ער איז נאָר אַ לעמעל, וואָס די וועלפיכע האָט געפונען באַם ראַנד פון וואַלד. זי האָט אים פארשלעפּט אין וואַלד אַריין, נאָכדעם ווי זי האָט אויפגעפרעסן זיין טאַטן דעם מעקעדיקן באַראַן און זיין מוטער דאָס ציטערנדיקע שעפּעלע. זי האָט זיך אַזוי אָנגעפרעסן, אַז זי האָט שוין דערנאָך גאַנצע וואָכן נישט געקענט טועם זיין קיין שעפּסנפלייש — האָט זי אים גענומען אויסהאָדעווען צוזאַמען מיט איר קליינוואַרג.

און אַזוינאָך פלעגט ער זויגן וועלפישע מילך און איז געוואָרן גרויס און שטאַרק. אָבער ער איז דאָך סוף־כל־סוף מערניסט ווי אַ בלעקעצדיק לעמעל — און לעבט נאָר אויף דער וועלט דערפאַר, ווייל די וועלפיכע האָט זיך דעמאָלט געהאַט איבערגעפרעסן.

ווען זיי פלעגן דערהרגענען אַ סאַרנע אָדער אַ הירש, און בעת זיי זענען אַרומגעזעסן און אַרומגעלעגן אַרום דער צעטרייבערטער חיה, געביסן זי מיט די שאַרפע ציין, צעריסן איר פעל און פאַרפאַרבט זיך די מאָרדעס אויף רויט — פלעגן זיי אים נאָכאַנאַנד אָוועקטרייבן. און איינער, אַן אַלטער, און גאָר טונקלער וואָלף האָט געזאָגט, אַז מער וועט ער אים שוין נישט מיטנעמען אויף קיין געיעג. ער שיינט אַדורך צווישן די ביימער — און דאָס ברענגט אומגליק.

איינמאָל, בעת זיי האָבן זיך מיט אַ שטאַרק געבילערייַ געיאָגט נאָך אַ הירש, געטריבן אים איבער די פעלדער צום רייסנדיקן טייך צו, ווו ער האָט שוין נישט געקענט ווייטער לויפן; ווען זיי זענען אַרומגעשטאַנען אין אַ האַלבקרייז אַרום דער חיה, וועלכע האָט אָנגעגרייט צום קאַמף אירע הערנער, האָבן די אַנדערע וועלף אָנגעטון דעם ווייסן אַ שפּיצל. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער זאָל אונטערגיין פון פאָרנט צו דער חיה און מאַכן דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט וועלן אויף איר אַרויפשפּרינגען, כדי דעם הירשס בליק זאָל זיין נאָר אויף אים געווענדט. דעמאָלט וועלן זיי אויף אים אָנפאַלן פון ביידע זייטן און פון הינטן, וועלן אים אַרויפשפּרינגען אויפן האַלז און אים צעטרייבערן די אָדערן.

דער ווייסער וואָלף האָט געטון, ווי זיי האָבן אים געהייסן. אָבער דער אַלטער הירש האָט זיך געקענט אויף דערדאָזיקער קונץ. ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיינעמען פון אויג. געדרייט מיט זיינע מערדערישע הערנער פון לינקס אויף רעכטס, פון פאָרנט אויף הינטן. האָבן זיי גענומען בילן אויפן ווייסן, אַז ער איז אַ פּחדן און האָט מורא פאַר זיין פעל, אַז ער איז אַ לעמעל און נישט קיין וואָלף. מ'ווייס דאָך עס שוין פון לאַנג — אַ ווייס לעמעל! זיי האָבן אים כסדר אונטערגעהעצט: נו, זאָל ער אַרויפשפּרינגען, וויבאַלד ער האָט אין זיך כאָטש אַ קאַפּעטשקע מוט.

און ער איז צוגעשפּרונגען מיט אַן אָפענער מאָרדע גלייך אויפן שונא אַרויף. יענער האָט אים אַ כאַפּ געטון אויף די שפּיציקע הערנער און אים אַוועקגעשליידערט ווייט אין די קוסטעס אַריין. דערנאָך האָט ער ז'ך גענומען צו די איבעריקע, סאָפּענדיק און פרייכנדיק; זיי האָבן שנעל געמאַכט פּליטה.

לאַנג איז געלעגן דער ווייסער וואָלף צווישן די גרינע קוסטעס און האָט באַפלעקט דעם גרינעם מאָך מיט זיין בלוט. דערנאָך איז ער צו זיך געקומען, זיך אויפגעכאַפּט, גענומען קריכן און הינקען דורך דעם וואַלד צום גרויסן וואַלדפּלאַץ צו, דאָרט ווו ס'פלעגט זיך צונויפטרעפן די מחנה נאָך זון - אונטערגאַנג. דאָן האָבן אַלע גענומען לאַכן, שפּעטן און חוזק מאַכן פון אים: איצט איז שוין קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער איז אַ לעמעל. נאָר שעפּסבלוט קאָן זיין אַזוי נאַריש און אַריינשפּרינגען דעם הירש גלייך אין די הערנער אַריין.

דאָס זענען געווען זיינע ערשטע ווונדן. אָבער זיי האָבן זיך אינגיכן פאַרהיילט און ער איז געוואָרן צוריק ווייס ווי שניי, פונקט ווי פריער. און איז געוואָרן קרעפּטיקער נאָך און פיל שטאַרקער. איצט האָט ער שוין גענומען אַליין אַרויסגיין אויף געיעג; ער האָט אָנגעהויבן פון האָזן און פאַזאַנעס, האָט דערוואָרגן אַ פאַסטוך - הונט, איז באַפאַלן אַ הירש און אים געדורסט. אָבער בעת ער איז אַהיימגעקומען אויפדערנאַכט אין פעלד צו דער מחנה, פלעגן זיי פון אים חוזק מאַכן און אים פרעגן, צי ער האָט געגעסן הייסעריקן און זשאַבעס? אייבער האָט דווקא געוואָלט וויסן, ווי ס'האָבן אים געשמעקט די שילדקרעטן און אַן אַנדערער

האָט זיך אָנגערופן, אַז ער האָט אים געזען לעבן טייך זיך פּאַשן אויף דער לאָנקע, פּונקט ווי אַ בהמה.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. און דער אַלטער, דער טונקעלער, האָט אים געפרעגט, צי ער קען אויך מעלה־גרהנען.

דאַן האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט זיי שוין ווייזן, סאַראַ בלוט ער האָט אין זיינע אָדערן, ווילדס און עכטס און בעסערס נאָך ווי ס׳זייעריקע. ער פלעגט זיך אַרומשלייכן איבער די וועלדער גאַנצענע טעג, ביז ער האָט ענדלעך אָנגעטראָפן שפּורן פון אַ נזיר. אַזוי פלעגן זיי אָנרופן די סאַרנעס, וואָס האָבן געלעבט איינזאַם און פאַר זיך, און נישט אין דער מחנה מיט אַלע אַנדערע באַגלייך. פאַר אָט דידאָזיקע הירשן פלעגן זיי שטאַרק מורא האָבן און קיין שום וואָלף האָט נישט געוואַגט אָנצופאַלן אויף זיי — איטלעכן, וואָס פלעגט זיך נאָר צו זיי דערנענטערן, פלעגן זיי גלייך ממיתן מיט זייערע שפּיציקע הערנער. ער איז נאָכגעגאַנגען לויט די שפּורן און אָנגעטראָפן דעם ריזיקן הירש באַם ראַנד פון וואַלד. ער האָט אָנגעהויבן אַזוי צו וואָיען און צו בילן, אַז ס׳האָט אויסגעזען, ווי דרייסיק וועלף וואָלטן מיטאַמאָל אָנגעפאַלן און נישט בלויז ער איינער. ער איז צוגעשפּרונגען, אָנגעהאָנגען זיך דעם הירש אויפן האַלז, איינגעביסן זיך אין אים, געטרונקען, געטרונקען דאָס בלוט פון זיין האַלז, ביז ער איז אַזש אומגעפאַלן אונטער דער משא פון דער ריזיקער חיה. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און זיך צערעוועט מיט אַזאַ געהייל, אַז אַלע וועלף זענען אַזש געקומען אָנצולויפן.

זיי זענען געקומען איינער נאָכן אַנדערן, אַ גאַנצע מחנה. זיי האָבן אים אויסגעהערט, בעת ער האָט אַ שיכורער פון דעם געטרונקענעם בלוט דערציילט מכוח זיינע גבורות, ווי ער האָט איינער אַליין, אָן שום מיטהילף, דערהרגעט דעם מעכטיקן נזיר. זיי האָבן אים צומאָל נישט אָפּגעענטפערט, נאָר גענומען זיך מיט גרויס חשק צו דער אכילה. ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעפרעסן אַזוי, אַז זיי זענען שיר נישט צעפּלאַצט געוואָרן פרעסנדיק, ווען ס׳האָבן זיך שוין בלויז אַרומגעוואַלגערט די הוילע ביינער און בידנע שיריים פאַר דעם קראָען־פאָלק, האָט זיך איינער אָנגערופן, אַז ער גלייבט נישט אין דערדאָזיקער מעשה. און די איבעריקע האָבן מיט אים מיטגעהאַלטן; אַז ער האָט אוודאי גע-

פונעם דעם הירש אַ טויטן שוין באַם ראַנד פון וואַלד, ער איז שוין מסתּם געהאַט געפּגרט מיט אַ פּאָר טעג צוריק — מ'האָט עס געקענט גאַנץ גוט שפּירן באַם עסן. דאָס איז געווען אַ נבֿלה און נישט קיין פרישׁ פלייש. דאַן האָט זיך דער ווייסער וואָלף, אַוועקגעשלייכט שטילערהייט אין דער נאַכט און זיך אַוועקגעלאָזט איבער די ווייסע פעלדער.

אַ נזיר איז ער געוואָרן, פּונקט אַזוי ווי דער הירש וועלכן ער האָט געהרגעט. זייער איינזאַם איז ער געווען. דאַן אָבער האָט געגומען וואַקסן זיין מוט, זיין שטאָלץ און גבֿורה.

טיילמאָל האָט ער אָנגעטראָפן די איבעריקע וועלף, בעת זיי פלעגן נאָכגיין נאָך די שפורן. דאַן פלעגט ער זיי האַרב דערקלערן, אַז דידאָזיקע חיה געהערט צו אים. ער איז אָנגעפאַלן אויף זיי, געביסן און זיי צום סוף פאַרטריבן. איינמאָל האָט ער באַגעגנט דעם גרויסן, דעם טונקעלען, אין בלאָען פרימאָרגן - שיין פאַר זון - אויפגאַנג. ער האָט נישט געבילט, נישט געוואָיעט, נאָר אָנגעפאַלן אויף אים כּהירף - עין און דערוואָרגן - אים אויף ס'טויט.

און די איבעריקע האָבן זיך אַוועקגעשלייכט צווישן די קוסטעס.

איצט האָט דער גאַנצער וואַלד געוווסט, אַז ס'איז דאָרט פאַראַן אַ ווייסער וואָלף. ס'האָבן געוווסט פון דעם די טשערעדעס און הינט, פאַסטוכער אין יעגער, ער האָט אַרויפגעקלעטערט הויך, הויך אויף די פעלזן, דאָרט אַהין, וווּ ס'פלעגן נאָר די פייגל פאַרפליען און וווּ ס'האָבן געקרעכצט אין ווינט די פאַרקריפּלטע סאָסנעס. ער האָט אַרומגעוואַנדלט איבער לאָנקעס און פעלדער ווייט, ווייט אַזש ביז צו מענטשלעכע ישובֿים צו. פון די שטאַלן אַרויס פלעגט ער אַוועקשלעפּן זיין רויב.

ער איז געווען אַ ווייסער וואָלף — געווען אַ וואָלף און דערצו אַ ווייסער — און דאָס האָט געוווסט דער גאַנצער וואַלד.

מ'האָט באַשטימט אַ הויכן פרייז פאַר זיין קאָפּ: הונדערט גאָלדענע רענדלעך. נו, און דערצו נאָך זיין ווייסע פעל, צו וועלכער די יעגערס האָבן נאָך מער חשק געהאַט, ווי צום רויטן גאָלד. זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וואַלד, אָנגעלאָדן מיט גוטע גלעזער און ביקסן, האָבן אויפגעשטעלט נעצן, אַוועקגעלייגט פאַר-

אים פארסמט פלייש באם ברעג פון טייך, דארט ווו ער פלעגט תמיד קומען טרינקען. — אָבער אלץ אומזיסט. ער פלעגט נאָר אויפפרעסן די חיות, וועלכע ער האָט אליין דערוואָרגן, זייערע שטיקער פלייש אָבער פלעגט ער איבערלאָזן פאר די נארישע קראָען און פיקסן.

אַ סך וועלף זענען דאָרט געווען אין וואלד, זייער פיל, געלע, גראָע און ברוינע. אָבער וועמען איז עס אָנגעגאנגען? די פאסטוכער פלעגן באוואָרענען זייערע טשערעדעס מיט שטעכיקע דראָטן און מיט בייזע הינט — און ווען ס'איז פארט אַמאָל צעריסן געוואָרן עפּעס אַ בהמה, פלעגן זיי בלויז אָפּקומען מיט שעלטן און שנעל דערין פארגעסן. און די יעגערס ווידער פלעגן זיך ווייטער יאָגן נאָך וועלף און זיי שיסן, און דאָס איז געווען אַ גאנץ געווייבטלעכע זאך. אָבער דעם ווייסן — דעם האָבן זיי געמוזט פאקן. זיי האָבן אים געהאסט, באגערט, און געחלומט וועגן אים — אלע — פויערן, פאסטוכער און יעגערס.

ווינטערצייט האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט אין וואלד אריין.

זיי האָבן אָנגעטרונקען אַ באראַן מיט אַ סם, וואָס האָט אים נאָך געלאָזט לעבן אַ פּאָר טעג — דער גיפט אָבער האָט געזאָלט ווירקן אויף דעם יעניקן, וואָס וועט פרעסן פון זיין פלייש. זיי האָבן אים אָנגעהאָנגען אַ גלעקל אויפן האלז און אים אריינגעלאָזט אין וואלד אריין — באלד זענען זיך צונויפגעלאָפן די הונגעריקע וועלף.

אָבער דער ווייסער וואָלף האָט אים גלייך געמיטעט, אויסגעטרונקען זיין בלוט — פאר די אנדערע האָט ער איבערגעלאָזט דאָס רויטע פלייש.

צומאָרגענס האָבן אים די לייט ארומגערינגלט פון אלע זייטן, מ'האָט פארלייגט אַ סך נעצן, אויפגעשטעלט פאסטקעס און אויסגעגראָבן פאנג־גריבער. פון די פעלדער ארום זענען אָנגעקומען הונדערטער מענטשן, יעגער מיט ביקסן, פאסטוכעס מיט גראָבע שטעקענס און פויערן מיט שארפע הייגאָפּלען. דערצו נאָך אַ מחנה הינט, וואָס האָבן פארהילכט דעם וואלד מיט זייער געבילערײ.

דער ווייסער וואָלף האָט דאָס אלץ געהערט און גאנץ גוט פארשטאנען, אַז דאָס מיינט מען אים; אים — ווייל ער איז געווען ווייס. ער האָט זיך געלאָזט לויפן אין וואלד, צווערשט צווישן די

דעמבעס, דערנאָך אַרויף צו די סאָסנעס. דאָ האָבן זיך פון די פעלין גענומען אַראָפּלאָזן די הינט און נאָך זיי די יעגערס און אַנטרייבערס; ער האָט זיי גאַנץ גוט געזען, בעת ער איז אַרויס פון וואַלד. אָבער זיי האָבן אים אויך גוט געזען — דעם ווייסן — דאַן האָבן זיי זיך אַ כאַפּ געטון צו די ביקסן — ס'האָט גענומען קנאַלן איינס נאָכן אַנדערן און די קוילן זענען געפלויגן איבערן שניי. איינע האָט אים געטראָפן, איינע נאָר, ערגיצוווּ באַם האַלז — בלויז אַ קליינע וווּנד אין פלייש, וואָס האָט באַפאַרבט זיין פעל אויף רויט. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און איז צוריק אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין.

ער איז אַוועקגעלאָפן צום טייך און איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן גרוב, ווו ס'איז געווען אַוועקגעשטעלט אַ פאַסטקע. ער האָט זיך אַרויסגעריסן קוים אַ לעבעדיקער און געוואָלט אַרויס פון גרוב. דאַן אָבער האָט ער באַקומען אַ שטאַרקן זעץ מיט אַ שטאַנג. ער האָט געפילט, אַז עפּעס האָט זיך אין אים אינעווייניק צעבראָכן, אָבער ער איז מיט די לעצטע כוחות אויפגעשפּרונגען און איז ווייטער אַנטלאָפן.

ווידער האָט זיך דערהערט אַ שאָס און ווידער האָט עס אים געטראָפן. דאָסמאָל אין פוס אַריין. הינקענדיק איז ער געקראָכן און געשאַרט זיך צווישן די ביימער, אַלץ טיפער און טיפער. און איז דאָרט געבליבן ליגן, שווער סאָפּענדיק, האַלב פאַרגראָבן אונטער די בלעטער. באַדעקט מיט בלוט און קויט, צעשונדן, צעשאָסן און צעקלאַפּט. און אין בויך האָט געברענט דער סם און צעפרעסן זיינע געדערים.

צוויי מענטשן האָט ער געזען דורכגיין פאַרביי אים. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און צו אים אַהינגעקוקט.

„דאָרט ליגט איינער", האָט געלאַכט דער פאַסטוך. „דער האָט אויך געפרעסן פון באַראַן — שיס - זשע!"

אָבער דער יעגער האָט געענטפערט: „ניין, דאָס איז אַ גאַנץ פּשוטער וואָלף, דעם קענסטו שפּעטער טויטן מיטן בלויזן שטעקן. קום, לאָמיר נישט פּטרן קיין צייט — אין יענער זייט מוז ער זיין, דער ווייסער!"

דאַן האָט דער וואָלף גענומען וואָיען: „שיס, שיס — איך בין דאָך דער ווייסער וואָלף".

אָבער די צוויי לייט זענען זיך געגאַנגען ווייטער און דער

פאַסטוך האָט זיך צעלאַכט: „פגר אַליין, דו ווייסט בײַ־
שעפּעניש“.

ער האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט, לאַנג — לאַנג, ביז זיי זענען
פאַרשווונדן צווישן די דעמבעס.

„איך בין דער ווייסער וואָלף“, האָט ער געקרעכצט — — —

*

*

„בלייב נאָך“, האָט געזאָגט לאָטע וואַן נעס. „פּראָפעסאָר
פאַן קאַכעלע וועט קומען היינט אינאָוונט“.

ער האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט. „אַזוי? — און ווי
האַלט ער שוין מיט דיין האָראָסקאָפּ?“

זי האָט זיך צעלאַכט. „ער אַרבעט גאָר גרינטלעך — כ'וועל
נאָך מוזן לאַנג וואַרטן. איבעריקנס האָט ער איבערגעריסן דידאַזיקע
שטודיען — כ'האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל פאַרענדיקן די אַר־
בעט, וואָס ער האָט פאַר דיר אָנשקיצירט. דו האָסט דעמאָלט נישט
געהאַט קיין צייט, אָבער איך האָב מיר געהייסן אַלץ דערציילן,
און בײַ אים באַשטעלט, אַז ער זאָל עס פאַר מיר אויפשרייבן!
נעכטן האָט ער עס פאַרענדיקט — צוליב דעם טאָקע וועט ער היינט
אַהערקומען“.

„האָסט געקויפט דידאַזיקע אַרבעט, לאָטע? — וואָס ווילסטו
דען מיט איר טון?“

זי האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען. „אפשר וועל איך זי
לאָזן אָפּדרוקן אין אַ צייטשריפט — אָדער כ'וועל זי גאָר דיר
אָוועקשענקען — כ'ווייס נאָך נישט. אַלמאַי זאָל איך נאָר קויפן
בלויז שטיינער און ביכער, פאַרוואָס נישט קיין מאַנוסקריפּטן
אויך?“

דער פּראָפעסאָר איז אָנגעקומען, און האָט זיך קוים געקענט
יערוואַרטן, כדי אָנצוהייבן זיין פּאָרטראַג. ער האָט געגעסן אַ סך
אָבער האַסטיק און שלינגענדיק, גרייט נאָכאַנאַנד צו דערציילן
וועגן זיין אינטערעסאַנטער אַרבעט. „שפּעטער, ליבער פּראָפעסאָר“,
האָט געבעטן פרוי וואַן נעס. „שפּעטער! עסט נאָר פריער אָפּ!“

דערנאָך זענען זיי איבערגעגאַנגען אין די ביבליאָטעק; דאָרט האָט זי אים צוגערוקט אַ גרויסן פאָטעל. זי אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיוואַן, צונויפגעשאַרט אַ סך קישנס און אָנגעלענט אויף זיי אירע עלנבויגנס.

„נו, איצט קענט איר אָנהויבן!” האָט זי געזאָגט.

ער האָט תּיכּף אָנגעהויבן. האָט גערעדט זייער האַסטיק, איבערגעריסן טיילמאָל אויף אַ קורצע ווײַלע, געבלעטערט אין זיין מאַנוסקריפּט, אויפגעזוכט עפּעס אַ וויסנשאַפטלעכע ציטאַט און זי איבערגעלייענט. זיין שטים האָט געקלונגען הויך, טיילמאָל נאָר האָט זי אָנגענומען אַ טויבן און מאַטן טאָן.

פראַנק ברוין איז געזעסן צווישן די ביכער, אָנגעשפּאַרט אויף די ווייכע אָנלענס פון גרויסן פאָטעל. ער האָט געפּרוווט זיך איינהערן — ער האָט אָנגעשטרענגט זיין געהער — אָבער ער האָט געהערט בלויז קלאַנגען. ווערטער, וועלכע האָבן קיין זין נישט געהאַט. זאַצן, וואָס ער האָט זייער אינהאַלט לגמרי נישט תּופס געווען.

ס׳האָט אים ווידער באַהערשט עפּעס אַ מידקייט און אַ לערקייט — אַ געפיל פון דערשעפּט ־ זיין. איטלעכן טאָג האָט עס אים אַרומגעכאַפּט — אין משך פון אַ שעה אָדער צוויי — אָן איבעררייס — און ס׳איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ געדיכטער נעפּל אויף זיין נשמה.

ער איז נישט געשלאָפן, נישט געטרוימט — ער האָט נאָר געהערט קלאַנגען, קראַצנדיקע און רייסנדיקע. טענער, העסלעכע און אומהאַרמאָנישע — פונוויטנס ערגיץ. ער האָט געוואָלט אויפשטיין, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. איז ער אַזוי געבליבן זיצן שטיל, אומבאַוועגלעך און געליטן יסורים פון דערדאָזיקער גריליצנדיקער שטים.

מיטאַמאָל האָט געגומען קלינגען לאָטעס ווייכע אַלטן־שטים און ס׳איז פון אים ווי אַראָפּגעפאַלן דידאָזיקע קללה. ער איז ראַש אויפגעשפּרונגען, צוגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר און אים אַרויסגענומען דעם מאַנוסקריפּט פון דער האַנט.

„ס׳איז געווען זייער אינטערעסאַנט, באַראָן”, האָט ער אויסגערופן. „דערלויבט מיר, כ׳זאָל עס נאָכאַמאָל אַליין איבערלייענען”. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, איז ער אַרויס פון צימער

און איז אוועק אין לאַטעס שלאָפשטוב. ער האָט זיך אוועקגעלייגט אויף דער סאָפע און צוגעמאַכט די אויגן.

אָבער אויף אַ ווײַלע נאָר — באַלד איז ער געוואָרן צוריק וואַכעדיק, דאָס גאַנצע מידקייט איז כמעט ווי פאַרשוווּנדן. ער האָט דערזען דעם מאַנוסקריפּט אין זײַנע הענט און אָנגעהויבן לייענען.

אָ, יאָ, ס'האָט אים זייער פאַרינטערעסירט — שוין פון די ערשטע שורות אָן. ס'זענען דאָרט פאַראַן געווען עגיפּטישע טעקסטן, און ווייטער קאָפּטישע, העברעישע, לאַטייניש און גריכישע. דערנאָך די אַלטע קירכן-שפּראַך פון עטיאָפּיע, אַסיריש און באַבילאָניש. ס'זענען געגאַנגען די וועגן דורך ביזאַנץ, אַלבאַניע, אונגאַרן, און דורך אַביסיניע אין דעם נעגערלאַנד אַריין — דורך אַפריקע קיין דאַהאָמע — אַ לאַנגע געשיכטע, וואָס שלעפּט זיך אין משך פון טויזנטער יאָרן, פון דעם אויסגעשטערבטן הימלאַזש ביז אַראָפּ צו די בלוטיקע קרבנות אין ניו-יאָרק. אַן אַסטראַלער-מיטאָס, אָבער וואָס מ'קאָן אים נאָך הײַנט צוטאָג מיט די הענט אָנטאַפּן.

ער האָט זיך דערמאָנט אין די שלאַנקע, ברוינע נעגער-פּריסטערין, וועמעס באַנאַכטיקע קרבן-פײַערונג ער האָט אַליין בײַגעוווינט מיט עטלעכע יאָר צוריק. דאָס איז געווען אויף האַיטי, אין האַנפו-טעמפּל, אין פּטי-גאָאַוו. זי האָט מיט די אייגענע הענט געקוילעט איר קינד, און פאַרטיילט צווישן די הייליקע זיין בלוט, מיט ווײַן געמישט.

דער פּראָפעסאָר האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז בלויז אַ מיטאָס, און נישט קיין בלוטיקע ווירקלעכקייט. — אַ חלום נאָר, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדן אמת. — אַ מדבר-פאַנטאַזי'ע פון אַ שטערנזעערישן פּאַסטוך, פון אַ טרוימענדיקן דיכטער בלויז, וואָס זיין מעכטיקע קרעאַציע איז דורכגעלאָפן אין משך פון טויזנטער יאָרן איבער די גאַנצע ערדקויל.

די זון איז אונטערגעגאַנגען — דאָס האָבן געזען אַלע באַשעפענישן, וואָס האָבן אויף דער ערד געוואַנדלט. אָבער דער פּאָעט אין דער מדבר האָט געזען מער, אַ סך מער. ער האָט געזען און געזאָגט, אַז די זון, אַ יינגע און שיינע, איין טאָג נאָר אַלט, איז געוואָרן צוגערויבט, דערשלאָגן און דערהרגעט דורך אַן

אכזריותדיקער גאַטהייט. די נייע זון אָבער, וועלכע איז אויפגע-שטאַנען אויפן צווייטן טאָג, נאָך שטראַלנדיקער און ליכטיקער פון דער אַנדערער, איז דאָס יוגנט-שיינע קינד פון דער געשטאָרבע-נער. איר קינד — און דאָך ווידער די זון אַליין, וועלכע איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים, אין באַנייטער פּראַכט, פון דער מאָרד-נאַכט. דאָס איז געווען דאָס שטערן-מעשהלע פון דעם טרוימערישן פאַסטוך אין דער מדבר, דער אוראַלטער מיטאָס וועגן דעם צעפערטלטן קינד.

לאַבאַרטו האָט געהייסן אין בבל די שטערן-גאָטהייט, וואָס האָט אַוועקגעגנבעט דאָס זונען-קינד, האָט עס אויף שטיקער צעהאַקט און עס אויפגעפרעסן — און דאָס איז געווען באַאַלס (בעל) ווייב. דאָך איז זי נישט געווען קיין אַנדערע, ווי די אינדי-שע קאַלי, די מוראדיקע דורגאַ, די דערווערגערין, די פרוי פון שיווא, דעם צעשטערער. און פונקט אַזוי ווי זי האָט אויפגעפרעסן דעם הימלס קינד, די ייִנגע זון, אַזוי האָט זי אויך פאַרפאָלגט די קינדער פון די מענטשן, זי האָט זיי געטויט שוין אין מוטערלייב אָדער קורץ נאָכן געבוירן ווערן. און דעריבער האָט מען פאַר איר גע-מוזט קרבנות ברענגען, און צו איר געמוזט מתפלל זיין, אַז זי זאָל מיט חסד פאַרבייגיין דאָס הויז פון דער יונגער מוטער. אַזוי האָט געפאָדערט לאַבאַרטו פאַר זיך און פאַר באַאַל.

און דאָס, וואָס ס'איז רעכט געווען אין בבל, האָט מען אויך אָפּגעהיטן אין צידון, טירוס און קאַרטאַגאַ, ווו דידאָזיקע גאָטהייט האָט זיך אָנגערופן אַסטאַרטע (עשתרת) און האָט אַלס מולכס פרוי געהערשט איבער די קינדער פון פעניציע.

פאַר איר איז געפלאָסן דאָס געאָפּפערטע יונגע בלוט פון אַלע ערשטגעבוירענע באַשעפענישן. די אינדישע קאַלי, די גרוי-זאַמע דורגאַ, האָט פאַרלאַנגט בלויז מיידלעך — מ'פלעגט זיי פאַר אירעטוועגן דערטרינקען אין מילך ביז דאָ נישט לאַנג אין גאַנצן אינדאָסטאַן. אָבער אַסטאַרטע האָט פאַרלאַנגט אַלץ — איטלעכס יונגע קינד, וואָס איז נאָר געקומען אויף דער וועלט. דאָס איז געווען איר אכזריותדיק רעכט אין מזרח. און אַלע פעלקער — און נישט צולעצט ישראל — האָבן צו איר מקריב געווען זייערע ערשטגעבוירענע קינדער מיט הכנעה און ציטערניש. שוין-זשע איז נישט פאַרשוווּנדן געוואָרן — גאַנץ געהיימניספול — איטלעכער

בכור אין דעם עלטסטן טייל פון דער ביבל - געשיכטע? פריער ישמעאל און דערנאָך הבל און עשיו. דודס ערשטער זון פון בת-שבע. און דעם שופט יפתחס טאַנצנדיק טעכטערל — אָ — און אַ סך, אַ סך אַנדערע —

האָט דען יצחקס זון נישט געזאָלט מהאי-טעמא געשאָכטן ווערן? אָבער דער גרויסער איינגאָט פון די יידן האָט אָפּגעווענדט דעמדאָזיקן קרבן. מיטן קרבן פון צוויי טויבן האָט ישראל שפּעטער אויסגעלייזט די בכורים פון גאָטס רעכט אויף זיי — אָבער פונדעסטוועגן האָט שלמה המלך און פיל אַנדערע מלכים און יידישע גדולים מקריב געווען די ערשטגעבוירענע קינדער צו דער ווילדער געטין. האָבן מיט אייגענע הענט זיי אונטערגעשניטן די גערגעלעך, געלאָזט אָפּפליסן זייער בלוט, און דערנאָך זיי צעפּערטלט, ווי באַאַלטיס האָט באַפוילן.

פליניוס דערציילט, ווי אין רוים האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט דער קולט פון דער קינדער-מאָרדנדיקער געטין. ארויסגעקומען פון גריכנלאַנד, האָט עס זיך גענומען פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן באַלקאַן ביז אַהין צום דונאַי-טאָל — און אָנגעשטיגן שפּעטער אַזש אין מערב. און אָט-דער קולט איז צוריק אויפגעשטאַנען מיט דער גאַנצער ווילדקייט אין XVII י. ה., ווען עליזאַבעט באַטאָרי, די בלוטיקע גרעפין, האָט אָנגעפילט די זאַלן פון אירע שלעסער מיט די יאָמערלעכע אנגסט-געשרייען פון די אכזריותדיק געקוילעטע אונגאַרישע מיידלעך.

שוין-זשע האָט זשיל דע-רעי נישט אויסגעקוילעט מיט די אייגענע הענט הונדערט אַכט הונדערט קינדער? ער, דער באַרימטער פעלד-מאַרשאַל פון פראַנקרייך און פאַנענטרעגער פון דער יונגפרוי פון אָרלעאַנס! און די מאַרקיזין פון מאָנטעספּאַן, לודוויק דעם פירצענטנס געליבטע, און מוטער פון די פראַנצויזישע פּרינצן, האָט געלאָזט — נישט איינמאָל — קוילען נייגעבוירענע קינדער אויף איר נאַקעטן שויס, ווי אויף אַ הייליקן מזבח, אין דער שלאָס-קירך פון סט. דעני. און זי האָט גערופן דעם טייוול אַסטאַראָט — ווי ס'האָט עס געטון באַראָן דע רעי — כדי איר צו העלפן דעם קעניגס ליבע צו דערהאַלטן, און דעם מאַרשאַל — גאָלד צו דערווערבן. אַסטאַראָט — אַזוי האָט זיך גערופן צו יענער צייט די געטין אַסטאַרטע.

דער קולט פון דער קינדער-מערדערין איז אריבערגעקומען

פון קאָנגאָ צוזאַמען מיט די שוואַרצע שקלאַפן קיין אַמעריקאַ, און פּראַקטיצירט זיך ביזן היינטיקן טאָג אין ניו־יאָרק.

— ער איז אויפגעשטאַנען; צוריקגעגאַנגען אין די ביבליאָטעק, ווו פּראָפעסאָר פאַן קאַכעלע האָט נאָך אַלץ גערעדט וועגן דעם האָראָסקאָפּ און וועגן דער מערקווירדיקער וואָרזאָגעריי פון די אַלעקסאַנדריינער —

ער האָט אים איבערגעשלאָגן, אים צוריקגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט און געזאָגט „נאָך אַלעם, פּראָפעסאָר, פאַרשטיי איך פאָרט נישט, ווי אַזוי אייער גרויזאַמער שטערן־מיטאָס האָט געקענט אַזוי פּלוצלינג אויפלעבן. שוין־זשע גלייבט איר, אַז דער מאַרשאַל זשיל דע רעי, אַז די אונגאַרישע גראַפן אָדער די פראַנצויזישע מאַרקיזן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז זייערע צעפּערטלטע קינדער זענען געווען רעגולערע קרבנות פון אַן אוראַלטן קולט ווי אַזוי דערקלערט איר זיך דאָס, וואָס דער אַלטער, באַרבאַרישער געדאַנק האָט געקענט פּלוצלינג אויפשווימען אין מענטשלעכן מוח אין אַ גאַנץ נייער פאָרם?״

דער פּראָפעסאָר האָט געשוויגן, אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָנגערופן אַזוי: „איך ווייס, אַז דאָס איז אַ בלויז אין מיין אַרבעט, כ׳וואָלט אים אָבער געקענט אויספילן. — דער מענטשלעכער גייסט, דער מוח פון איטלעכן מענטש איז אַ זאַל, אין וועלכן ס׳קען תמיד גאַט אָדער דער שטן — ווי דו ווילסט זיי אָנרופן — פּראַווען זיינע שענסטע אָרגיעס, זייער פרומע, זייער הייליקע — און אויך זייער מיאוסע, געמיינע און אַכזריותדיקע — ווי דער גורל וויל גראָד.

און ווען למשל אָטאָ די שיינע און גוטהאַרציקע דאַמע, וועלכע זיצט דאָ פאַר אייך, פרוי וואַן נעס, וואָלט זיך אויסגעפּיקט היינטיקע נאַכט אין די ווילדסטע פּריסטערין פון באַאַלטיט, ווען זי וואָלט גענומען צעהאַקן קינדער לעבעדיקערהייט און טרינקען זייער בלוט, וואָלט איך דאָס היינט בשום אופן נישט באַטראַכט פאַר עפּעס אויסערגעוויינלעכס. איך וואָלט עס טאַקע באַדויערט, אָבער אַלס געלערנטער וואָלט איך אַריינגעטראָגן דעמדאָזיקן אינטערעסאַנטן פאַל אין מיין אַרבעט, אַלס נייער ביישפּיל פון אוראַלטן לאַבאַרטו־קולט״.

ער האָט אַרויפגערוקט זיינע ברילן אויף דער נאָז, איז אויפגעשטאַנען און אוועקגעלייגט דעם מאַנוסקריפּט אויפן טיש.

„אַ ציגאַר אפשר מיטן אויפן וועג, באַראָן?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„ניין, אַ דאַנק", האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר. „איך רויכער נישט, טרינק נישט, בין נאָך אַלץ דער ניכטערנסטער, לאַנגווייליקסטער מענטש אויף דער וועלט. און אויב דאָס, וואָס איך האָב פריער געזאָגט, וועט פונדעסטוועגן פאַר אייך פאַרט קלינגען פאַנטאַסטיש — טאָ דערמאָנט אייך אָן דעם, וואָס עס האָט מיך פאַרטריבן קיין אַמעריקע!".

* *

*

ס'איז שוין פאַרביי העכער אַ שעה צייט, זינט דער פּראָפעסאָר איז אַוועקגעגאַנגען. אָבער זיי ביידע זענען נאָך אַלץ געזעסן אין זייערע פאָטעלן אין דער ביבליאָטעק, געררויכערט פּאַפּיראָסן און געגעפּט פון זייערע גלעזלעך, זיי האָבן זיך נישט אָנגעקוקט, נישט גערעדט קיין וואָרט צווישן זיך, געשוויגן.

„ווילסטו מיטן אויטאָ אהיימפאָרן?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון און געענטפערט. „איך וואָלט וועלן דאָ בלייבן היינט בײַנאַכט".

זי איז שנעל אויפגעשטאַנען, אויפגעמאַכט די שמאָלע ליפּן.

„אָ, ווי דו ווילסט. דאָ שטייט דער ווײַן. טרינק דערווײַל. איך וועל מאַכן מיין טואַלעט — ווען כ'וועל זיין פאַרטיק, וועל איך דיר געבן צו וויסן דורכן שטובמיידל".

אויף דער שוועל פון דער טיר איז זי געבליבן שטיין און זיך צעשמייכלט. „זאָג מיר נאָר — ווילסטו אפשר זען אין דער דאָזיקער נאַכט, צי כ'בין נישט אַמאָל אַסטאַרטע — וועלכע טרינקט בלוט? האָסט מיך אַמאָל אָנגערופן פעניציאַנערין? געטין — פריסטערין — וואָס?"

ער האָט גאָרנישט געענטפערט און זי געלאָזט אַוועקגיין.

ער האָט געטראַכט: „אַלצדינג איז מעגלעך אין מענטשלעכן מוח".

ער האָט נאָכגעקלערט —

וואָס איינגנטלעך? — וואָס־זשע האָט געקענט מעגלעך זיין?

אָ, יאָ, זי איז געווען גערעכט: ער האָט דאָ געהאַלט פאַר־בלייבן הייגט באַנאַכט, כדי צו קענען זי אָבסערווירן. אָבער וואָס־זשע, וואָס האָט ער געוואָלט אויסגעפינען? זי, לאָטע, אַלס די מיט בלוט באַטריפטע פּריסטערין — און ער דאָס קרבן־ציגעלע, דאָס צעפּערטלטע קינד?

דאָס איז געווען אַזוי לעכערלעך, אַזוי אומזיניק. ווי דעם דר. קאָהנס פלאַפלעריי וועגן דער דרום־ים־קראַנקייט.

און דאָך איז פאַרבליבן דער חשד — און ער האָט פאָרט נישט געקענט גובר זיין דעמדאָזיקן געדאַנק.

ער האָט אויסגעטרונקען דאָס לעצטע "גלעזל, אַריינגעגאַנגען אין באָד־צימער, אָפּגעוואַשן זיך מיט קאַלט וואַסער, גענומען אַ פרישניק און אָנגעטאָן די זיידענע פּיזשאַמע.

בעת ער איז אַריינגעקומען, איז זי געזעסן אויפן גרויסן בעט, אירע רויטע האָר זענען אַרונטערגעפאַלן אויף דעם באַשפּיצטן העמד. זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט עטלעכע בליצנדיקע זאַכן און זיך געשפּילט מיט זיי; דערהערנדיק זיינע שטילע טריט, האָט זי זיי שנעל אַוועקגעלייגט אויפן נאַכט־טישל. ער האָט געזען, ווי זיי האָבן העל געבליצט, און אַז דאָס זענען געווען קליינינקע שערלעך און שיינינקע, אָפּענע מעסערלעך.

און זי האָט גענומען אַ רינגל פון טיש און עס אַרויפגעזעצט אויף איר פינגער.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר. „אַ ניי רינגל?" האָט ער געפרעגט. „ווידער עפּעס אַ קמיע?"

זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט. „אפשר, אָבער ניי איז עס נישט".

דאָס איז געווען אַ מיאוס, אַלט זילבערן רינגל, אין אַ שלעכטער איינפאַסונג האָט געפינקלט אַ גרינלעכער שטיין, אין וועלכן ס'איז געווען איינגעקריצט אַ הערב.

כ'האָב באַצאָלט דערפאַר הונדערט דאָלער!" האָט זי געזאָגט. „אָבער פאַר מיר איז עס ווערט! טו אַ קוק: אַ פּעליקאַן, וועלכער פּיקט זיך אַליין די ברוסט אויף, כדי דאָס פאַרשמאַכטע קליינוואַרג מיט זיין אייגן בלוט אָנצוטרינקען.

ער האָט זי פאַרשנדיק אָנגעקוקט: ווידער דערדאָזיקער געדאַנק!

„פאַרוואָס אינטערעסירט דאָס דיך?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט לייכט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. „סתם אַזוי! דאָס איז מאַגדעבורגס הערב — מיין מוטערס משפּחה שטאַמט פון מאַגדעבורג".

זי איז אויפגעשטאַנען, גענומען פון טיש אַ גרויס גלעזל, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט עפּעס אַ מילכווייסער פליסיקייט און איז צוגעגאַנגען צו אים.

„טרינק, מיין פריינד", האָט זי געזאָגט.

„וואָס איז דאָס?" האָט ער גערעדט.

„אַ שטאַרקער שלאָפגעטראַנק!" האָט זי געזאָגט. „דר. קאָהן האָט עס מיר צוגעשטעלט, אויף מיין אייגענער בקשה".

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין!" האָט ער אויסגערופן. „צו וואָס באַדאַרף איך שלאָפגעטראַנק?"

„טאָ וועל איך עס אויסטרינקען", האָט זי געענטפערט.

זי האָט אויפגעהויבן דאָס גלעזל און אויסגענייגט ביזן לעצטן טראָפּן, זי האָט געזאָגט: „איינער פון אונז דאַרף האָבן דעם דאָזיקן געטראַנק — אויף היינט באַנאַכט. דו, אויב — זיין איך, אויב — —"

זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס גלעזל און אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיינע אַקסלען. זי האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל: „זעסטו, אַזוי איז עס".

„וואָס הייסט דאָס: אויב? זאָג, לאָטע!" האָט ער אויסגערופן אומגעדולדיק.

אָבער זי האָט אים אַרומגעפלאָכטן מיט אירע רויטע לאָקן זיין האַלז און פּנים. „פרעג נישט", האָט זי געבעטן. „דו ווייסט דאָך, אַז כ'וועל נישט זאָגן, אויב כ'וויל נישט". זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, האָט אים אָנגעקוקט און איז געוואָרן ערנסט.

און מיט טיפער גוטסקייט האָט געקלונגען איר שטים. „וויער שווער איז עס, געליבטער, דאָס וואָס איך טו — זייער שווער, אָבער איך טו עס גערן".

„ווי די שטים פון מיין מוטער", האָט ער געטראַכט.

זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך. „קום, קום — נוץ אויס די מינוטן. אַ האַלבע שעה נאָר – דערנאָך שלאָף איך פעסט איין.

און בין דיינע, בעת כ'בין וואַך — און בעת איך שלאָף — אודאי און אודאי. ווען דו וואָלסט נאָר געוווּסט, ווי שטאַרק —"

* *

*

צומאָרגנס אויפדערנאַכט איז ער אַרויסגעריטן מיט איהר דזשעפערסאָן אין צענטראַל־פּאַרק.

„פאַרוואָס רעדסטו נישט?" האָט געפרעגט די בלאָנדע. „וועגן וואָס טראַכטסטו?"

ער האָט נישט באַלד געענטפערט; האָט זי אַליין אויסגערופן: „אָ, איך ווייס גאַנץ גוט — וועגן וועמען דו טראַכטסט! וועגן פרוי וואַן נעס! זאָג, צי כ'האָב רעכט".

„יאָ!" האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. „פונוואַנען ווייסטו דאָס?"

די קליינע איהרי האָט זיך צעלאַכט. „פונוואַנען? די גאַנצע שטאָט ווייסט דערפון!" און נאָך אַ ווײַלע שטילשווײַגן, האָט זי געזאָגט: „איך האָב זי געזען היינטיקן זומער, בעת זי איז געווען אין ניו־פּאָרט. זי איז שטאָלץ — און אינטערעסאַנט — און זייער רייך, און אפשר — שיין אויך. ס'איז בכן גאַנץ פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס זי געפעלט די מענער — און דיר אויך!"

„צי ביסטו אייפערזיכטיק?" האָט ער געפאָרשט.

זי האָט זיך ווידער צעלאַכט: „געוויס בין איך אייפערזיכטיק. אָבער דאָס איז בלויז אַ מין קאַמף אָדער ספּאָרט — און דערפאַר האָב איך עס ליב. כ'האָב עס מיר איבערגעלייגט — מיר זענען ביידע גלייך שטאַרק, ביידע. זי איז אפשר קליגער. אָבער איך בין פיל יינגער. מיר'ן זען, ווער ס'וועט אויסגעמען!"

זי האָט צוגעריטן האַרט צו אים, האָט צונויפגערוקט די פערד אַזוי, אַז זייט זיטן האָבן זיך אַזש באַרירט. אירע ליפּן זענען געווען געשלאָסן, אָבער אירע נאָזלעכער האָבן געציטערט, גלייך ווי זיי וואָלטן איינגעזויגן אין זיך עפּעס אַ שטאַרקן ריח.

„זאָג מיר" האָט זי געמורמלט, „צי ביסטו געווען בײַ איר די לעצטע נאַכט?"

ער האָט איר שאַרף אַ קוק געטון אין די ויגן אַריין האָט איר דרייסט און כמעט ברוטאַל אַ זאָג געטון גלייך אין פּנים אַריין —: „יאָ, כ'בין בײַ איר געשלאָפן!"

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט גאַנץ שטיל: כ"האָב געוווּסט דערפון — כ'האָב עס אַרויסגעפילט".

זי האָט אַ דריק געטון דאָס פערד מיט אירע שפּאָרן, דער־לאַנגט דער חיה מיט דער שפּיצרוט און שנעל אַוועקגעריטן.

און ער איז זיך געריטן ווייטער מיט לאַנגזאַמע טריט און האָט איר שטאָלץ נאָכגעקוקט. דו וועסט אָנקלינגען — נישט איך!" האָט ער געטראַכט.

ער האָט גענומען ווייטער שפּינען דעם פאָדעם פון די חלומות פון דערלעצטער נאַכט, וועלכע זענען איבערגעריסן געוואָרן דורך די קליינע איווי..

קושן, קושן און אַרומהאַלדזונגען. ער איז געווען קיל, כמעט קאַלט' אָבער איר ליבע וואַרעמקייט האָט צעשמאָלצן דעם שניי־צודעק. זי האָט געקושט דעם רייכן באָדן פון זיין האַרץ, געלאָזט בליען און אויסוואַקסן שיינע בלומען, אַזוי פיל בונטע בלומען. זיי האָבן אַראָפּגעקאַפּעט פון זיינע ליפּן, געגרעגנט איבער איר אַראָפּ, באַדעקט זי און איינגעהילט.

אָ, ער האָט זי ליב געהאַט — ביז זי איז איינגעשלאָפן אין זיינע אָרעמס.

כל־זמן זי האָט געקענט, האָט זי געהאַלטן די אויגן אָפן־
„איך דאַנק דיר" האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט און פאַרמאַכט אירע אויגנלעפלעך.

בערך אין אַ האַלבע שעה אַרום — ווי זי האָט געזאָגט.

ער האָט אויפגעדרייט דאָס ליכט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. ער האָט געקוקט אויף איר אומבאַוועגלעך, שטום.

און דאָס גאַנצע גליק איז ערגיץ נעלם געוואָרן — און ס'האָט סיא ווידער אַרומגענומען אַ געפיל פון פוסטקייט און לער־קייט. און ווידער האָט אים גענומען עגבערן אין מוח דערדאָזיקער משונהדיקער אומצוטרוי — דערדאָזיקער נאַגנדיקער חשד —

צי האָט זי גענומען דעם געטראַנק — כדי אים צו באַרויקן? צי האָט זי נאָר געוואַרט — ביז ער וועט איינשלאָפן — און דאַן— דאַן? וואָס דאַן?

ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון איר. ער איז געזעסן לעבן איר און געטשאַטעוועט. ער האָט אַראָפּגעדרייט דאָס ליכט, האָט זיך אַוועקגעלייגט און געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט געשלאָפן — ער האָט געקעמפּט מיט שטאַרקן חילן קעגן זיין מידקייט.

ער האָט זיך איינגעהערט — געוואַכט שעהנלאַנג.

אָבער גאָרנישט, גאָרנישט. — ער האָט קוים געהערט איר אָטעם.

דערנאָך — אין אַ פּאָר שעה אַרום — איז ער איינגעשלאָפן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ שפּעט. זייער פריש. זייער געזונט. און שטאַרק, ווי זינט חדשים נישט.

אָבער לאָטע וואָן נעס איז געלעגן, פּונקט אַזוי ווי בײַנאַכט, איבערגעדעקט ביז צום האַלז און איז פעסט געשלאָפן.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז ווידער אַריינגעגאַנגען אין איר צימער. זי איז נאָך אַלץ געשלאָפן.

ער איז אַהיימגעפאָרן. אין עטלעכע שעה אַרום האָט ער צו איר אָנגעקלונגען. אָבער דאָס שטובמיידל האָט געענטפערט; די גנעדיקע פרוי שלאָפט נאָך אַלץ. און זי האָט מיר בעכטן אָנגעזאָגט, אַז כ'זאָל זי נישט וועקן, ביז זי וועט נישט אַליין אויפוואַכן.

— ער האָט אונטערגעטריבן זיין פערד און גענומען רייטן אין גאַלאָפּ, פילנדיק זיך געזונט און שטאַרק, ווי קיינמאָל נישט.

ער האָט בײַ זיך געטראַכט, אַז ער האָט זי ביטער באַוויזן מיט זיין חשד.

היינט נאָך מוז ער זיך מיט איר זען. ער וועט אַנידערקניען פאַר איר, קושן אירע הענט און איר זאָגן, ווי ליב ער האָט זי —

פלוצלינג זענען אים געקומען אויפן רעיון די שפּיציקע שערעלעך און די בלאַנקע, שאַרפע מעסערלעך, וואָס זענען געלעגן בײַ איר אויפן נאַכט־טישל, בעת ער איז אַריינגעקומען אין צימער. ער האָט זיך געהאַט פאַרגענומען, אַז ער זאָל דערויף גוט אַכטונג געבן. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן דערין, בעת ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט.

צו וואָס זענען זיי דאָרט געלעגן? וואָס האָט זי געוואָלט מיט זיי טון? וואָס איז מיט זיי געשען אין דערדאָזיקער נאַכט?

אפשר סאָרט — בעת ער איז געשלאָפן — ?
אָבער וואָס איז געווען, וואָס ?
ער האָט גאָרנישט געקאָנט אויסגעפינען.
אָבער דער חשד האָט אים ווידער אָרומגעכאַפּט, שטאַרק
און פעסט, אַריינגעבויערט די שאַרפע נעגל אין זיין מוח — און
האָט אים נישט אָפּגעלאָזט —

סוף פון ערשטן טייל.

JEWISH CULTURAL CLUB • OF SASKATOON
אידישער
קולטור פאראיין
סאסקאטון